STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03362

ZSHAN KRISTOF

Romain Rolland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

Maurice Jaffe

זשאַן קריסטאָף

פינפטער באַנד

י אַ ר י ד

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1931

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie"
B. Kleckina, Wilno Kwaszelna 23

אַ שמועס פונם מחבר
מיט זיין שאָטן

אי ך

ס'איז אוודאי אַ געוועט, קריסטאָף? האָסט באַשלאָסן צו צעקריגן מיך מיט דער גאַנצער וועלט?

קריסטאָף

מאַך זיך נישט פאַרחידושט. פון דער ערשטער מינוט אָן האָסטו געוווסט, וווהין איך פיר דיך.

אי ך

דו קריטיקירסט צופיל זאַכן. רעגסט-אויף דיינע שונאים, און דיינע פריינד ברענגסטו אין אַ פאַרלעגנהייט. ווייסטו דען נישט, אַז ווען אין אַן אָנגעזעענער שטוב גייט עפּעס נישט אַלץ כשורה, איז נישט טאַקטיש צו רעדן דערפון?

קריסטאָף

וואָס קאָן איך העלפן? איך בין נישט קיין דערצויגענער מענטש.

אי ך

איך ווייס עס: ביסט אַ הוראָן. שלימזל! זיי האַלטן דיך פאַר אַ שונא פון דער גאַנצער וועלט. אין דיין לאַנד גופא האָסטו שוין גע- קראָגן אַ נאָמען פאַר אַ פיינט פון דייטשלאַנד. אין מיין לאַנד וועט מען דיך האַלטן פאַר אַן אַנטי-פראַנצויז, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — פאַר אַן אַנטיסעמיט. היט זיך! זאָלסט נישט רעדן וועגן די יידן...

זיי האָבן געטון צופיל גוטס, מ׳זאָל רעדן אויף זיי שלעכטס...

קריסטאָף

פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן אַלץ, וואָס איך טראַכט, סיי דאָס גוטע סיי דאָס שלעכטע?

איך

דו רעדסט, דער עיקר, נאָר שלעכטס.

קריסטאָף

דאָס גוטע וועט קומען שפּעטער. צי דאַרף איך זיי מער נושא פּנים זיין, ווי די קריסטן? אויב איך מעסט זיי מיט אַ פּולער מאָס, איז עס דערפאַר, ווייל עס לוינט די מי. איך מוז זיי געבן אַן אָרט אויבן-אָן, ווייל זיי האָבן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אונזער מערב, ווי דאָס ליכט לעשט זיך אויס, און ווייל אַנדערע פון זיי דראָען אונזער ציוויליזאַציע מיט טויט. כ׳ווייס אָבער גוט, אַז עס זענען פאַראַן צווישן זיי מענטשן פון גרויסע מעשים און גרויסן געדאַנק. כ׳ווייס, אַז זייער ראַסע פאַרמאָגט נאָך איין גרויסע מעלה. איך קען דעם גאַנצן מסירת-נפש, די שטאָלצע אומבאַפלעקטקייט, די גאַנצע ליבע און שטרעבונג צום גוטן, די אומדערמידלעכע ענערגיע, די עקשנות-דיקע און פאַרבאָרגענע אַרבעט פון טויזנטער פון זיי. איך ווייס, אַז ס׳איז פאַראַן צווישן זיי אַ גאָט. און דערפאַר בין איך בייז אויף די, וואָס פאַרלייקענען אים, אויף די, וואָס פאַרראַטן זייער פאָלק צוליב נידעריקן ערפאָלג און נבזהדיקן גליק. בעת איך באַקעמף זיי, הייסט עס, אַז איך שטעל זיך אויף דער זייט פון זייער פאָלק קעגן זיי גופא. פּונקט ווי בעתן אָנגרייפן שלעכטע פראַנצויזן, פאַרטיידיק איך דערמיט פראַנקרייך:

איך

זון מיינער, דו מישסט זיך אַריין אין זאַכן, וואָס געהערן נישט צו דיר. דערמאָן זיך נאָר די פּרוי פון סגאַנאַרעל, וואָס האָט געוואָלט קריגן שמיץ באַהאַלטענערהייט... די ענינים פון פאָלק ישראל גייען אונדז נישט אָן. און וואָס שייך פראַנקרייך, איז זי ווי מאַרטין: זי איז מסכים צו קריגן שמיץ, נאָר זי דערלויבט נישט צו זאָגן, אַז מ׳האָט זי געשמיסן.

קריסטאָף

פונדעסטוועגן דאַרף מען דאָך איר זאָגן דעם אמת, בפרט ווען מ׳האָט זי ליב. ווער וועט עס איר זאָגן, אויב נישט איך? — דו וועסט

דאָך עס נישט טון. איר זענט אַלע געקניפּט און געבונדן צווישן זיך מיט געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, התחייבותן און מניעות איינער בנוגע דעם צווייטן. איך אָבער — מיך בינדט נישט גאָרנישט, איך בין נישט פון אייער וועלט. כ'האָב זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין קיין איינער פון אייערע מחלוקתן, אין קיין איינער פון אייערע פּאַרטייען. קיין זאַך צווינגט מיך נישט צו זינגען מיט אייך אין כאָר אָדער צוזאַמען מיט אייך צו שווייגן.

א י ך

ביסט אַ פרעמדער.

ק ר י ס ט אָ ף

יאָ, מ'וועט עס טאַקע זאָגן, נישט אמת? אַ דייטשער מוזיקער האָט נישט דאָס רעכט אייך צו משפּטן און וועט אייך נישט פאַרשטיין? — גוט, אפשר האָב איך אַ טעות; אָבער איך וועל אייך לכּל־הפּחות זאָגן, וואָס ס'טראַכטן וועגן אייך אַנדערע גרויסע אויסלענדער, וואָס דו קענסט זיי פּונקט ווי איך, — די גרעסטע צווישן אונזערע טויטע און לעבעדיקע פריינד. — אויב זיי האָבן אַ טעות, פאַרדינען אָבער זייערע געדאַנקען, מ'זאָל זיך באַמיען זיי צו פאַרשטיין; זיי קאָנען אייך אויסערדעם ברענגען נוצן. ס'איז מער כּדאַי אויסצוהערן זיי, איידער אָן אויפהער זיך איינצורעדן, אַז די גאַנצע וועלט איז אַנטציקט פון אייך, און זיך אַליין צו באַוואונדערן אָדער — אַן אַנדערש מאָל—זיך מבטל מאַכן. צו וואָס טויג אייך פון צייט צו צייט אויפצוהייבן אַ געשריי, ווי דער שטייגער איז ביי אייך, אַז איר זענט דאָס גרעסטע פאָלק אויף דער וועלט, — און דערנאָך, אַז די מפּלה פון די לאַטיינישע ראַסן איז שוין אַ פאַקט, וואָס האָט קיין תרופה נישט; — פריער שרייט איר, אַז אַלע גרויסע אידעען שטאַמען פון פראַנקרייך, — און דערנאָך, אַז איר טויגט נישט מער, ווי נאָר צו ווילן אייראָפּע. מ'דאַרף אייך נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער מחלה, וואָס פרעסט אייך אויף, כּדי אייער געפיל פאַרן קאַמף צו באַפרייען דאָס לעבן און כּבוד פון אייער ראַסע — זאָל אייך נישט דערדריקן, נאָר פאַרקערט: אויפרודערן. ווער ס'האָט געפילט, ווי די נשמה צאַפּלט אינם גוף פון דער דאָזיקער ראַסע, וואָס וויל נישט שטאַרבן, דער איז בכּוח און איז מחויב אויפצודעקן אירע אַלע חסרונות און לעכערלעכקייטן, כּדי זיי צו באַקעמפן — דער עיקר די חסרונות, וואָס עקספּלואַטירן זי און לעבן אויף איר חשבון.

א י ך

לאָז צורו פראַנקרייך, אפילו אויב דו ווילסט זי פֿאַרטיידיקן. שטערסט די אָרנטלעכע מענטשן אין זייער רו.

ק ר י ס ט אָ ף

די אָרנטלעכע מענטשן, — בלי ספק, — די אָרנטלעכע מענטשן, וואָס נעמען זיך צום האַרצן, ווייל די וועלט געפֿינט נישט איין, אַז אַלץ איז ביי זיי וויל און גוט, ווייל מ'ווייזט זיי אָן אַזוי פֿיל טרויעריקע און מיאוסע זאַכן! זיי זענען אַליין עקספּלואַטירט, נאָר זיי ווילן זיך נישט מודה זיין. ס'איז זיי אַזוי שווער פֿעסטצושטעלן ביי אַנדערע עפּעס שלעכטס, אַז זיי ווילן ליבערשט אַליין פֿאַלן אַ קרבן. זיי ווילן, אַפֿנים, מ'זאָל זיי לפּחות איין מאָל אין טאָג איבערחזרן, אַז זיי זענען נאָך אַלץ די בעסטע נאַציע אויף דער וועלט און אַז

„...דו וועסט בלייבן, אָ פֿראַנקרייך, די ערשטע...”

און נאָכדעם, ווען זיי קילן זיך אָפּ, לעגן זיי זיך שלאָפֿן, — בעת די אַנדערע גייען אַוועק, יעדערער צו זיינע עסקים... גוטע, אויסגעצייכנטע מענטשן כ'האָב זיי מצער געווען. כ'וועל זיי פֿאַרשאַפֿן נאָך מער צער. זאָלן זיי מיר מוחל זיין... נאָר אויב זיי ווילן נישט, מ'זאָל זיי העלפֿן קעגן זייערע אונטערדריקער, זאָלן זיי לכל־הפּחות אַ טראַכט טון, אַז די אַנדערע זענען אונטערדריקט, פּונקט ווי זיי און זענען זיך דאָך נישט מייאש און מאַכן זיך נישט קיין פּוסטע אילוזיע, — די אַנדערע, וואָס זייער רעזיגנאַציע אַליין און זייערע אילוזיעס גיבן זיי איבער די אונטערדריקער. וויפֿל יסורים ליידן זיי, די דאָזיקע! טו נאָר אַ טראַכט! וויפֿל האָבן מיר זיך אָנגעליטן! און אַזויפֿיל אַנדערע מענטשן צוזאַמען מיט אונז. — בעת מיר האָבן טאָג־איין טאָג־אויס צוגעזען, ווי ס'שאַפֿט זיך אַלץ אַ שווערערע אַטמאָספֿער, אַ צעקאַלעטשעטע קונסט, אַן אוממאָראַלישע און ציניש פּאָליטיק, אַ מנוולדיקער געדאַנק, וואָס גיט זיך איבער דעם אָטעם פֿונם גאָרנישט מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל... דאָרטן זענען מיר געווען, צוגעדריקט זיך איינער צום צווייטן און שווער מיט אַנגסט געאָטעמט. אַך! מיר האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט אַ שיין ביסל שווערע יאָרן. זיי שטעלן זיך גאָרנישט פֿאָר, אונזערע לערער, ווי שטאַרק אונזער יוגנט האָט זיך געמאַטערט און געליטן אין זייער שאָטן!... מיר האָבן זיך געראַנגלט. מיר האָבן זיך געראַטעוועט... און מיר זאָלן נישט ראַטעווען די אַנדערע! מיר זאָלן זיי לאָזן דורכמאַכן די זעלבע מאַטערנישן און נישט אויסשטרעקן

זײ קײן האַנט! נײן, זײער גורל איז געבונדן מיט אונזערן. עס זענען דאָ מיליאָנען מענטשן אין פראַנקרײך, וואָס טראַכטן דאָס, וואָס איך זאָג אויפן קול. איך ווײס, אַז איך רעד פאַר זײ. אויב אַזוי, וועל איך רעדן אויך וועגן זײ. איך איל זיך צו ווײזן די אמתע פראַנקרײך, די אונטערדריקטע, טיפע פראַנקרײך: — יידן, קריסטן, מענטשן, וואָס זענען פרײ פון יעדן גלויבן און פון וועלכן עס איז בלוט. — אָבער כדי צו דערגײן ביז צו דער אמתער פראַנקרײך, דאַרף מען קודם-כל מאַכן אַ וועג צווישן די, וואָס היטן די טיר פון זײער הויז. לאָז זיך די שײנע געפאַנגענע אָפּשאָקלען פון איר אַפּאַטיע און צעברעכן לסוף די ווענט פון איר תפיסה. זי קען נישט איר אײגענעם כוח און ווײסט נישט, ווי מיטלמעסיק אירע קעגנער זענען.

איך

ביסט געדעכט, נשמה מײנע. טו, וואָס דו ווילסט, נאָר זאָלסט נישט האַסן.

קריסטאָף

איך פאַרמאָג נישט קײן שום האַס. אפילו בעת איך טראַכט וועגן די גרעסטע רשעים צווישן מענטשן, ווײס איך גוט, אַז זײ זענען מענטשן, וואָס לײדן, ווי מיר און וואָס וועלן אַ געוויסן טאָג שטאַרבן. אָבער איך מוז זײ באַקעמפן.

איך

מלחמה האַלטן הײסט: טון שלעכטס יענעם, אפילו אויב דו ביסט אויסן אַ טובה. די יסורים, וואָס דו קאָנסט דערבײ אָנטון אײן לעבעדיקן מענטשן, — צי, וועגן זײ, נישט איבער די טובה, וואָס דו רעכנסט טון די שײנע אָפּגעטער: דער „קונסט“ אָדער דער „מענטשהײט“.

קריסטאָף

אויב דו טראַכסט אַזוי, זאָג זיך אָפּ פון דער קונסט און זאָג זיך אָפּ פון מיר.

איך

נו, פאַרלאָז מיך נישט! וואָס וועט פון מיר ווערן אָן דיר? — אָבער ווען וועט קומען דער שלום?

קריסטאָף

ווען דו וועסט זיגן. אינגיכן... בקרוב... קוק, איבער אונזערע קעפּ ציען שוין די פרילינג-שוואַלבן.

איך



קריסטאָף

חלום נישט, גיב מיר דיין האַנט, קום.

איך

איך מוז דיר נאָכגיין. שאָטן מיינער.

קריסטאָף

ווער פון אונז איז דעם צווייטנס שאָטן?

איך

ווי גרויס דו ביסט געוואָרן! כ׳דערקען דיך נישט.

קריסטאָף

אָט גייט שוין אונטער די זון.

איך

כ׳האָב דיך מער ליב געהאַט אַלס קינד.

קריסטאָף

לאָמיר גיין! עס זענען אונז געבליבן בלויז עטלעכע שעה ביז סוף טאָג.

ר. ה.

יאַריד

אומאָרדנונג אין אַ כֿלומרשטער אָרדנונג. אָפּגעלאָזענע, היימישע באַן-באַאַמטע, פּאַסאַזשירן, וואָס פּראָטעסטירן קעגן געזעץ און זיי וואַרפֿן זיך אים בשעת-מעשה אונטער...

קריסטאָף איז אין פֿראַנקרייך.

נאָכדעם ווי ער האָט באַפֿרידיקט דעם נייגער פֿון די שטייער-באַאַמטע, האָט ער געקויפֿט אַ בילעט קיין פּאַריז. די נאַכט האָט צו-געדעקט די פֿעלדער, וואָס זענען געווען אַדורכגעווייקט פֿונם רעגן. דאָס שטאַרקע ליכט פֿון די באַן-לאַמטערנעס האָבן נאָך בולטער גע-מאַכט דעם טרויער פֿונם אומענדלעכן פֿלאַכלאַנד, וואָס האָט זיך גע-צויגן אין דער טונקלקייט. די צוגן, וואָס ער האָט וואָס-ווייטער, אַלץ מער אָנגעטראָפֿן, האָבן דורכגעשניטן די לופֿט מיט זייער פֿייפֿן, און אויפֿגעטרייסלט די איינגעדרימלטע רייזנדע פֿון זייער פֿאַרגליווערונג. מ׳האָט זיך דערנענטערט צו פּאַריז.

אַ שעה פֿאַרן אָנקומען פֿון צוג איז קריסטאָף גרייט געווען אַרויסצושטייגן: ער האָט אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן און פֿאַרקנעפּלט זיך ביזן האַלז צוליב מורא פֿאַר גנבים, וואָס פּאַריז, ווי מען האָט אים געזאָגט, האָט געווימלט פֿון זיי; ער האָט זיך צוואַנציק מאָל אויפֿגעשטעלט און זיך אַנידערגעזעצט; ער האָט צוואַנציק מאָל איבערגעשטעלט זיין רענצל פֿון דער פּאָליצע אויף דער באַנק און פֿון דער באַנק אויף דער פּאָליצע — און דערמיט אויפֿגערייצט זיינע שכנים, וועלכע ער האָט מיט זיין שטענדיקער אומגעלומפּערטקייט יע-דעס מאָל אַ שטויס געטון.

אינמיטן דער נאַכט איז מען צוגעקומען צום וואָקזאַל און דער צוג איז פּלוצלינג שטיין געבליבן. קריסטאָף האָט צוגעדריקט זיין

פנים צום פענסטער און אומזיסט באַמיט זיך עפּעס צו זען. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע מיטפאָרער און געקוקט אויף זיי מיט אַ בליק, וואָס האָט געבעטן אַ דערלויבעניש אָנצוהייבן אַ שמועס און זיך אַ פרעג צו טון, ווו זיי זענען אין דער וועלט. אָבער יענע האָבן געדרימלט אָדער געמאַכט זיך דרימלענדיק, מיט צעקנייטשטע, לאַנגווייליקע פנימער; קיינער האָט מיט קיין מינדסטער באַוועגונג נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרוואונדערונג, אַלמאַי דער צוג איז געבליבן שטיין. קריסטאָפן האָט איבעראַשט די דאָזיקע גלייכגילטיקייט. אָט די אָנגעכמורעטע און פאַרשלאָפענע ברואים זענען אַזוי ווייניק ענלעך געווען צו די פראַנצויזן, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט! ער האָט פאַרלוירן זיין מוט און לסוף זיך געזעצט אויף זיין פעקל, פאַלנדיק ביי יעדן טרייסל, וואָס דער צוג האָט געגעבן; ער איז שוין אויך געשלאָפן, ווען ס'האָט אים אויפגעוועקט דער טומל פון די געעפנטע טירן... פאַריז!... זיינע שכנים זענען שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען.

געשטויסן פון אַלע זייטן און אַליין שטופנדיק זיך, האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער האָט אָפּגעשטופּט פון זיך די טרעגער, וואָס האָבן ביי אים געוואָלט נעמען זיין פעקל. ער איז געווען פול מיט חשד, ווי אַ פויער, און נאָר געטראַכט, אַז יעדער איינצער וויל אים באַגנבענען. ער האָט אַרויפגעלעגט זיין טייערע וואַליזע אויפן אַקסל און זיך געלאָזט גיין, נישט לעגנדיק קיין אַכט אויף די אויסגעשרייען פון די מענטשן, דורך וועלכע ער האָט זיך געמאַכט אַ וועג. לסוף האָט ער זיך געפונען אויפן גלאַטן פאַריזער ברוק.

ער איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיין משא, מיט דער פראַגע פון אַ נאַכט-לעגער, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסקלייבן, און מיט די וועגענער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום אים, — ער זאָל געדענקען אויף עפּעס אַ קוק צו טון אַרום זיך. קודם-כל האָט ער געמוזט דינגען ערגעץ אַ צימער. האָטעלן האָבן נישט געפעלט: זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם וואָקזאַל פון אַלע זייטן, און זייערע נעמען האָבן געגלאַנצט מיט גאַז-אותיות. קריסטאָף האָט געזוכט אַ האָטעל מיט וואָס-ווייניקער גלאַנץ: קיין איינער האָט נישט אויסגעזען גענוג באַשיידן פאַר זיין קעשענע. לסוף האָט ער אין אַ זייטיקער גאַס דערזען אַ שמוציקע אַכסניא מיט אַ קרעטשמע אויפן אונטערשטן שטאָק. זי האָט געהייסן „ציוויליזאַציע-האָטעל”. אַ דיקער מענטש אָן אַן אויבער-מלבוש, האָט גערויכערט ביים טיש אַ ליולקע; ער איז אַרויסגעלאָפן קריסטאָפן

אַנטקעגן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קריסטאָפס זשאַרגאָן, נאָר פון ערשטן אויגנבליק האָט ער דערקענט אין אים דעם אומגעשיקטן, קינדערשן דייטש, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אַראָפּצונעמען זיין פּעקל און געוואָלט דווקא אַריינלאָפן אַ שמועס אין אַ לעכערלעך-צעבראָכענער שפּראַך. ער האָט אים אַרויפגעפירט דורך טרעפּ, ווו ס'האָט זיך גע-שפּירט אַ שלעכטער ריח, אין אַ דושנעם צימער, וואָס האָט אַרויסגע-קוקט אינעווייניק, צום הויף. ער האָט, נאַטירלעך, באַלד גענומען רימען די שטילקייט פונם הויף, ווו ס'קומט נישט צו קיין שום גערויש פון דרויסן, — און אָנגעבאָטן פאַרן צימער אים אַ פעסטן פרייז. קריסטאָף האָט שלעכט פאַרשטאַנען זיינע רייד, דערצו האָט ער נישט געקענט די לעבנס-באַדינגונגען פון פּאַריז, ער האָט געפילט זיך מיד אונטער זיין משא. און ער האָט אויף אַלץ מסכים געווען: ער האָט געוואָלט וואָס-גיכער בלייבן אַליין. נאָר קוים איז ער געבליבן אַליין, האָט די שמוציקייט גענומען קריכן צו אים פון אַלע זייטן; און כדי זיך נישט אונטערצוגעבן דעם טרויער, וואָס האָט אים גענומען באַהערשן, האָט ער זיך צוגעאיילט אַרויסצוגיין, נאָכדעם ווי ער האָט געוואַשן דעם קאָפּ אין דעם בלאָטיקן, פאַרפעטסטן וואַסער. ער האָט זיך גענג-שטרענגט נישט צו זען און נישט צו פילן, אַבי צו פאַרטרייבן דעם עקל.

ער איז אַראָפּ אין גאַס. דער אָקטאָבער-נעפּל איז געווען געדיכט און דורכדרינגלעך; ער האָט פאַרמאָגט דעם באַזונדערן דומפּן ריח פון פּאַריז, ווו ס'מישן זיך צונויף דער רויך פון די פאָרשטעט-פאַבריקן און דער שווערער אָטעם פון שטאָט. צען טריט אַרום זיך האָט מען גאָרנישט געקאָנט זען. דער שיין פון די גאַז-לאַמטערנעס האָט געצי-טערט, ווי אַן אויסגייענדיק ליכט. אין דעם האַלב-חושך איז אַ המון מענטשן געפלאָסן אין פאַרשידענע ריכטונגען. די פאָרנדיקע וועגן האָבן זיך געקרייצט, זיך געשטויסן איינס אָן אַנדערן, געבליבן שטיין אין וועג און פאַרמאַכט דעם דורכגאַנג, ווי אַ צוים. די פערד האָבן זיך גע-גליטשט אויף דער פאַרגליווערטער בלאָטע. די קללות פון די פורמאַ-נעס, די טרומייטערלעך און גלעקלעך פון די טראַמוואַיען האָבן אָנגע-מאַכט אַ פאַרטויבנדיקן ליאַרעם. דער טומל, דער גערויש און דער ריח האָבן קריסטאָפן אַ שלאָג געטון אין קאָפּ און אין האַרצן. קריסטאָף איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין, אָבער באַלד איז ער געוואָרן מיטגע-שלעפּט מיטן שטראָם מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען הינטער אים,

ער איז אַראָפּ אין דעם שטראַסבורג־בולוואַר, נישט זעענדיק גאָר נישט אַרום זיך, און געשטויסן אומגעלומפּערט די פֿאַרבייגייער. ער האָט נישט געגעסן פֿון אינדערפֿרי אָן. די קאַפּע־הייזער, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף טריט און שריט, זענען אים נישט געווען צום האַרצן צוליב דעם גרויסן המון, וואָס האָט זיך דאָרט געשטופּט. ער האָט זיך געווענדט צו אַ פּאָליציאַנט. נאָר ער האָט אַזוי פֿאַמעלעך צוגעקליבן די ווערטער, אַז יענער האָט זיך אַפֿילו נישט געגעבן קיין מי אויסצוהערן אים ביזן סוף און אין מיטן דעם זאַץ האָט ער אים געוויזן דעם רוקן, הויבנדיק מיט די אַקסלען. ער איז ווייטער מעכאַניש געגאַנגען. פֿאַר אַ געוויסער קראָם האָבן זיך אַלע מענטשן אָפּגעשטעלט. ער איז אויטאָמאַטיש געבליבן שטיין, פּונקט ווי זיי. דאָס איז געווען אַ געשעפֿט פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס און פּאָסט־קאַרטלעך, וואָס האָבן פֿאָרגעשטעלט מיידלעך אין העמדער אָדער אינגאַנצן נאַקעט; אילוסטרירטע זשורנאַלן האָבן געוויזן אויסגעלאַסענע בילדער. קינדער און יונגע פֿרויען האָבן זיך רויק צוגעקוקט. אַ מאָגער מיידל מיט רויטע האָר האָט, דערזעענדיק קריסטאָפֿן פֿאַרטיפֿט אין די בילדער געמאַכט אים אַ פֿאָרשלאַג. ער האָט זי אָנגעקוקט און נישט פֿאַרשטאַנען. זי האָט אים געגומען אונטערן האַנט מיט אַ נאַרישן שמייכל. ער האָט זיך אַרויסגעריסן און רויט פֿון כּעס איז ער אַוועק. קאָנצערט־קאַפֿעען האָט ער באַגעגנט אויף טריט און שריט; פֿאַר די טירן זענען געהאָנגען אַפֿישן, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויסגעמאָלט משונהדיקע קאָמעדיאַנטן. דער המון איז געוואָרן אַלץ גרעסער; קריסטאָף איז געווען איבעראַשט פֿון דער ריזיקער צאָל אויסגעלאַסענע פּנימער, פֿאַרדעכטיקע שלעפּערס, געמיינע קבצנים, געמאַליעוועטע מיידלעך מיט עקלדיקע ריחות. ער האָט זיך געפֿילט דערפֿרוירן. די מידקייט, אָפּגעשוואַכטקייט און שרעקלעכער עקל, וואָס איז פֿון מינוט צו מינוט געוואַקסן, האָבן אים געשווינדלט אין קאָפּ. ער האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ציין און צוגעאיילט די טריט. דער נעפּל איז גערדיכטער געוואָרן, וואָס־מער ער האָט זיך דערנענטערט צום טייך סען. די ענגשאַפֿט פֿון די וועגלעך איז געוואָרן ממש נישט אַדורכצודרינגען. אַ פֿערד האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געלעגן אויף אַ זייט; דער אָנטרייבער האָט עס געשמיסן, עס זאָל אויפֿשטיין; די אָרעמע חיה, צוגעדריקט פֿון די לייצעס, האָט זיך געוואָרפֿן און פֿיינלעך צוריקגעפֿאַלן, אומבאַוועגלעך, ווי אַ טויטע. דאָס דאָזיקע באַנאַלע בילד איז געווען פֿאַר קריסטאָפֿן דער

װאַסער-טראָפּן, װאָס האָט פֿאַרפֿלײצט די נשמה. די קאָנװולסן פֿון אָט דעם בידנעם באַשעפֿעניש צװישן אַזעלכע גלײכגילטיקע בליקן האָבן אים געלאָזט פֿילן מיט שטאַרקן פּחד זײן אײגענע נישטיקײט צװישן די מיליאָנען ברואים; — דער עקל פֿאַר די דאָזיקע חיות-מענטשן. װעלכן ער האָט זיך באַמיט צו דערשטיקן אין זיך זינט אַ שעה צײט, דער עקל פֿאַר אָט דער פֿאַרפּעסטעטער אַטמאָספֿער, פֿאַר אָט דער מאַראַליש-פֿײנטלעכער װעלט, האָט זיך איצט אַרױסגעריסן מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז ס'האָט אים פֿאַרהאַקט דעם אָטעם. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ספּאַזמע, די פֿאַרבײגײער האָבן פֿאַרחידושט אָנגעקוקט דאָס גרױסע ײנגל מיטן װײטיקלעך-צעקרומטן פּנים. ער איז געגאַנגען. די טרערן האָבן זיך געקײקלט לענג-אױס זײנע באַקן, און ער האָט זײ אַפֿילו נישט געפּרוּװט אָפּצװישן. מענטשן זענען געבליבן שטײן אױף אַ װײלע און אים נאָכגעקוקט; װען ער װאָלט געװען מסוגל צו לײענען אין דער נשמה פֿונם דאָזיקן המון, װאָס האָט אים אױסגעזען פֿײנטלעך, װאָלט ער אפֿשר געקאָנט זען בײ װעמען-עס-איז אַ ברודערלעכן מיטלײד, געמישט בלי-ספֿק מיט אַביסל פֿאַריזער איראָניע פֿאַר יעדער לעכערלעכקײט פֿון אַ נאַיװן װײטיק, װאָס דעקט זיך אַלײן אָפּ פֿאַר אַלעמענס אױגן. אָבער ער האָט גאָרנישט נישט געזען: זײנע טרערן האָבן אים בלינד געמאַכט.

ער האָט זיך געפֿונען אױף אַ פּלאַץ, נאָענט צו אַ גרױסן פֿאָנטאַן. ער האָט זיך געװאַשן די הענט און דאָס פּנים. אַ קלײנער צײטונגס-פֿאַרקױפֿער האָט אים נײגעריק אָנגעקוקט, מאַכנדיק חוזקדיקע באַמערקונגען, אָבער אָן בײזװיליקײט; ער האָט אים דערלאַנגט דאָס היטל, װאָס קריסטאָף האָט אַראָפּגעלאָזן אױף דר'ערד. דאָס אײז-קאַלטע װאַסער האָט קריסטאָפֿן אָפּגעפֿרישט. ער האָט פֿרײער אָפּגעאָטעמט. ער איז געגאַנגען צוריק, נישט אַרומקוקנדיק זיך; ער האָט איצט געטראַכט נאָר װעגן עסן: ס'איז אים געװען אוממעגלעך צו טראַכטן װעגן עפּעס-אַנדערש; די מינדסטע קלײניקײט װאָלט אױפֿגעעפֿנט װידער דעם קװאַל פֿון זײנע טרערן. ער איז געװען אױסגעשעפּט. ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין װעג, געבלאָנדזשעט בלינד און געבליבן ענדלעך שטײן פֿאַר זײן שטוב, אין אַ מאָמענט, װען ער האָט שױן געגלױבט, אַז ער איז לחלוטין אַ פֿאַרלױרענער: — ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן דעם נאָמען פֿון דער גאַס, װו ער האָט געװױנט.

ער איז אַרײן אין זײן שמוציקן צימער. הונגעריק, מיט ברע-

בענדיקע אויגן, מיט אַ צעבראָכן האַרץ און צעבראָכענע איברים, איז ער אַראָפּגעזונקען אין אַ שטול, אין אַ ווינקל פון צימער; אָט אַזוי איז ער געבליבן זיצן אַ צוויי שעה, אומפעיק זיך אַ ריר צו טון. לסוף האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דער אַפּאַטיע און זיך געלעגט שלאָפן, ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ היציקער פאַרגליווערונג, פון וועלכער ער האָט זיך אַלע פינף מינוט אויפגעכאַפּט, מיט דער אילוזיע, אַז ער שלאָפט שוין לאַנגע שעהן. די לופט אין צימער איז געווען דושנע; ער האָט געברענט פון קאָפּ ביז די פיס, געפילט אַ שרעקלעכן דורשט, פאַרכאַפּט געוואָרן פון נאַרישע קאָשמאַרן, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אָן אים, אַפילו בעת ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן; שטעכעדיקע פּחדים, ווי מעסער, האָבן אים אַדורכגענומען. אינמיטן דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אַזוי אכזריותדיק פאַרצווייפלט, אַז ער האָט געוואָלט שרייען; ער האָט זיך אַריינגעשטעקט די קאָלדרע אין מויל, מ׳זאָל נישט דערהערן: ער האָט געפילט, אַז אָט־אָט גייט ער פון זינען אַראָפּ. ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט און אָנגעצונדן אַ ליכט. ער איז געווען באַדעקט מיט שווייס. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געעפנט זיין רענצל, כּדי אַרויסצונעמען אַ טיכעלע און צופעליק אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף אַן אַלטער ביבל, וואָס די מאַמע האָט אים אַריינגעלעגט צווישן דער וועש. קריסטאָף האָט גאַנץ ווייניק געלייענט פון דעם בוך, נאָר אין דעם מאָמענט איז עס געווען פאַר אים אַן אויסערגעוויינלעך גליק. די דאָזיקע ביבל האָט געהערט צו זיין עלטער־זיידן, נאָך צום זיידנס פאָטער. די פאַמיליען־עלטערן האָבן דאָרט אַריינגעשריבן אויף אַ ווייס זייטל ביים סוף זייערע נעמען און די וויכטיקע דאַטעס פון זייער לעבן: געבורטן, חתונות, טויט־פאַלן. דער זיידע האָט מיט אַ בלייפעדער פאַרצייכנט מיט זיין גרויסן כּתב די דאַטעס פון די טעג, ווען ער האָט געלייענט אָדער אַ צווייט מאָל איבערגעלייענט, יעדן קאַפּיטל; דאָס בוך איז געווען פול מיט שטיקלעך געל פּאַפּיר, ווו דער אַלטער פלעגט פאַרצייכענען זיינע נאַיווע רעפלעקסן. די ביבל פלעגט ליגן אויף דער פּאָליצע, וואָס איבער זיין בעט; ער פלעגט זי אָפט נעמען אין האַנט, בעת די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, און פלעגט מער שמועסן מיט איר, איידער לייענען. זי איז אים געווען אַ טרייע פריינדין ביז דער שעה פון זיין טויט, ווי זי האָט פריער אַמאָל באַגלייט זיין פאָטער. אַ הונדערט יאָר ליידן און פריידן פון אַ משפּחה איז געווען פאַרבאָרגן

אין אָט דעם בוך. קריסטאָף האָט זיך מיט דער ביבל געפילט ווייני־
קער איינזאַם.

ער האָט געעפנט די אָפּגעריבנסטע זייטן:

„דאָס לעבן פונם מענטשן אויף דער ערד איז אַן אייביקער קריג,
און זיינע טעג זענען, ווי די טעג פון אַ פאַרדונגענעם...
ווען איך לעג זיך, זאָג איך: ווען וועל איך אויפשטיין? און ווען
איך שטיי אויף, וואַרט איך אָפּ אומגעדולדיק דעם אָוונט און בין
פול מיט ווייטיק ביז נאַכט...
ווען איך זאָג: מיין בעט וועט מיך טרייסטן, דער אָפּרו וועט
לינדערן מיינע יסורים, — דעמאָלט שרעקסטו מיך מיט חלומות און
צעטומלסט מיך מיט חזיונות...

ווי לאַנג וועסטו מיך נישט אָפּלאָזן? וועסט מיר קיין רו נישט
געבן, כ'זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם? — האָב איך געזינדיקט?
וואָס האָב איך אַזוינס געטון קעגן דיר, אָ, וועכטער פון מענטשן?..
אַלץ קערט זיך אום צום זעלבן: גאָט שטראָפט דעם גערעכטן פונקט
ווי דעם רשע...
נאָר ווען ער הרגעט מיך אַפילו, וואָלט איך נישט אויפגעהערט
האָפן צו אים!..“

די וואָלגאַרע הערצער קענען גאָרנישט פאַרשטיין, וויפל גוטס
פאַרן אומגליקלעכן עס פאַרמאָגט אין זיך דער דאָזיקער אומענדלעכער
טרויער. אַלץ, וואָס איז גרויס, איז גוט, און דער אויסגאַנג פונם ווײ־
טיק איז באַפרייונג. דער דורכשניטלעכער ווייטיק און די דורכשניטלע־
כע פרייד, די עגאָיסטישע, בייזע ליידן, אָן כוח זיך אָפּצורייסן פונם
פאַרלוירענעם תענוג און די פאַרבאָרגענע גרייטקייט אויף אַלע געמיינ־
הייטן, אַבי צו דערגרייכן אַ נייעם תענוג, — דאָס דערדריקט, דער־
שלאָגט און מאַכט חרוב אויף אייביק די נשמה. קריסטאָפן האָט אָפּגע־
פרישט דער שאַרפער אָטעם, וואָס האָט צו אים אַרויפגעשטיגן פונם
אַלטן בוך: דעם אָטעם פון סיני, די איינזאַמע מדבריות און ברייטער
ים האָבן אַרויסגעראַמט דאָס מיסט. קריסטאָפס היץ איז געפאַלן. ער
האָט זיך ווידער געלעגט, אַ באַרויקטער, און געשלאָפן מיט איין אָטעם
ביז צומאָרגנס. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז שוין געווען טאָג;
ער האָט נאָך בולטער געזען דעם שמוץ פון זיין צימער; ער האָט
געפילט זיין עלנט און איינזאַמקייט, נאָר געקוקט זיי גלייך אין די

אויגן אַריין, די מוטלאָזיקייט איז אַוועק; ס'איז אים נאָר פאַרבליבן אַ מענלעכע מעלאַנכאָליע. ער האָט איבערגעחזרט איובס ווערטער.

„אַפילו ווען גאָט וועט מיך טויטן, וועל איך נישט אויפהערן האָפן צו אים..."

ער האָט זיך אויפגעהויבן און רויק זיך געגרייט צום קאַמף.

דעמזעלבן פרימאָרגן האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן די ערשטע שריט. ער האָט געהאַט בלויז צוויי באַקאַנטע אין פּאַריז, צוויי יונגע-לייט פון זיין שטאָט: זיין אַמאָליקן פריינד אָטאָ בינער, וואָס איז גע-ווען אַ שותּף מיט זיינעם אַ פעטער, אַ טוך-סוחר אין דער געגנט פון מעל, און אַ קליינעם יידן פון מאַינץ, סילווען קאָן, דוכט זיך, אַן אָנ-געשטעלטער אין אַ גרויסער בוכהאַנדלונג, וואָס איר אַדרעס האָט קרי-סטאָף נישט געוווּסט.

ווען ער איז אַלט געווען פערצן אָדער פופצן יאָר איז ער גע-ווען מיט דינערן זייער נאָענט*). ער האָט געפילט צו אים יענעם מין פריינדשאַפט, וואָס קומט פריער פאַר דער ליבע און וואָס איז שוין גופא אַ מין ליבע. דינער האָט אים אויך ליב געהאַט. דער דאָ-זיקער גרויסער, שעמעוודיקער און דיקער יינגל האָט זיך געלאָזט מיט-רייסן פון קריסטאָפס ווילדער אומאָפּהענגיקייט; ער פלעגט זיך באַמיען אויף אַ לעכערלעכן אופן אים נאָכצוטון: דאָס האָט קריסטאָפן פאַר-דראָסן און בשעת-מעשה אויך הנאה געטון. דעמאָלט האָבן זיי זיך אַרומגעטראָגן מיט פּראָיעקטן, וואָס האָבן געזאָלט איבערקערן די וועלט. שפּעטער איז דינער אָפּגעפאָרן, כדי צו לערנען די האַנדלס-וויסנשאַפט, און פון יענער צייט אָן האָבן זיי זיך מער נישט געזען; קריסטאָף פלעגט אָפטמאָל באַקומען וועגן אים ידיעות דורך זיינע לאַנדס-לייט, מיט וועלכע דינער איז געשטאַנען אין שטענדיקע באַ-ציונגען.

וואָס שייך סילווען קאָן, האָבן זיינע באַציונגען מיט קריסטאָפן

---

*) זע „זשאַן-קריסטאָף", באַנד II „פרימאָרגן".

געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער. זיי האָבן זיך געקענט אַלס קליינע חברה-לייט אין דער שול, ווו דער קליינער מחבל פלעגט אונטער-שטעלן אַלעמאָל קריסטאָפן אַ פיסל און פלעגט כאַפן פעטש פון קרי-סטאָפן, בעת ער האָט געכאַפּט, אַז יענער האָט אים אָפּגעטון אַ שפּיצל. קאָן האָט זיך נישט פאַרטיידיקט; ער פלעגט זיך לאָזן וואַרפן אויף דר׳ערד, ער פלעגט איינגראָבן דאָס פּנים אין שטויב און געוויינט; אָבער באַלד פלעגט ער מיט אַן עקשנותדיקער בייזוויליקייט ווידער אָנ-הויבן זיינע שטיק; ביז איינמאָל האָט ער אויף אַן אמת מורא גע-קראָגן, ווייל קריסטאָף האָט אים ערנסט געדראָט, אַז ער וועט אים דערהרגענען.

קריסטאָף איז אַרויס פון צימער גאַנץ פרי. אין וועג איז ער אָפּגעטרעטן אין אַ קאַפע און געפרישטיקט. ער האָט זיך אַליין גע-צוואונגען, קעגן זיין אייגנליבע, נישט דורכצולאָזן קיין שום געלעגנ-הייט צו רעדן פראַנצויזיש. קוים האָט ער געדאַרפט לעבן אין פראַנק-רייך אפשר לאַנגע יאָרן, האָט ער זיך געמוזט וואָס גיכער צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון לעבן און באַזיגן זיין עקל. ער האָט דעריבער באַשלאָסן נישט צו לייגן קיין אַכט, הגם ער האָט דערפון שרעקלעך געליטן, אויף דער חוזק-מינע פונם גאַרסאָן, וואָס האָט מיט שפּאָט אויסגעהערט זיין מאָדנעם לשון; און נישט אַראָפּפאַלנדיק פון מוט, האָט ער מיט מאַטערניש געבויט פאַרמלאָזע זאַצן, וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג עקשנותדיק איבערגעחזרט ביז מ׳פלעג פאַרשטיין.

ער האָט זיך געלאָזט זוכן דינערן. לויט זיין שטייגער, ווען ער האָט געהאַט עפּעס אַ געדאַנק אין קאָפּ, האָט ער גאָרנישט געזען אַרום זיך. בעת דעם דאָזיקן ערשטן שפּאַציר, האָט פּאַריז געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק פון אַן אַלטער, שלעכט איינגעהיטער שטאָט. קריסטאָף איז געוווינט געווען צו די נייע דייטשע קייזערלעכע שטעט, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען זייער אַלט און זייער יונג און האָבן געגעבן צו פילן דעם שטאָלץ פון אַ נייער קראַפט; ער איז געווען אומאַנגענעם איבעראַשט צו זען די גאַסן פול מיט גריבער, פאַרבלאָטיקטע שאָ-סייען און מענטשן, די אומאָרדנונג פון די פאָרנדיקע וועגלעך,—וואָגנס פון אַלע מינים און כלערליי פאָרמען: בייכיקע פערד-אָמניבוסן, גאַז-טראַמווייען און עלעקטרישע טראַמווייען, און פון אַלע סיסטעמען—צוימען אויף די טראָטואַרן, הילצערנע כאַמוטעס פאַר פערד, וואָס האָבן אויסגעזען גיכער ווי רינעס, אויף די פּלעצער, וואָס זענען פול געווען

מיט מענטשן-סטאַטועץ אין קליידער. מיט איין וואָרט—עפּעס אַן עופות-נעסט אין דער פאָרם פון אַ מיטלאַלטערלעכער שטאָט, וואָס די אַלגע-מיינע אָפּשטאַמונג האָט, אמת, געווירקט אויף איר צום גוטן און וואָס האָט אָבער נישט געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך די קבצנישע שמאַטעס. דער שטאָט-נעפּל איז איבערגעגאַנגען אין אַ דורכדרינגלעכן רעגן. אין צַסך געוועלבער האָט געברענט דער גאַז, הגם ס׳איז שוין געווען נאָך צען אַ זייגער.

נאָכדעם ווי ער האָט געבלאָנדזשעט אינם פּלאָנטער פון די גאַסן, וואָס זענען געווען בשכנות מיטן נצחון-פּלאַץ, איז ער אָנגעקו-מען אויף דער באַנק-גאַס צום געשעפט, וועלכן ער האָט געזוכט: אַרייַנ-גייענדיק, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז טיף אין לאַנגן, פינס-טערן געוועלב, צווישן פיל אָנגעשטעלטע, שטייט דינער. נאָר ער איז געווען אַביסל קורצזיכטיק און נישט געגלויבט זיינע אויגן, הגם זיי האָבן אים זעלטן אָפּגענאַרט. ווען קריסטאָף האָט דעם באַאַמטן, וואָס האָט אים אויפגענומען, געזאָגט וועמען ער דאַרף, איז צווישן דער גרופּע מענטשן געוואָרן אַ שטיקל גערודער; מ׳האָט זיך דאָרט אין דער שטיל עפּעס באַראַטן, און באַלד האָט זיך אַ יונגערמאַן אָפּגעזונ-דערט פון דער גרופּע און געזאָגט צו קריסטאָפן אויף דייטש.

— הער דינער איז אַרויסגעגאַנגען.

— אַרויסגעגאַנגען? אויף לאַנג?

— אַזוי גלויב איך. ער איז נישט לאַנג אַרויס.

קריסטאָף האָט אַ ווײַלע נאָכגעקלערט און שפּעטער געזאָגט:

— גוט, כ׳וועל צוּוואַרטן.

דער באַאַמטער האָט צעטומלט גיך צוגעגעבן:

— ער וועט אפשר נישט קומען פריער, ווי אין אַ צוויי-דריי שעה אַרום.

— אָ, ס׳מאַכט נישט אויס, — האָט קריסטאָף געענטפערט רויק.— כ׳האָב סיי-ווי-סיי נישט, וואָס צו טון אין פּאַריז. כ׳קאָן וואַרטן אַפילו אַ גאַנצן טאָג, אויב מ׳דאַרף.

דער יונגערמאַן האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט און געמיינט, אַז ער שפּאַסט. אָבער קריסטאָף האָט אים שוין אין זינען נישט גע-האַט. ער האָט זיך רויק געזעצט אין אַ ווינקל, מיטן רוקן צו דער גאַס, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט נישט בדעה פון דאַנען זיך צו רירן.

דער אָנגעשטעלטער איז צוריק אַוועק צו זיינע קאָלעגן און געשושקעט זיך מיט זיי; אין זייער לעכערלעכער פאַרלעגנהייט האָבן זיי געזוכט אַ מיטל פּטור צו ווערן פון דער צוטשעפּעניש.

בעת זיי האָבן זיך אַזוי געוואַקלט, האָט זיך געעפנט די טיר פון ביוראָ און ס׳האָט זיך באַוויזן דער הער דינער. ער האָט געהאַט אַ ברייט, רויט פּנים, מיט צוויי בלויע שראַמען אויף דער באַק און אויפן קין, מיט בלאָנדע וואָנסן, גלאַטע, אין דער זייט פאַרקעמטע האָר, מיט גאָלדענע ברילן, גאָלד-קנעפּ אויף דער וועסט און פינגערלעך אויף די דיקע פינגער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט זיין הוט און זיין שירעם, ער איז צוגעגאַנגען צו קריסטאָפן מיט אַ העפלעכער מינע. קריסטאָף, וואָס איז געזעסן אַ פאַרחלומטער, האָט זיך דערשטוינט אַ הויב געטון פון שטול. ער האָט אַ כאַפּ געטון דינערן פאַר די הענט און מיט אַ הילכיקער האַרציקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטיל געלעכטער ביי די אָנגעשטעלטע און אַ בלויקייט אויף דינערס פּנים, אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט. דער געערטער הער דינער האָט געהאַט זיינע סיבות, וואָס צוליב זיי האָט ער קיין חשק נישט געהאַט אָנצוקניפּן מיט קריסטאָפן די אַלטע באַציונגען; און באַלד פון ערשטן אויגנבליק האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרט צו האַלטן זיך פון אים פונדערווייטנס דורך זיינע אימפּאָזאַנטע מאַנירן. אָבער ווי-נאָר ער האָט דערזען קריסטאָפן, האָט ער זיך ווידער דערפילט אין זיין קעגנוואַרט, ווי אַ קליין יינגל; ער איז געווען בייז און פאַרשעמט. ער האָט גיך אַרויסגעשטאַמלט:

— אין מיין קאַבינעט... ס׳וועט אונז זיין באַקוועמער צו שמועסן.

קריסטאָף האָט באַלד דערקענט זיין שטענדיקע פאָרזיכטיקייט,

אָבער אין קאַבינעט, וואָס זיין טיר איז געווען פאָרזיכטיק פאַרמאַכט, האָט זיך דינער נישט געאיילט פאָרצולעגן קריסטאָפן אַ שטול. ער איז געבליבן שטיין, דערקלערנדיק מיט אַ גראָבער אומגעלומפּערטקייט:

— כ׳בין זייער צופרידן... כ׳האָב געהאַלטן ביים אַרויסגיין... מ׳האָט גערעכנט, אַז איך בין שוין אַרויס... נאָר כ׳מוז טאַקע גיין... כ׳האָב קוים אַ מינוט צייט... אַ וויכטיק באַגעגעניש...

קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אָנגעשטעלטער האָט אים מיט עטלעכע מינוט צוריק געזאָגט פּשוט אַ ליגן, און אַז אויף דעם דאָזיקן ליגן האָט ער געהאַט דינערס הסכּמה. אַבי פון אים פּטור צו

ווערן. דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין; נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און טרוקן געזאָגט:

— עס יאָגט נישט.

דינער איז געווען אויסער זיך פון זיין חוצפּה.

— וואָס! עס יאָגט נישט?—האָט ער געזאָגט.—אַ געשעפט-זאַך...

קריסטאָף האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין:

— ניין.

דער גרויסער בחור האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט אמת פּיינט געהאַט קריסטאָפן, וואָס קעגן אים האָט ער זיך געפילט אַזוי שוואַך. ער האָט דערשלאָגן געשטאַמלט. קריסטאָף האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— נו,—האָט ער געזאָגט—דו ווייסט...

(דינערן, וואָס האָט זיך פון די ערשטע מינוטן אָן באַמיט צו מאַכן אַ מחיצה צווישן זיך און קריסטאָפן און אים געאירצט, האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס יענער דוצט אים).

— דו ווייסט וואָס איך בין געקומען אַהער?

— יאָ, איך ווייס,—האָט דינער געענטפערט.

(ער איז שוין דורך זיינע קאָרעספּאָנדענצן געווען אינפאָרמירט וועגן קריסטאָפס געשיכטע און וועגן דעם, אַז מזוכט אים אַרום).

— ווייסטו, הייסט עס, — האָט קריסטאָף ווייטער גערעדט, — אַז איך בין נישט געקומען אַהער פון הנאה וועגן. כ'האָב געמוזט אַנטלויפן, איך פאַרמאָג גאָרנישט און לעבן מוז איך.

דינער האָט געוואַרט, קריסטאָף זאָל אים בעטן אַ הלוואה. ער האָט אָנגענומען זיינע רייד מיט אַ געמיש פון צופרידנקייט — (ווייל דאָס האָט געקאָנט אַרויסווייזן קריסטאָפן זיין אויבערמאַכט) — און פון פאַרלעגנהייט — (ווייל ער האָט קיין מוט נישט געהאַט צו לאָזן אים פילן די דאָזיקע העכערקייט אין אַזאַ מאָס, ווי ער האָט געוואָלט).

— אַך,—האָט ער מיט ווייכקייט געענטפערט, — ס'איז זייער שווער, זייער שווער. דאָס לעבן איז דאָ שווער. אַלץ איז טייער. מיר האָבן ריזיקע הוצאות. און מיט די אַלע אָנגעשטעלטע...

קריסטאָף האָט מיט פאַראַכטונג איבערגעשלאָגן די רייד:

— איך בעט נישט ביי דיר קיין געלט.

דינער איז געוואָרן צעטומלט. קריסטאָף האָט ווייטער גערעדט:

— עס גייט דיר גוט? האָסט אַ פיינע קונדשאַפט?

— יאָ, יאָ, נישקשה, אַ דאַנק גאָט... — האָט דינער פּאָרזיכטיק געענטפערט.

(ער האָט עפּעס חושד געווען).

קריסטאָף האָט אים צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק און זיך אָנגערופן:

— קענסט אַסאַך מענטשן אין דער דייטשער קאָלאָניע?

— יאָ.

— גוט, דערציי׳ל זיי וועגן מיר. זיי זענען מסתמא מוזיקאַליש און האָבן קינדער. כ׳וועל גע לעקציעס.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס האָט דינערן אַריינגעבראַכט אין אַ פֿאַרלעגנהייט.

— וואָס איז? — האָט קריסטאָף געפרעגט. — צווייפלסט אפשר, צי איך קען גענוג מוזיק, צו געבן לעקציעס?

ס׳האָט אויסגעזען, פּונקט ווי נישט ער וואָלט געבעטן אַ טובה, נאָר דינער. דינער ווידער, וואָס האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געטון קריסטאָפן קיין טובה, סיידן אַז קריסטאָף זאָל זיך פילן קעגן אים פֿאַרפליכטעט, האָט באַשלאָסן ביי זיך נישט צו טון פֿאַר אים קיין האַנט אין קאַלט וואַסער.

— דו קענסט טויזנט מאָל מער, ווי מ׳דאַרף... נאָר...

— נאָר וואָס?

— נאָר זעסטו, ס׳איז שווער, זייער שווער, צוליב דיין לאַגע.

— מיין לאַגע?

— יאָ... סוף־כל־סוף, דער גאַנצער ענין, דער פּראָצעס... ווען מ׳זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן... ס׳איז מיר שווער. ס׳קאָן מיר פֿאַרשאַפן פיל שלעכטס.

ער איז געבליבן שטיין, ווייל ער האָט דערזען, אַז קריסטאָפס פּנים האָט זיך אַזש פֿאַרקרימט פון כעס; ער האָט גיך צוגעגעבן:

— ס׳האַנדלט זיך נישט וועגן מיר... איך האָב נישט קיין מורא... אָ, ווען איך בין אַליין!.. נאָר מיין פעטער... דו ווייסט דאָך, דאָס הויז געהערט צו אים, אָן אים קאָן איך קיין זאַך נישט טון...

דערשראָקן פון קריסטאָפס בייזן פּנים און פונם אויסברוך, וואָס האָט זיך געגרייט, האָט ער גיך גערעדט — (אייגנטלעך איז ער נישט געווען קיין שלעכטער; אין אים האָט זיך די קאַרגשאַפט געראַנגלט מיט דער תאווה צו כבוד: ער האָט געוואָלט קריסטאָפן אַ טובה טון

און דערמיט אים פֿאַרפֿליכֿטן צו זיך, אַבי ס'זאָל נישט קאָסטן טייער):
— ווילסט פּופּציק פראַנק?
קריסטאָף איז געוואָרן רויט, ווי בלוט. ער איז צוגעגאַנגען צו דינערן מיט אַזאַ אויסזען, אַז יענער האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן צו דער טיר און זי געעפֿנט, גרייט צו רופֿן הילף. נאָר קריסטאָף האָט בלויז דערנענטערט זיין בלוט-רויטן געזיכֿט צו דינערן.
— חזיר! — האָט ער אַ געשריי געטון אויפֿן גאַנצן קול.
קריסטאָף האָט אים אָפּגעשטויסן פֿון וועג און זיך געלאָזט אַרויס צווישן די אָנגעשטעלטע. אויף דער שוועל האָט ער אַ שפּיי געטון פֿון עקל.

ער איז מיט גרויסע טריט געלאָפֿן איבערן גאַס. ער איז גע-ווען שיכּור פֿון כּעס. דער רעגן האָט אים אָפּגעפּרישט. וווּהין גייט ער? ער האָט נישט געוווּסט. ער האָט קיינעם נישט געקענט. פֿאַר אַ בוכהאַנדלונג איז ער געבליבן שטיין אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און נישט-ווילנדיק האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף די ביכֿער אין שויפֿענסטער. אויף איין שער-בלאַט האָט ער דערזען עפּעס אַ באַקאַנטן נאָמען פֿון אַ פֿאַרלעגער. ער האָט גענומען נאָכקלערן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אַזוי הייסט דאָס געשעפֿט, ווו סילוועין קאָהן איז אָנגעשטעלט. ער האָט פֿאַרשריבן דעם אַדרעס... אייגנטלעך צו וואָס? ער וועט זיכער אַהין נישט גיין... צו וואָס זאָל ער אַהין גיין?.. אויב דער מנוול דינער, זיין אַמאָליקער פֿריינד, האָט אים אַזוי מקבל פּנים געווען, וואָס האָט ער שוין צו דערוואַרטן פֿון אַ ליַ, וועלכן ער פֿלעגט אָן רחמנות באַהאַנדלען, און וועלכֿער האָט אים מסתּמא פֿיינט? אומ-זיסטע בזיונות? זיין בלוט האָט זיך אין אים געבונטעוועט. — נאָר דער איינגעבוירענער פּעסימיזם, וואָס האָט זיך אפֿשר גענומען פֿון זיין קריסטלעכֿער דערציונג, האָט אים געשטויסן אויסצוטרינקען דעם כּוס פֿון מענטשלעכֿער רשעות ביזן סוף.
— כ'האָב נישט קיין רעכֿט זיך אָפּצוזאָגן. מען מוז פֿריער פֿאַ-זוכֿן און שפּעטער אויסקרענקען.
אַן אינערלעכֿע שטים האָט זיך אין אים אָפּגערופֿן:

— און איך וועל נישט אויסקרענקען.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעחזרט דעם אַדרעס און געלאָזט זיך גיין צו סילוועז קאָן ער איז גרייט געווען אים צו פּאַטשן ביי דעם ערשטן חוצפּהדיקן וואָרט.

דאָס הויז פונם פאַרלאַג איז געווען אין דער מאָדעלען-געגנט. קריסטאָף איז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק און געפרעגט אויף סילוועז קאָן. אַ דינער אין אַ ליווריי האָט אים געענטפערט, אַז „ער קען אים נישט". קריסטאָף האָט פאַרחידושט געמיינט, אַז ער רעדט שלעכט אַרויס, און האָט איבערגעחזרט די פראַגע; נאָר יענער האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און שפּעטער פעסטגעשטעלט, אַז אינעם הויז איז נישט פאַראַן קיינער מיט אַזאַ נאָמען. קריסטאָף האָט זיך אַ דער-שלאָגענער אַנטשולדיקט און געלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג, — ווען ס'האָט זיך טיף אין קאָרידאָר געעפנט אַ טיר, און ער האָט דערזען קאָנען גופא, ווי ער באַגלייט אַרויס אַ דאַמע. נאָך דער באַליידיקונג פון די-נערס צד, איז ער גענויגט געווען צו גלויבן אין דער רגע, אַז אַלע דערנידעריקן אים. קודם-כל איז אים איינגעפאַלן, אַז קאָן האָט אים געזען גייענדיק און באַפוילן דעם יינגל צו זאָגן, אַז ער איז נישטאָ, אָט די גראָבקייט האָט אים פשוט פאַרהאַקט דעם אָטעם. אַ באַליידיק-טער האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, ווען ער האָט דערהערט, אַז מ'רופט אים. מיט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן האָט אים קאָן דער-זען פונדערווייטן און געלאָזט זיך לויפן צו אים מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אויסגעשטרעקטע הענט, די אַלע סימנים פון אויסערגע-וויינלעכער פרייד.

סילוועז קאָן איז געווען קליין, ברייטאַקסלדיק, אינגאַנצן ראַזירט לויטן אַמעריקאַנער שטייגער, רויטהויטיק, מיט זייער שוואַרצע האָר, מיט אַ ברייטן, דיקן פּנים, מגושמדיקע שטריכן, קליינע אויגלעך, צע-קנייטשטע און אַרומשווינדלענדיקע, מיט אַביסל אַ קרום מויל און אַ שווערן, כיטרען שמייכל. ער איז געווען אָנגעטון מיט אַ באַזונדערער עלעגאַנץ, וואָס האָט זיך באַמיט צו פאַרדעקן די חסרונות פון זיין קערפּער, זיינע הויכע אַקסלען און ברייטע זייטן, דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט פאַרשאַפט זיין אייגנליבע צער; ער וואָלט צוגע-נומען מיטן גאַנצן האַרצן עטלעכע פוס-שטויסן אין הינטן, אַבי ער זאָל ווערן אַביסעלע העכער און קריגן אַ דינערע טאַליע, איבעריקנס איז ער געווען שטאַרק צופרידן פון זיך און געטראַכט, אַז קיין זאַך קאָן

אים נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. און צום שענסטן איז, וואָס באמת איז טאַקע אַזוי געווען- אָט דער קליינער דייטשער ייד, וואָס בטבע איז ער געווען אַזוי שווער, גראָד ער איז געווען דער כראָניקער און דעה-זאָגער אין די ענינים פון פאַריזער עלעגאַנץ. ער האָט געשריבן מיט אַ קאָמפליצירטער ראַפינירטקייט וועגן דער מאָדע. ער איז געווען דער קעמפער פאַרן שיינעם פראַנצויזישן סטיל, פאַר דער פראַנצויזישער עלעגאַנץ, פאַרן פראַנצויזישן גייסט,—פאַרוואַלטער, דער „טאַלאָן רוזש” און „לאָצען”. מ'האָט חוזק געמאַכט פון אים, נאָר דאָס האָט אים נישט געשטערט צו האָבן הצלחה. די, וואָס זאָגן, אַז דאָס לעכערלעכע אין אַ מענטשן הרגעט אים אין פאַריז אַוועק, די קענען נישט פאַריז; נישט נאָר וואָס מ'שטאַרבט נישט דערפון, נאָר מ'האָט נאָך דערפון פרנסה; אין פאַריז פירט דאָס לעכערלעכע צו אַלץ. אפילו צו רום, אפילו צו עשירות. סילווען קאָן האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו ציילן די ליבע-דערקלערונגען, וואָס זיינע פראַנקפורטער מעשים האָבן אים איינגעשאַפט.

ער האָט גערעדט מיט אַ שווערן אַקצענט און מיט אַ קאָפּ-שטים.

—אַך! אַ סיורפריז!—האָט ער פריילעך געשריגן, דריקנדיק קריסטאָפס האַנט אין זיינע רויטע, קורצפינגערדיקע הענט, וואָס זייער הויט האָט, דאַכט זיך, קוים איינגעהאַלטן זייער פלייש. ער האָט נישט געקענט פוילן ביי זיך אָפּצולאָזן קריסטאָפן, מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין בעסטן פריינד. קריסטאָף האָט געפרעגט ביי זיך, צי סילווען קאָן מאַכט נאָר אפשר גאָר חוזק פון אים. אָבער קאָן האָט נישט געטריבן קיין קאַטאָוועס. אָדער אויב אפילו יאָ, איז נישט מער, ווי שטענדיק. קאָן האָט נישט געטראָגן קיין שום כעס אין האַרצן: ער איז געווען צו קלוג דערצו. ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן קריסטאָפס שלעכטע באַהאַנדלונג; און אויב ער האָט זיך דערמאָנט, האָט עס אים ווייניק-וואָס געאַרט. ער האָט פשוט געחלומט וועגן אַזאַ געלעגנהייט זיך צו ווייזן פאַר אַן אַלטן חבר אין דער וויכטיקער ראָלע פון זיין נייער פונקציע און מיט דער עלעגאַנץ פון זיינע פאַריזער מאַניערן. ער האָט קיין ליגן נישט געזאָגט, רעדנדיק וועגן זיין צופרידענער איבעראַשונג: אויף קריסטאָפן האָט ער זיך לחלוטין נישט געקאָנט ריכטן; און הגם ער האָט נישט געצווייפלט, אַז קריסטאָף איז געקומען אַהער מיט אַ באַשטימטן צוועק, איז ער דאָך געווען גרייט אים אַנטקעגן צוקומען, וויל דאָס האָט באַטייט, אַז זיין

העכערקייט און קראַפט ווערן דורך קריסטאָפן אָנערקענט.

— איר קומט פון דער היים? ווי גייט דער מאַמע? — האָט ער געפרעגט מיט היימישקייט, וואָס וואָלט אין אַן אַנדער צייט קרי-סטאָפן שאָקירט. נאָר איצט, אין דער פרעמדער שטאָט, האָט זי אים זייער דערפרייט.

— אָבער וואָס הייסט עס, — האָט קריסטאָף אַביסל מיט חשד געפרעגט, — וואָס מיט אַ ווײַלע צוריק האָט מען געזאָגט, אַז הער קאָן איז דאָ נישטאָ?

— הער קאָן איז דאָ נישטאָ, — האָט קאָן לאַכנדיק געזאָגט. — איך הייס שוין נישט קאָן. איך הייס האַמילטאָן.

ער האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן.

— זייט מוחל, — האָט ער געזאָגט.

ער איז געגאַנגען דריקן די האַנט אַ דורכגייענדיקער דאַמע און פאַרקרימט דאָס פּנים אין אַ שמייכל. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ פרוי אַ שרייבערין, וואָס אירע ראָמאַנען זענען בארימט מיט זייער ברענענדיקער תאווה. די מאָ-דערנע סאַפאָ האָט געטראָגן אויף איר בלוזקע אַ פיאָלעטן באַנד; זי האָט געהאַט פיינע גלידער און העל-בלאָנדע האָר איבערן לאַכעדיקן, געפאַרבטן פּנים; זי האָט גערעדט וועגן פרעטענציעזע זאַכן מיט אַ מענער-שטים, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פראַנס-קאָמטעיִשן אַקצענט.

קאָן האָט גענומען אויספרעגן קריסטאָפן. ער האָט זיך נאָכגע-פרעגט אויף אַלע מענטשן פון זייער געבורטס-שטאָט, געפרעגט וואָס מאַכט דער און וואָס מאַכט יענער, באַווייזנדיק זיך בעת-מעשה קאָקע-טיש, אַז ער געדענקט אַלעמען. קריסטאָף האָט פאַרגעסן זיין אַנטי-פּאַטיע; ער האָט געענטפערט מיט אַ דאַנקבאַרער האַרציקייט, איבער-געבנדיק אַ באַרג מיט פּרטים, וואָס זענען קאָנען געווען לחלוטין גלייכגילטיק. ער האָט ווידער איבערגעשלאָגן:

— זיי מוחל.

און געגאַנגען באַגריסן אַ צווייטע באַזוכערין.

— וואָס הייסט? — האָט קריסטאָף געפרעגט, — צי שרייבן איז פראַנקרייך בלויז פרויען?

קאָן האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט קלוגעריש.

— פראַנקרייך איז אַ פרוי, מיין טייערער. אויב איר ווילט עפּעס דערגרייכן, נוצט עס אויס.

קריסטאָף האָט נישט געהערט די דערקלערונג און ווייטער דער־ציילט זיינע מעשות. כּדי צו מאַכן אַ סוף, האָט קאָן אַ פרעג געטון:

— אָבער צום טייוול, פון וואַנען קומט איר אַהער?

— אָט האָסטו דיר! — האָט קריסטאָף אַ טראַכט געטון. — ער הויבט נישט אָן צו וויסן. אָט פאַרוואָס ער איז צו מיר אַזוי פריינד־לעך. ווען ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער זיך באַלד ענדערן.

ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו דערציילן אַלץ, וואָס האָט אים געקאָנט צום שטאַרקסטן קאָמפּראָמיטירן: דאָס געשלעג מיט די זעלנער, די רדיפות קעגן אים, זיין אַנטלויפן פון לאַנד.

קאָן האָט זיך פשוט געקייקלט פון געלעכטער.

— בראַוואָ! — האָט ער געשריגן, — בראַוואָ! אַך, אַ פּראַכטפולע געשיכטע!

ער האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט. ער איז געווען אַנט־ציקט, ווען מ׳האָט אונטערגעשטעלט אַ פּיסל דער מאַכט, און די דאָזי־קע געשיכטע איז אים נאָך שטאַרקער געפעלן, ווייל ער האָט געקענט אַלע העלדן פון דער געשעעניש: די גאַנצע קאָמישע זייט איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן.

— הערט, — האָט ער ווייטער גערעדט. — ס׳איז שוין נאָך האַלבן טאָג. טוט מיר אָן דאָס פאַרגעניגן... קומט מיט מיר אויף מיטאָג.

קריסטאָף האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען. ער האָט געטראַכט:

— ער איז באמת אַ ווילער מענטש. כ׳האָב געהאַט אַ טעות.

זיי זענען צוזאַמען אַרויס. גייענדיק אין וועג, האָט קריסטאָף געפּרווט איבערגעבן יענעם זיין בקשה:

— איר זעט איצט, ווי מיין לאַגע זעט אויס. כ׳בין געקומען אַהער זוכן אַרבעט, מוזיק־לעקציעס, און וואַרטן, ביז מ׳וועט זיך דער־וויסן וועגן מיר. איר וואָלט מיך געקאָנט רעקאָמאַנדירן?

— אַ פראַגע! — האָט קאָן געענטפערט. — צו וועמען איר ווילט. איך קען דאָ אַלעמען. אַלץ איז צו אייער דינסט.

ער איז געווען גליקלעך אַרויסצווייזן, ווי גרויס זיין השפעה איז.

קריסטאָף האָט אים האַרציק געדאַנקט, ער האָט געפילט, אַז אַ גרויסער שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן.

ביים טיש האָט ער געפרעסן מיט אַן אַפּעטיט פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין צוויי טעג אין זיין מויל נישט געהאַט. ער האָט זי פאַרבונדן די סערוועטע אונטערן האַלז און געגעסן מיטן מעסער. קאָן־ד

האַמילטאָנען האָט שרעקלעך שאָקירט זיין ווילדער אַפּעטיט און זיינע דאָרפֿישע מאַניערן. חוץ דעם האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס זיין מיטעסער לעגט אַזוי ווייניק אַכט אויף זיין עלעגאַנץ. ער האָט אים געוואָלט איבעראַשן מיט זיינע דערציילונגען וועגן זיינע אינטערע-סאַנטע באַציִונגען און וועגן זיין ערפֿאָלג ביים שיינעם מין; נאָר אומ-זיסט: קריסטאָף האָט נישט געהערט. ער האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד אָן שום קונצן. זיין צונג האָט זיך אויפֿגעבונדן, ער איז געוואָרן היימיש. זיין האַרץ איז פֿול געווען מיט דאַנקבאַרקייט, ער האָט נאַיִוו אָנפֿאַרטרויט קאָנען זיינע פּלענער אויף דער צוקונפֿט, וועלכע האָבן קאָנען שטאַרק געלאַנגווייליקט. דער עיקר האָט אים, ביז פֿאַרצווייפֿלונג, פֿאַרדראָסן, וואָס קריסטאָף האָט אים אַלע וויילע געכאַפּט איבערן טיש די האַנט און הייס זי געדריקט. ער איז שיִר נישט אַרויס פֿון די כּלים, ווען קריסטאָף האָט אויפֿן דייטשן שטייגער געטרונקען און געהאַלטן אַ טאָסט אין סענטימענטאַלע ווערטער לכּבֿוד די, וואָס וווינען ביים פֿאָטער-רהיין. קאָן האָט מיט שרעק אויסגעקוקט די מי-נוט, ווען ער וועט נעמען זינגען. די שכנים האָבן אים אָנגעקוקט אי-ראָניש. קאָן האָט געזאָגט עפּעס אַן אויסרייד, אַז ער האָט וויכטיקע געשעפֿטן, און זיך אויפֿגעהויבן. קריסטאָף האָט אים נישט אָפּגעלאָזט; ער האָט געוואָלט וויסן, ווען ער וועט קענען האָבן אַ רעקאָמענדאַציע, ווען ער וועט אים פֿאַר עמעצן פֿאָרשטעלן און ער וועט קאָנען אָנ-הויבן זיינע לעקציעס.

— איך וועל זיך פֿאַרנעמען דערמיט. היינט. נאָך היינטיקן אָוונט, — האָט צוגעזאָגט קאָן. — איך וועל באַלד רעדן וועגן דעם. איר קענט זיין רויק.

קריסטאָף איז צוגעשטאַנען.

— ווען וועל איך וויסן?

— מאָרגן... מאָרגן... אָדער איבערמאָרגן.

— זייער גוט. איך וועל קומען איבערמאָרגן.

— ניין, ניין, האָט זיך קאָן געאיילט צוצוגעבן. — איך וועל אייך געבן צו וויסן. זייט זיך נישט מטריח.

— אָ, ס'איז נישט שווער פֿאַר מיר. פֿאַרקערט! נישט אמת? כּל־זמן איך וואַרט, האָב איך סיי-ווי-סיי נישט, וואָס צו טון אין פּאַריז.

— צום טייוול! — האָט קאָן געטראַכט...

— ניין, — האָט ער זיך אויפֿן קול אָנגערופֿן, — איך וועל

אייך בעסער שרייבן. די טעג וועט איר מיך נישט טרעפן, גיט מיר אייער אַדרעס.

קריסטאָף האָט אים דיקטירט.

— אויסגעצייכנט. כ'וועל אייך מאָרגן שרייבן

— מאָרגן?

— מאָרגן. איר קענט דאַרויף רעכענען.

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון קריסטאָפס האַנט-דריקעניש און איז אַנטלאָפן.

— אוף!—האָט ער געטראַכט.—דאָס איז אַ נודניק!

ווען ער איז צוריקגעקומען אין ביוראָ, האָט ער אָנגעזאָגט דעם יינגל, אַז ווען דער „דייטש" וועט זיך אויף אים פרעגן, זאָל ער ענטפערן, אַז ער איז נישטאָ.—אין צען מינוט אַרום האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן אים.

קריסטאָף איז אַוועק אין זיין נאָרע. ער איז געווען שטאַרק גערירט.

— אַ גוטער בחור! אַ ווױלער יונג!—האָט ער געטראַכט. —ווי אומ-גערעכט כ'בין געווען צו אים. און ער טראָגט אפילו קיין כעס נישט אויף מיר!

דאָס געוויסן האָט אים געמאַטערט; ער האָט שוין געהאַלטן ביים שרייבן אַ בריוו צו קאָנען, אַז ער האָט חרטה, למאי ער האָט אים אַמאָל שלעכט געאורטיילט, און אַז ער בעט אים איבער פאַר די עוולות, וואָס ער איז קעגן אים באַגאַנגען. ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, טראַכטנדיק דערפון. נאָר אים איז געווען שווערער אָנצושרייבן אַ בריוו, איידער אַ מוזיקאַלישע פּאַרטיציע; און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשאָלטן דעם טינטער מיט דער פעדער פון האָטעל, וואָס האָבן באמת געטויגט אויף כפרות, און נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרשריבן, גע-מעקט און קאַליע געמאַכט אַ פיר אָדער פינף בויגעלעך פּאַפּיר, האָט ער אָנגעוווירן די געדולד און געשיקט אַלץ צו אַלדע רוחות.

דער איבעריקער טייל פונם טאָג האָט זיך אים זייער לאַנג גע-שלעפּט; נאָר קריסטאָף איז געווען אַזוי מיד פון דער שלעכטער נאַכט און פון דעם פרימאָרגנדיקן לויפעניש, אַז ער איז לסוף איינגעשלאָפן אויפן שטול. ערשט אין אָוונט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געלעגט זיך אין בעט; ער איז געשלאָפן נאָכאַנאַנד צוועלף שעה.

צומאָרגנס האָט ער פון אַכט אַ זייגער אָן גענומען וואַרטן אויף דער צוגעזאָגטער תשובה. ער האָט נישט געצווייפלט אין קאָנס פּינקטלעכקייט, ער איז נישט אַרויס פון שטוב, טראַכטנדיק, טאָמער וועט זיך קאָן אַריינכאַפּן צו אים, איידער ער וועט גיין אין ביוראָ. כדי נישט אַרויסצוגיין פון שטוב, האָט קריסטאָף געהייסן זיך ברענגען עסן צו זיך אין צימער פון דעם אונטערשטן רעסטאָראַן. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען וואַרטן, זיכער, אַז קאָן וועט אַריינקומען, גייענדיק צוריק פון מיטאָג. ער איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן צימער, זיך געזעצט, ווידער אויפגעשטאַנען, געעפנט די טיר, וויפל מאָל ס'האָבן זיך געלאָזט הערן טריט אויף די טרעפ. ער האָט נישט געהאַט קיין שום חשק צו גיין שפּאַצירן איבער פּאַריז, כדי צו פאַרקירצן דאָס וואַרטן. ער האָט זיך געלעגט אויפן בעט. זיין געדאַנק האָט זיך אָן אויפהער אומגעקערט צו דער אַלטער מאַמע, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט אויך געטראַכט וועגן אים. נאָר זי אַליין האָט געטראַכט וועגן אים... ער האָט געפילט צו איר אַן אומענדלעכע צערטלעכקייט און אויך חרטה, וואָס ער האָט זי פאַרלאָזן. נאָר געשריבן האָט ער צו איר נישט. ער האָט געוואַרט, ער זאָל קענען איר שרייבן געענוי, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך. נישט געקוקט אויף זייער טיפער ליבע, איז זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, נישט אים, נישט איר, צו זאָגן איינער דער אַנדערער פּשוט, אַז זיי האָבן זיך ליב: אַ בריוו פלעגן זיי שרייבן נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז געווען עפּעס וויכטיקס. — אויסגעצויגן אויפן בעט, מיט די הענט פאַרלעגט אונטערן קאָפּ, האָט ער געטרוימט. הגם זיין צימער איז געווען ווייט פון גאַס, האָט דאָך דער פּאַריזער רעש געשטערט די שטילקייט; די שטוב האָט געציטערט. — ס'איז ווידער געוואָרן נאַכט, און קיין בריוו איז נישט געקומען.

און ווידער איז געקומען אַ טאָג, ענלעך צום פאָריקן.

אויפן דריטן טאָג האָט קריסטאָף דערפילט, אַז זיין פרייוויליקע תפיסה מאַטערט אים שוין צופיל, און ער האָט באַשלאָסן ארויסצוגיין פון צימער. אָבער פונם ערשטן אָוונט אָן, ווי ער איז געקומען קיין

פּאַריז, האָט ער געפּילט צו דער דאָזיקער שטאָט אַן אינסטינקטיוון עקל. ער האָט קיין שום חשק נישט געהאַט עפּעס צו זען, ער איז פּשוט נישט געווען נייגעריק. צו שטאַרק איז ער געווען פאַרנומען מיט זיין אייגענעם לעבן, ער זאָל קאָנען זיך אינטערעסירן דערמיט, ווי ס'לעבן אַנדערע; און די פאַרגאַנגענהייט און די מאָנומענטן פון אַ שטאָט זענען אים קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען. און ווי-נאָר ער האָט זיך געפונען אין דרויסן, איז אים געוואָרן שטאַרק לאַנגווייליק — און הגם ער האָט באַשלאָסן פריער ווי אין אַ וואָך אַרום צו קאָנען נישט צו גיין, איז ער דאָך אַהין צוגעגאַנגען. דער דינער, געטריי דעם באַפעל פון זיין באַלעבאָס, האָט אים דערקלערט, אַז הער האַמילטאָן איז געשעפטלעך אָפּגעפאָרן פון פאַריז. די דאָזיקע ידיעה האָט קריסטאָפן שטאַרק דערשלאָגן. שטאַמלענדיק האָט ער געפרעגט, ווען הער האַמילטאָן קומט צוריק, און דער דינער האָט אים גלאַט אַזוי, אַבי פּטור צו ווערן, געענטפערט:

— אַן ערך אין צען טעג אַרום.

קריסטאָף איז אַוועק דערשלאָגן אַהיים און אין משך פון די קומענדיקע טעג געבליבן פאַרשפּאַרט אין צימער. ער האָט זיך נישט געקאָנט נעמען צו קיין שום אַרבעט. מיט שרעק האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס די מאַמע האָט אים איינגעוויקלט אין אַ טיכל און באַהאַלטן טיף אין זיין רייזע-זאַק, איז זייער גיך אַוועק. ער האָט געגומען ווייניק עסן. נאָר פאַרנאַכט פלעגט ער אַראָפּגיין אין שענק אונטן עסן אָוונט-ברויט, און איז באַלד באַקאַנט געוואָרן צווישן די שענק-איינגייער, וואָס פלעגן אים רופן „פּראַס" אָדער „זויער-קרויט". מיט גרויס מי האָט ער אָנגעשריבן אַ צוויי-דריי פראַנצויזישע בריוו צו עטלעכע מוזיקער, וואָס זייערע נעמען האָט ער קוים געקענט. איינער פון זיי איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק. ער האָט זיי געבעטן אַ דערלויבעניש זיי צו באַזוכן. די משונהדיקע אָרטאָגראַפיע און שווערער סטיל, מיט לאַנגע זאַצן און צערעמאָניאַלע אויסדרוקן, וואָס ווערן באַנוצט אין דער דייטשער שפּראַך, מיטן אַדרעס: Au Palais de l'Academie de France (צום פּאַלאַץ פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע), — האָבןביים מענטשן, וואָס האָט געלייענט דעם בריוו, און ביי זיינע חברים, אַרויסגערופן אַ שטאַרקן געלעכטער.

אין אַ וואָך אַרום איז קריסטאָף ווידער אַוועק אין האַנדלס-הויז

דאָסמאָל האָט ער געהאַט מזל. אויף דער שוועל האָט ער באַגעגנט דעם אַרויסגייענדיקן סילוועןן קאָן. קאָן האָט זיך פאַרקרימט, דערזעענדיק זיך אין אַ שווערער לאַגע; אָבער קריסטאָף איז געווען אַזױ גליקלעך, אַז ער האָט עס ״שט געפילט. ער האָט אים שטאַרק, לויט זיין שטייגער, געדריקט די האַנט און געפרעגט מיט פרייד:

— איר זענט געווען אויף דער רייזע? האָט זי זיך איינגעגעבן?

קאָן האט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער ער איז געבליבן פאַרזאָרגט. קריסטאָף האָט ווייטער גערעדט:

— כ׳בין דאָ שוין איינמאָל געווען... מ׳האָט אייך זיכער איבערגעגעבן... נו, וואָס הערט זיך נייעס? איר האָט גערעדט וועגן מיר? וואָס האָט מען אייך געענטפערט?

קאָן האָט זיך נאָכמער איינגעקאָרטשעט. קריסטאָפן האָט געוווּנדערט זייז גלייכגילטיקייט. ער איז נישט געווען דער זעלבער מענטש.

— כ׳האָב גערעדט וועגן אייך, — האָט קאָן געזאָגט, — אָבער איך ווייס נאָך גאָרנישט. כ׳האָב נישט קיין צייט; זינט איר האָט מיך ס׳לעצטע מאָל געזען, בין איך זייער שטאַרק פאַרנומען. מיינע געשעפטן פאַרדרייען מיר ממש דעם קאָפּ; ווער ווייס, צי איך וועל אַלץ אויספירן; זיי פאַרקירצן מיר פשוט די יאָרן. סוף־כּל־סוף וועל איך זיך לעגן אַ קראַנקער אין בעט.

— פילט איר זיך נישט גוט? — האָט קריסטאָף מיט מיטלייד געפרעגט.

קאָן האָט כיטרע אויף אים אַ קוק געטון און געענטפערט:

— כ׳פיל זיך שלעכט אין געזונט. כ׳ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז אין די לעצטע טעג געוואָרן, איך פיל זיך זייער שלעכט.

— אָ, גאָט מיינער, — האָט קריסטאָף געזאָגט, האַלטנדיק אים פאַרן אָרעם, — קודם־כּל דאַרפט איר זיך היטן. איר דאַרפט זיך אָפּרוען. איך באַדויער שטאַרק, וואָס כ׳האָב אַרויפגעלעגט אויף אייך מיינע דאַגות. איר האָט עס מיר געדאַרפט זאָגן. וואָס טוט אייך וויי?

ער האָט זיך באַצויגן צו קאָנס פאַלשע רייד אַזוי ערנסט, אַז יענער, וואָס איז אַ דאַנק דער קאָמישער האַרציקייט געוואָרן גוט אויפגעלעגט, האָט גענומען פילן אַ שטילע הנאה, וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן אין זיך. די איראָניע איז אַזאַ טייער פאַרגעניגן ביי די יידן (און פיל פאַריזער קריסטן זענען אין דעם זין

יידן), אַז זיי זענען מוחל זייערע שונאים אפילו, וואָס מ׳שטערט זיי כּל זמן יענע גיבן זיי די מעגלעכקייט צו טרייבן קאַטאַוועס; אויסער־דעם האָט קאָנען גערירט קריסטאָפס מיטלייד און אינטערעס פאַר זיין געזונט־צושטאַנד. ער האָט געפילט אַן אינערלעכע נייגונג צו טון אים אַ טובה.

— ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, — האָט ער געזאָגט, — ביז איר וועט קריגן מוזיק־שעהן, אפשר וועט איר אַרבעטן אין אַ מוזיק־פאַרלאַג?

קריסטאָף האָט מסכּים געווען מיט גרויס התלהבות.

— כ׳האָב פאַר אייך אַן ענין. כ׳קען גוט דעם לייטער פונם גרעסטן מוזיק־פאַרלאַג, וואָס הייסט דניאל העכט. כ׳וועל אייך פאַר אים פאָרשטעלן, איר וועט אַליין זען, וואָס איר וועט קענען ביי אים טון. איך, ווי איר ווייסט, בין נישט קיין מבין אין די זאַכן. אָבער העכט איז אַן אמתער מוזיק־מביז און ס׳וועט אייך זיין לייכט מיט אים דורכצוקומען.

זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיך דעם אַנדערן טאָג. קאָן איז נישט געווען בייז, וואָס ער איז דורך אַן אויסרייד פּטור גע־וואָרן פון קריסטאָפן, ווייל גלייכצייטיק האָט ער אים פאַרפליכט צו דאַנקבאַרקייט.

צומאָרגנס איז קריסטאָף אַוועק צו קאָנען אין ביוראָ, אים צו נעמען. לויט זיין עצה, האָט ער מיטגענומען מיט זיך עטלעכע קאָמ־פּאָזיציעס, צו ווייזן העכטן. זיי האָבן געפונען העכטן אין זיין מו־זיק־געשעפט, נאָענט צו דעם אָפּערע־טעאַטער. ווען זיי זענען אַריין, האָט זיך העכט אפילו קיין ריר נישט געטון; ער האָט קאַלט דער־לאַנגט קאָנען צוויי פינגער, און אויף קריסטאָפס העפלעכער באַגריסונג אינגאַנצן נישט געענטפערט. אויף קאָנס בקשה איז ער אַריין מיט זיי אין אַ צווייטן צימער. ער האָט זיי נישט פאָרגעלעגט זיך צו זעצן. אָנגעשפּאַרט אָן דעם נישט־געהייצטן אויוון, האָט ער עקשנותדיק געקוקט אויף דער וואַנט.

דניאל העכט איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, הויך

קאַלט, פיין אָנגעטון, אַ בולטער פעניקישער טיפ; קלוג און נישט-אַני-גענעם לויטן אויסזען: ער האָט געהאַט אַ בייז פנים, שוואַרצע האָר און די באָרד — לאַנג און פירקאַנטיק, ווי ביי אַ אשורישן מלך. ער האָט קיינמאָל נישט געקוקט קיין מענטשן גלייך אין די אויגן אַריין, און פלעגט בטבע רעדן אַזוי קאַלט און גראָב, אַז אַפילו ווען ער פלעגט באַגריסן אַ מענטשן, פלעגט עס יענער אויך אָננעמען פאַר אַ באַליידיקונג. די דאָזיקע חוצפה איז מער געווען לפנים, ווי באמת, זי האָט אָן צווייפל געשטימט מיטן שטריך פון גרינגשעצונג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אָבער נאָכמער האָט דערויף געווירקט דאָס אויטאָמאַ-מאַטישע און געשלאָסענע אין אים! יידן פון דעם מין זענען נישט קיין זעלטנהייט; די גרויסשאַפט איז אומצופרידן מיט זיי: זיי האַלטן די דאָזיקע אָנגעבלאָזענע גלייכגילטיקייט פאַר גאווה, בעת זי איז סרוב נאָר אַן אויסדרוק פון דער אומהיילבאַרער אומגעשיקטקייט פונם גוף און גייסט.

סילוועסן קאָן האָט פאָרגעשטעלט פאַר אים קריסטאָפן מיט גרויס פלאַפלעריי און איבערגעטריבענע שבחים. קריסטאָף, צעטומלט אַביסל פון אַזאַ קבלת-פנים, האָט זיך באַוועגט אויפן אָרט, האַלטנדיק אין האַנט דעם הוט און די כתב-ידן. העכט, וואָס האָט ביז איצט גע ילט קריסטאָפס געגנוואַרט, האָט איצט, ווען קאָן האָט געענדיקט רעדן, אויסגעדרייט גרינגשעצנדיק דעם קאָפ און נישט קוקנדיק אים אין פנים, געזאָגט:

— קראַפט... קריסטאָף קראַפט... קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען.

פאַר קריסטאָפן זענען די דאָזיקע ווערטער געווען, ווי אַ קלאַפ מיטן פויסט גלייך אין דער ברוסט; ער איז רויט געוואָרן און בייז געענטפערט:

— וועט איר הערן אין אַ צייט אַרום.

העכטס פנים האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט, ער האָט רויק, ווי קריסטאָף וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען, צוגעגעבן:

— קראַפט... ניין, איך ווייס נישט.

ער האָט געהערט צו דעם מין מענטשן, וואָס יעדער מענטש האָט ביי זיי אַ קנאַפן ווערט שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז זיי נישט באַקאַנט.

ער האָט צוגעגעבן אויף דייטש:

— איר זענט פונם רהיין־לאַנד? ווונדערלעך, ס׳אַראַ גרויסע צאָל מענטשן עס פאַרנעמען זיך דאָרט מיט מוזיק. דאַכט זיך, נישטאָ דאָרט קיין איין מענטש, וואָס זאָל נישט זאָגן אויף זיך, אַז ער איז אַ מוזיקער.

ער האָט עס געזאָגט לשם שפּאַס און נישט געמיינט קיינעם אָנצורירן, אָבער קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער אַנדערש. ער האָט אים שוין געוואָלט אָפּענטפערן עפּעס רעכטס, נאָר קאָן האָט פאַרכאַפּט.

— זייט מוחל, — האָט ער געזאָגט צו העכטן, — איר וועט דאָך מודה זיין, אַז איך, למשל, פאַרנעם זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן.

— דאָס איז דיין מעלה, — האָט העכט געענטפערט.

— אויב ס׳איז נויטיק נישט צו זיין קיין מוזיקער, כדי אייך געפעלן צו ווערן, — האָט קריסטאָף טרוקן געזאָגט, — באַדויער איך זייער, וואָס איך קאָן אייך קיין נוצן נישט ברענגען.

העכט, מיטן קאָפּ אויסגעדרייט איז אַ זייט, האָט זיך מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט אָנגערופן:

— איר האָט געשריבן מוזיקאַלישע ווערק? וואָס האָט איר גע־שריבן? מסתמא לידער.

— לידער, צוויי סימפאָניעס, סימפאָנישע פּאָעמען, קוואַרטעטן, פיאַנאָ־מוזיק, סצענע־מוזיק, — האָט קריסטאָף מיט כעס געזאָגט.

— אין דייטשלאַנד שרייבט מען אַסאַך, — האָט העכט פריינד־לעך, מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג, געענטפערט. ער האָט זייער פאַר־דעכטיק באַטראַכט אָט דעם פאַרשוין, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזוי פיל ווערק, און ער, דניאל, ווייס נישט וועגן זיי.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — אפשר וועל איך אייך קענען געבן אַרבעט, אַזוי־ווי מיין פריינד האַמילטאָן רעקאָמענדירט אייך. מיר גיבן איצט אַרויס אַ זאַמלונג, אַ ביבליאָטעק פאַר יוגנט, וו ס׳וועלן זיין געדרוקט לייכטע פיאַנע־מוזיק. איר וואָלט געקענט באַאַרבעטן שו־מאַנס קאַרנאַוואַל פאַר זעקס אָדער אַכט הענט.

קריסטאָף האָט אַ קאָך אויף געטון.

— אָט דאָס לעגט איר מיר פאָר, מיר?

דאָס נאַיווע וואָרט „מיר" האָט קאָנען געוויילט, אָבער העכט האָט אויסגעזען באַליידיקט.

— איך ווייס נישט, וואָס איר וווּנדערט זיך דאָ. ס׳איז דאָך

אַ לײַכטע אַרבעט. אויב זי איז בײַ אײַך לײַכט, איז אַוודאי גוט! מיר וועלן זען שפּעטער; איר זאָגט מיר, אַז איר זענט אַן אויסגעצײַכנטער מוזיקער. איך מוז אײַך גלייבן. אָבער סוף־כּל־סוף קען איך דאָך אײַך נישט.

ער האָט אין האַרצן געטראַכט:

— אויב מיר זאָלן גלייבן די דאָזיקע יונגוואַרג, איז ווער ווייס, צי וועלן זיי נישט אָפּנאַרן בראַהמסן אַליין.

קריסטאָף האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט (ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַהערשן), אָנגעטון דעם הוט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. קאָן האָט אים לאַכנדיק פאַרהאַלטן.

— וואַרט, וואַרט! — האָט ער געזאָגט; און ווענדנדיק זיך צו העכטן, צוגעגעבן: — ער האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע פון זײַנע ווערק, כּדי איר זאָלט קאָנען האָבן וועגן אים אַ באַגריף.

— הו! — האָט העכט מיט לאַנגווײַליקייט געזאָגט. — לאָמיר זען.

נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט אים קריסטאָף דערלאַנגט זײַנע כּתבים. העכט האָט פויל געוואָרפן אויף זיי אַ בליק.

— וואָס איז עס? אַ סאָנעטע פאַר פּיאַנאָ...

ער האָט איבערגעלייענט: איין טאָג.

— שטענדיק פּראָגראַם־מוזיק.

נישט געקוקט אויף זײַן אויסערלעכער גלײַכגילטיקייט, האָט ער געלייענט שטאַרק אויפמערקזאַם. ער איז געווען אַ גוטער מוזיקער, אַן אמתער פאַכמאַן, און זײַן גאַנצע וועלט איז באַשטאַנען בלויז פון מוזיק. ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע שטעלן, האָט ער באַלד דערזען, מיט וועמען ער האָט צו טון. ער האָט געשוויגן, מיט פאַראַכטונג מישנדיק די בלעטער. ער האָט זיך זייער געוווּנדערט אויף די פעיקייטן פונם מחבר, וואָס ער האָט אינם כּתב־יד דערפילט, אָבער זײַן נאַטירלעכע עקשנות און אײַגנליבע, וואָס איז דורך קריסטאָפס רייד באַליידיקט געוואָרן, האָבן אים אָפּגעהאַלטן אַרויסצוווײַזן זײַן פאַרוווּנדערונג. ער האָט שטיל געענדיקט דאָס לייענען, נישט פאַרלירנדיק קיין איין וואָרט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער מיט דער פרײַנדלעכקייט פון אַן אַפּוטרופּוס געזאָגט, — ס'איז נישט שלעכט אָנגעשריבן.

אַ שווערע קריטיק וואָלט קריסטאָפן אַזוי נישט באַליידיקט.

— איך בין אייך מוחל אייערע שבחים, — האָט ער מיט כּעס געשריגן.

— ווי עס זאָל נישט זיין, — האָט העלט געזאָגט, — מיין איך, אַז ווען איר ווייזט מיר אייערס אַ ווערק, טוט איר עס דערפאַר, ווייל איר ווילט הערן מיין מיינונג.

— בשום אופן נישט.

— אויב אַזוי, — האָט העלט באַליידיקט געזאָגט, — ווייס איך נישט, וואָס ווילט איר אייגנטלעך פון מיר.

— איך בעט ביי אייך אַרבעט, מער נישט.

— איך קאָן אייך דערווייל קיין אַנדער אַרבעט נישט פאָרלעגן, אויסער די, וואָס כ'האָב אייך פריער געזאָגט. און די איז אויך נישט זיכער. כ'האָב אייך געזאָגט, אַז אפשר וועט די אַרבעט זיין.

— און קיין שום אַנדער אַרבעט האָט איר נישט פאַר אַזאַ מוזיקער, ווי איך?

— אַזאַ מוזיקער ווי איר? — האָט העלט מיט אַ באַליידיקנדיקער איראָניע געזאָגט. — מוזיקער לכל הפּחות בעסערע פון אייך האָבן אַזאַ אַרבעט נישט געהאַלטן פאַר קיין פּחיתות-הכּבוד. עטלעכע, וואָס כ'קאָן זיי נישט אָנרופן ביי די נעמען און וואָס זענען גוט באַקאַנט איצט אין פּאַריז, זענען מיר זייער דאַנקבאַר געווען פאַר אַזאַ מין אַרבעט.

— דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט קיין ערלעכע מענטשן, — האָט קריסטאָף אויסגערופן. — איר האָט אַ טעות, אויב איר מיינט, אַז איר האָט צו טון מיט איינעם פון זיי. איר מיינט, אַז כ'האָב מיך דערשראָקן פאַר אייך, ווייל איר האָט אַ טבע נישט צו קוקן אַ מענטשן אין פּנים אַריין און צו רעדן מיט אים פון אויבן אַראָפּ? איר האָט אַפילו נישט באַוויליקט מיר צו ענטפערן אויף מיין באַגריסונג, ווען איך בין אַהער אַריינגעקומען... אָבער ווער זענט איר עס, וואָס איר מיינט, אַז איר האָט דאָס רעכט צו רעדן צו מיר מיט אַזאַ גרינגשעצונג? צי האָט איר עפּעס אָנגעשריבן אין אייער לעבן? און איר האָט די העזה מיך צו לערנען, ווי אַזוי מ'דאַרף שרייבן — מיך, וואָס דאָס שרייבן איז מיין גאַנץ לעבן! און איר געפינט נישט קיין בעסערע זאַך מיר פאָרצולעגן, נאָכן איבערלייענען מיין ווערק, ווי צו באַאַרבעטן די ווערק פון די גרויסע מוזיקער פאַר פּיאַנאָ, כּדי קליינע מיידלעך זאָלן ביי דער דאָזיקער מוזיק קאָנען טאַנצן... וועגדט אייך צו אייערע פּאַריזער, אויב זיי זענען אַזעלכע פּחדנים, אַז זיי לאָזן אייך

זיין זייער פּירער און וועג־ווייזער. כּ׳וויל בעסער שטאַרבן פון הונגער.
ס׳איז געווען אוממעגלעך איינצוהאַלטן דעם שטראָם פון זיינע רייד.

העכט האָט מיט אַ געפּרווירענער שטים געזאָגט:

— די ברירה איז ביי אייך.

קריסטאָף איז אַרויס און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר מיט רעש. העכט האָט געהויבן מיט די אַקסלען און זיך אָנגערופן צום לאַכנדיקן סילווען קאָן:

— ער וועט קומען צוריק, פונקט ווי די אַנדערע זענען געקומען.

אין האַרצן האָט ער אים אָפּגעשאַצט. ער איז געווען גענוג קלוג צו פילן דעם ווערט נישט נאָר פון ווערק, נאָר אויך פון מענטשן. דורך קריסטאָפס באַליידיקנדיקע אויפפירונג האָט ער געזען אַ זעלטענעם כּוח — דער עיקר אין דער קינסטלערישער וועלט, — נאָר זיין אייגנליבע האָט זיך איינגעעקשנט נישט מודה צו זיין, אַז ער האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט. זייענדיק אַן ערלעכער מענטש, האָט ער געפילט אַ נויטווענדיקייט צו זאָגן גוטס אויף קריסטאָפן, נאָר ער איז נישט געווען פעיק עס צו טון, כּל־זמן קריסטאָף האָט זיך פאַר אים נישט דערנידעריקט. ער האָט געוואַרט, קריסטאָף זאָל קומען צוריק: זיין טרויעריקער סקעפּטיציזם און מענטשן־קענטעניש האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז די נויט ברעכט דעם מענטשנס ווילן און ענדערט זיין מיינונג.

קריסטאָף האָט זיך אומגעקערט אַהיים. דער כּעס האָט אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ טיפן צער. ער האָט זיך געזען אַ פאַרלוירענעם. די שוואַכע שוץ, אָן וועלכער ער האָט זיך געוואָלט אָנשפּאַרן, איז צעבראָכן געוואָרן. ער האָט נישט געצווייפלט, אַז זיי זענען אים ביידע געוואָרן שונאים, נישט נאָר העכט, נאָר אויך קאָן, וועלכער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר העכטן. ער האָט זיך געפילט איינזאַם אין אַ שטאָט, וווּ אַלע זענען אים געווען שונאים. אויסער דינערן און קאָנען האָט ער דאָ מער קיינעם נישט געקענט, זיין פריינדין קאָרינע, די

שיינע שווישפילערין, מיט וועלכער ער האָט זיך באַפריינדעט אין דייטש-לאַנד, איז נישט געווען אין פּאַריז; זי איז אַרומגעפאָרן איבער אויס-לאַנד, אַמעריקע, — און דאָסמאָל אויף איר אייגענעם חשבון: זי אַ״ז געוואָרן דורך דער צייט באַרימט; דער ערפאָלג פון אירע רייזעס האָט געמאַכט אַ גרויסן טומל אין די צייטונגען. איז נאָר געבליבן די קליינע פראַנצויזישע לערערין, וועלכע מ׳האָט אָפּגעזאָגט צוליב אים פון דער שטעלע און וואָס איר זכר פּלעגט אַלעמאָל אַרויסרופן ביי אים פּאַרדרוס און חרטה. וויפל מאָל האָט ער גענומען אויף זיך צו דערגיין אין פּאַריז, וווּ זי געפינט זיך! אָבער איצט, זייענדיק אין פּאַריז, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז איין זאַך איז אים אומבאַקאַנט: איר פאַמיליען-נאָמען. ער האָט זיך נישט געקענט בשום אופן דער-מאָנען. געדענקט האָט ער נאָר איר נאָמען: אַנטואַנעט, און אויסער אַלעמען, ווען ער געדענקט אַפילו יאָ, ווי וואָלט ער געקאָנט געפינען אַ בידנע לערערין אין אַזאַ ים מיט מענטשן?

ער האָט געמוזט וואָס-גיכער געפינען פון וואָס צו לעבן. בלויז פינף פראַנק איז אים געבליבן. נישט געקוקט אויף זיין עקל, האָט ער זיך אַליין געצוווּנגען צו פרעגן דעם דיקן האָטעל-אייגנטימער, אפשר ווייס ער וועגן אַזעלכע מענטשן אין דער געגנט, וועלכע ער, קרי-סטאָף, וואָלט געקענט לערנען מוזיק און צו שפּילן פּיאַנינאָ. אַזאַ איינוווינער, ווי קריסטאָף, וואָס פלעגט עסן נאָר איין מאָל אין טאָג און גערעדט דייטש, האָט בכלל געמאַכט אויפן באַלעבאָס אַ שלעכטן איינדרוק; און איצט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז נישט מער, ווי אַ מוזיקער, האָט ער פאַרלוירן צו אים דאָס לעצטע ביסל דרך-ארץ. ער איז געווען אַ פראַנצויז פון אַלטן שניט, וואָס מוזיק איז ביי אים געווען אַ פאַך פון ליידיקגייער. ער האָט אָפּגעלאַכט:

— פּיאַנינאָ? איך ווייס נישט. זייער פיין! אינטערעסאַנט, וואָס מענטשן האָבן נאָך חשק צו אַזאַ מלאָכה. אויף מיר מאַכט מוזיק דעם איינדרוק פון אַ פאַלנדיקן רעגן... פונדעסטוועגן וועט איר מיך אפשר אויסלערנען עפּעס שפּילן. ווי מיינט איר? — האָט ער אויסגערופן צו די טרינקענדיקע אַרבעטער.

זיי האָבן זיך הויך צעלאַכט.

— ס׳איז אַ שיינע מלאָכה. זי פאַרשמוצט נישט די הענט אויסערדעם געפינט זי חן ביי די מאַדאַמען.

קריסטאָף האָט שלעכט פאַרשטאַנען פראַנצויזיש און נאָך ווייניקער

געקענט זיך אויף חוזק. ער האָט געזוכט ווערטער. ער האָט נישט גע־ וווּסט, צי זאָל ער ווערן אין כּעס אָדער נישט. די באַלעבאָסטע פון האָטעל האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים:

— גענוג, גענוג, פיליפּ. רעד נישט מער קיין נאַרישקייטן, — האָט זי געזאָגט צום מאַן.

זי האָט זיך געווענדט צו קריסטאָפן און צוגעגעבן:

— פונדעסטוועגן וועט זיך אפשר געפינען אַ מענטש, וואָס דו זוכסט.

— ווער? — האָט זי דער מאַן געפרעגט.

— די קליינע גראַסע, דו ווייסט דאָך, מ'האָט איר געקויפט אַ פּיאַנינאָ.

— אַך, אָט די נאָכטאַנצער! יאָ, ס'איז אמת.

מ'האָט געגעבן קריסטאָפן צו פאַרשטיין, אַז דאָס רעדט מען וועגן דעם קצבס טאָכטער; אירע עלטערן ווילן זי מאַכן פאַר אַ „פריילין". אפשר וועלן זיי מסכּים זיין, זי זאָל לערנען ביי אים מו־ זיק, כּדי לייט זאָלן רעדן לפּחות וועגן דעם. די באַלעבאָסטע האָט צוגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיטן דאָזיקן ענין.

צומאָרגנס האָט זי געזאָגט קריסטאָפן, אַז די קצבטע וויל אים זען. ער איז אַוועק צו איר אין שטוב און געטראָפן זי זיצן אין קראָם צווישן שטיקער־פלייש פון פאַרשידענע בהמות. זי איז געווען אַ שיינע פרוי, מיט אַ בלוילעכער הויט און אָנגעגעמען שמייכל. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, צו וואָס ער איז געקומען, האָט זי אָנגעצויגן אויף זיך אַ וויכטיקע מינע. ס'האָט זיך באַלד דערוועקט די פראַגע וועגן פּרייז; זי האָט באַלד צוגעגעבן, אַז זי האָט נישט בדעה אויס־ צוגעבן דערויף קיין סאַך געלט, ווייל שפּילן פּיאַנינאָ איז טאַקע אַ ווילע זאַך, אָבער מ'קאָן לעבן אָן דעם: זי האָט אים פאָרגעלעגט פופציק סענט פאַר אַ שעה. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט געבן מער, ווי פיר פראַנק אַ וואָך. דערנאָך האָט זי קריסטאָפן מיט חשד געפרעגט, צי ער האָט, לפּחות, אַ שטיקל ידיעה אין מוזיק. זי האָט זיך אַפּנים באַרויקט, און געוואָרן פריינדלעכער, ווען ער האָט איר דער־ קלערט, אַז ער האָט נישט נאָר אַ גוטע ידיעה אין מוזיק, נאָר ער איז אַפילו אַ פאַרפאַסער פון מוזיקאַלישע ווערק. דאָס האָט זייער גע־ שמעקט מיט אייגנליבע. זי האָט באַשלאָסן צו פאַרשפּרייטן צווישן שכנים די נייעס, אַז איר טאָכטער לערנט מוזיק ביי אַ קאָמפּאָזיטאָר.

ווען קריסטאָף האָט זיך צומאָרגנס געזען זיצן בײַ אַ פּיאַנינאָ — אַ שרעקלעכער אינסטרומענט. וואָס זיי האָבן אים צופעליק געקויפט און וואָס האָט געהאַט אַ קלאַנג פון אַ גיטאַרע, — צוזאַמען מיטן קצבֿס טעכטערל, וואָס אירע קורצע, גראָבע פינגערלעך האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן און וואָס האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן איין קלאַנג און דעם צווייטן, נאָר געדרייט זיך לאַנגווייליק אויפן שטול און געגענעצט אים אין פּנים אַריין פון דער ערשטער מינוט אָן, — ווען ער האָט געמוזט בלייבן אונטער דער השגחה פון דער מוטער און הערן איר פּלוידעריי, אירע געדאַנקען וועגן מוזיק און מוזיקאַלישע דערציונג, — האָט ער זיך דערפילט אַזוי אומגליקלעך, אַזוי באַליידיקט, אַז ער האָט אַפילו קיין כּוח נישט געהאַט זיך צו קלאָגן. ער פלעגט אַוועק פון דאָרט אַהיים זייער דערשלאָגן. עס זענען געווען טעג, ווען ער האָט נישט געקאָנט עסן קיין אָוונט-ברויט. אויב ס'איז אים אין משך פון עטלעכע וואָכן אַזוי גוט געלונגען, וואָס וועט שוין זיין אין אַ צייט אַרום? פאַרוואָס האָט ער אָפּגעוואָרפן העכטס פאָרשלאַג? זיין איצטיקע אַרבעט האָט אים נאָכמער דערנידעריקט.

איינמאָל, ווען ער איז געזעסן אין אָוונט אין שטוב, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ חשק צו וויינען; ער האָט פאַרצווייפלט אַראָפּגעקניט פאַר זיין בעט און תּפילה געטון... צו וועמען האָט ער תּפילה געטון? צו וועמען האָט ער געקאָנט תּפילה טון? אין גאָט האָט ער נישט געגלויבט; ער האָט געגלויבט, אַז גאָט איז נישטאָ. אָבער ער האָט געפילט די נויטווענדיקייט תּפילה צו טון, תּפילה צו טון צו זיך אַליין. נאָר שלעכטע מענטשן ריכטן נישט אָפּ קיין תּפילה קיינמאָל נישט. זיי איז אומבאַקאַנט די באַדערפעניש פון די שטאַרקע נשמות זיך איינצושומפן פון צייט צו צייט אין זייער קודש-הקדשים. נאָך די באַליידיקונגען פון אַ גאַנצן טאָג, האָט קריסטאָף געפילט אין דער שטילקייט פון זיין האַרצן זיין אייביקע עקזיסטענץ, זיין גאָט. די שטראָמען פונם אָרעמען לעבן זענען געפלאָסן אונטער אים, נישט אָנרירנדיק אים: וואָס פאַר אַ שייכות צווישן אים און דעם לעבן? אַלע ווייטיקן פון דער וועלט, וואָס האָבן אים געוואָלט אומברענגען, זענען צעקלאַפּט געוואָרן אָן דעם דאָזיקן פעלז. קריסטאָף האָט געהערט, ווי ס'פּולסירט זיין בלוט, ווי אַן אינערלעכער ים, און אַ שטים, וואָס האָט איבערגעחזרט:

— איך בין אייביק... איך בין... איך בין...

ער האָט גוט געקענט די דאָזיקע אייביקייט: זינט ער האָט געדענקט, האָט ער שטענדיק געהערט אָט די שטים. אָפּטמאָל פֿלעגט ער זי פֿאַרגעסן; טיילמאָל פֿלעגט פֿאַרלוירן ווערן אויף לאַנגע חדשים איר שטאַרקער, מאָנאָטאָנער ריטם; אָבער ער האָט געוווּסט, אַז די דאָזיקע אייביקייט איז דאָ, אַז זי וועט קיינמאָל נישט אויפֿהערן צו זיין, ווי דאָס רוישן פֿונם אָקעאַן, וואָס רוישט אין דער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט. איצט האָט ער אויך פֿון די מוזיק־קוואַלן געשעפּט די רו און לעבנס־קראַפֿט, וואָס ער פֿלעגט שעפּן שטענדיק, וויפֿיל מאָל ער פֿלעגט זיך טיף אַראָפּלאָזן אויף איר גרונט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, פֿול מיט אינערלעכער רו. ניין, אינם שווערן לעבן, וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער נישט געהאַט פֿאַר וואָס פֿאַרשעמט צו ווערן. ער קען עסן זיין ברויט, נישט רויט ווערנדיק; זאָלן רויט ווערן די, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, ער זאָל קויפֿן זיין ברויט פֿאַר אַזאַ טייערן פּרייז. געדולד! געדולד! ס׳וועט קומען אַ צייט...

אָבער צומאָרגנס האָט ווידער געפּלאַצט זיין געדולד. און כאָטש ער האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן זיין כּעס, האָט ער זיך דאָך איינמאָל, בעת אַ לעקציע, גענומען בייזערן אויף דער נאַרישער גראַסע, וואָס האָט אויסער אַלעמען אָפּגעלאַכט פֿון זיין שפּראַך און בכלל געטון אים אויף צו להכעיס. אויף זיינע געשרייען האָט זי חוצפּהדיק געענטפֿערט, זי האָט זיך דערשראָקן און געוואָרן אין כּעס אויפֿן דאָזיקן פֿאַרשוין, וואָס נעמט גוט געלט און האָט נאָך די העזה אָנצורירן איר כּבוד. זי האָט געשריגן, אַז ער האָט זי געשלאָגן. (קריסטאָף האָט זי שטאַרק אַ שטויס געטון מיטן אָרעם). די מאַמע איז געקומען צו לויפֿן, ווי אַ משוגענע, געכאַפּט קושן דאָס טעכטערל און גענומען זידלען קריסטאָפֿן. דער קצב איז אויך געקומען צו לויפֿן און געשריגן, אַז ער וועט נישט לאָזן דעם פּראַס, דעם מנוול אָנצורירן, זיין טאָכטער. קריסטאָף איז געוואָרן בלייך פֿון כּעס און פֿאַרשעמט; ער האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל ער נישט דערשטיקן דעם קצב צוזאַמען מיט זיין ווייב און טאָכטער; לסוף האָט ער געמאַכט פּליטה אונטער אַ מבול פֿון זידל־ווערטער. די רעסטאָראַן־אייגנטימער, דערזעענדיק אים אין האָטעל אַ צעטומלטן, האָבן פֿון אים אַרויסגעקריגן די גאַנצע געשיכטע און מיט רשעותדיקער פֿרייד געאיילט איבערצודערציילן די

שכנים. אין אָוונט האָט די גאַנצע געגנט איבערגעחזרט, אַז דער דייטש איז אַן אַכזר, ער שלאָגט קינדער.

קריסטאָף האָט זיך ווידער געווענדט צו אייגנטימער פון מוזיק-פאַרלאַגן. אָבער אָן שום רעזולטאַטן. ער איז געקומען צו דער אי-בערצייגונג, אַז די פראַנצויזן זענען פשוט אָפּשטויסנדיק. די שטענ-דיקע פאַרהאַוועטקייט און רעש האָבן אים פאַרטויבט. זיי האָבן גע-מאַכט אויף אים אַן איינדרוק פון אַן אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט, ווו ס׳הערשט אָבער אַ האַרבע, דעספּאָטישע ביוראָקראַטיע.

איינמאָל, ווען ער האָט שפּאַצירט איבער די בולוואַרן, פאַר-צווייפלט פון זיין אומזיסטער מי, האָט ער פונדערווייטן דערזען סיל-ווען קאָנען, וואָס איז אים געגאַנגען אַנטקעגן. זייענדיק זיכער, אַז קאָן טראָגט אויף אים אַ כעס, האָט ער אָפּגעדרייט די אויגן און געפּרוווט אַריבער, ווי ער וואָלט כלומרשט נישט באַמערקט. קאָן אָבער האָט אים אַ רוף געטון:

— ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייט? — האָט ער מיט גע-לעכטער געפרעגט. — כ׳האָב געוואָלט גיין צו דיר, האָב איך אָבער פאַרלוירן דיין אַדרעס. כ׳לעבן, מיין טייערער, כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט אויף אייך, אַז איר זענט אַזאַ חברה-מאַן.

קריסטאָף האָט אים אָנגעקוקט צעטומלט און אַביסל פאַרשעמט.

— איר זענט נישט בייז אויף מיר?

— בייז? אַן איינפאַל!

ער איז נישט נאָר נישט געווען בייז, נאָר אדרבה, ער האָט הנאה געהאַט, וואָס קריסטאָף האָט געגעבן העכטן אַן אָפּשניט. ס׳איז געווען פאַר אים אַן אמתער נחת-רוח. אים איז געווען אַלץ איינס, ווער עס איז גערעכט, העכט אָדער קריסטאָף. ער האָט געמשפּט די מענטשן לויט דער הנאה, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפן. ער האָט ענטדעקט אין קריסטאָפן אַ קוואַל פון קאָמיזם, און ער האָט זיך געריכט פון אים אויף אַ סך פאַרגעניגן.

איר האָט געדאַרפט קומען צו מיר, — האָט ער צוגעגעבן, — כ׳האָב געוואַרט אויף אייך. וואָס רעכנט איר היינט אין אָוונט צו טון?

קומט צו מיר עסן. כ׳וועל אייך נישט אָפּלאָזן, איר מוזט צו מיר גיין. איר וועט זיין אין אַ געזעלשאַפט פון אונזערע מענטשן: עטלעכע קינסטלער. קומט, כ׳וועל אייך פאַר זיי פאָרשטעלן.

אומזיסט האָט זיך קריסטאָף געוועהרט, אָנווייזנדיק אויף זיין הילוך. סילווען קאָן האָט אים מיטגענומען מיט זיך.

זיי זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַן אין איינעם פון די בולוואַרן און זענען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. קריסטאָף האָט זיך געפונען צווישן אַ דרייסיק יונגעלייט אין עלטער פון צוואַנציק ביז פינף און דרייסיק יאָר. זיי האָבן געפירט צווישן זיך אַ הייסן שמועס. קאָן האָט פאַר זיי פאָרגעשטעלט קריסטאָפן, ווי אַ מענטשן, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער דייטשער תפיסה. זיי האָבן אויף אים קיין שום אַכט נישט געלעגט און נישט איבערגעריסן דעם הייסן וויכּוח, אין וועלכן קאָן, באַלד נאָכן אַריינקומען,איז אויך אינגאַנצן אַריינגעצויגן געוואָרן.

קריסטאָף האָט זיך געפילט צעטומלט צווישן דער דאָזיקער הויכער געזעלשאַפט. ער האָט געשוויגן און זיך צוגעהערט, וואָס יענע האָבן גערעדט. מיט גרויס מי האָט ער אויפגעכאַפּט די פליסיקע פראַנצויזישע שפּראַך און עס האָט זיך אים אפילו נישט איינגעגעבן אויפצונעמען דעם ענין, וועגן וועלכן די יונגע קינסטלער האָבן זיך געשפּאַרט. אומזיסט האָט ער זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. ער האָט קוים פאַרשטאַנען איינצלנע ווערטער, ווי „טרעסט", „מאָנאָפּאָל", „ירידה פון פרייזן", „סכום פון הכנסות", געמישט מיט אַזעלכע ווערטער, ווי „דער כבוד פון דער קונסט", „די רעכט פונם שרייבער", לסוף האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיי רעדן וועגן מסחר. אַ טייל שרייבער האָט געהערט, אַפּנים, צו אַ האַנדלס-פאַריין, און זיי זענען געווען בייז אויף די פּרוּוון פון אַנדערע שרייבער צו שאַפן אַ קאָנקורענץ-געזעלשאַפט, וואָס האָט געוואָלט עקספּלואַטירן די זעלבע מאָנאָפּאָלן וואָס זיי. דער פאַרראַט פון עטלעכע חברים זייערע, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק אַריבערצוגיין מיט האַק און פאַק צו אַ צווייטן צד, האָט זיי אַריינגעבראַכט אין כעס. די דאָזיקע האַנדלונג האָט ביי זיי אויסגעזען, ווי אַ „פאַרראַט", „סקאַנדאַל", „פאַרקויפטקייט"... אַנדערע האָבן צורו געלאָזן די לעבעדיקע, און פאַרביטערט זיך גענומען צו די טויטע, הלמאי מ׳דרוקט ווערק פון די פאַרשטאָרבענע שרייבער בחצי חנם, און מען רופט אַרויס די ירידה פון פרייזן אויף מאָדערנע ווערק. מיוסעס ווערק זענען געוואָרן אַן אַלגעמיינע אייגנטום, דעריבער האָבן זיך

געפונען אַסך בעלנים, וואָס דרוקן זיי פאַר שפּאָט ביליק, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, געווען אַ גרויסער שאָדן פאַר די נייע ביכער. זיי האָבן איינער דעם צווייטן איבערגעשלאָגן די רייד, כּדי צו הערן, ווי גרויס עס איז די סומע, וואָס די אָדער יענע פאָרשטעלונג האָט דעם פאַבריקן אָוונט אריינגעבראַכט. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער הצלחה פון איינעם אַן אַלטן דראַמאַטישן קינסטלער, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין ביידע טיילן־וועלט און וועלכן זיי האָבן שטאַרק פאַראַכטן און נאָכמער מקנא געווען. פון די הכנסות פון די שרייבער איז מען אַריבער צו די הכנסות פון די קריטיקער. זיי האָבן גערעדט וועגן דער סומע געלט, וואָס איינער פון זייערע חברים, אַ באַקאַנטער קרי־טיקער (מסתּמא אַ רכילות!) קריגט פאַר יעדער פּרעמיערע, וואָס מ׳שפּילט אין איינעם פון די בולוואַר־טעאַטערן, כּדי ער זאָל שרייבן גוט. ער איז אַן ערלעכער מענטש: דעם קאָנטראַקט, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן, פילט ער אויס ערלעך. נאָר ער איז אַ בריה (לויט זייערע רייד) צו רימען יעדע פאָרשטעלונג אַזוי שטאַרק, מיט אַזעלכע מיני שבחים, אַז זי האָט געמוזט וואָס־גיכער אַראָפּ פון דער סצענע; און אויף אַזאַ אופן פלעגט ער זייער אָפט באַקומען באַצאָלט פון דער וויטערדיקער נייער פּרעמיערע. די געשיכטע האָט אַרויסגע־רופן אַ געלעכטער, נאָר געוווּנדערט האָט זי קיינעם נישט.

זיי האָבן אויסער דעם גערעדט וועגן נאָך אַנדערע וויכטיקע ענינים: וועגן דיכטונג, וועגן „קונסט פאַר קונסט״. אינם מטבעות־גע־קלאַנג, וואָס האָט באַגלייט זייער שמועס, האָט עס געקלונגען ווי „קונסט פאַר געלט״. די דאָזיקע פערד־הענדלערישע זיטן, וואָס זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, האָבן קריט־סטאָפּן באַליידיקט. אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין מבין אויף געלט־ענינים, האָט ער אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו זייער שמועס, ווי־נאָר זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן וועגן ליטעראַטור און שריי־בער. און ווען ער האָט דערהערט דעם נאָמען פון וויקטאָר הוגאָ, האָט ער ווידער צוגעלעגט אַן אויער.

זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט, צי איז אמת, אַז הוגאָס ווייב האָט אים פאַראַטן, זיי האָבן גאָר באריכות גערעדט וועגן די ליבעס פון סען־בעף און מאַדאַם הוגאָ. דערנאָך האָבן זיי גערעדט וועגן די גע־ליבטע פון זשאָרזש זאַנד און זייערע באַזונדערע מעלות. די פראַנצוי־זישע ליטעראַטור־קריטיק איז דעמאָלט ס׳רוב געווען פאַרנומען מיט אָט

די ענינים. נאָכדעם ווי זי האָט אומעטום גענישטערט אין די שטיבער פון גרויסע לייט, בודק געווען די שאַנקן, געזוכט אין די טישקעסטלעך, אויסגעליידיקט די קופערס,—האָט זי זיך גענומען צום שלאָף צימער. די קריטיק האָט ליב געהאַט די פּאָזע פונם הער לאָצען, וואָס איז געלעגן אויפן בויך אונטערן בעט פונם קעניג און מאַדאַם מאָנטעספּאַן,—און אַלץ לטובת דער געשיכטע און לטובת דעם אמת, (אַלע מענטשן פון יענער צייט האָבן פאַרגעטערט, ווי אַלעמען איז באַוווּסט דעם אמת). — קריסטאָפס געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוויזן, ווי ווייט דער דאָזיקער געשפּענסט האָט זיי באַהערשט: זיי האָבן קיין איין פּרט נישט דורכגעלאָזן, אַבי נאָר צו דערגיין דעם אמת. זיי האָבן גענישטערט סיי אין דער קונסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, סיי פון דער קעגנוואַרט, און מיט דער זעלבער פּינקטלעכקייט אַנאַליזירט דאָס פּריוואַטע לעבן פון די גרעסטע פון זייער דור. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס זיי האָבן געוווּסט די מינדסטע פּרטים פון אַזעלכע סצענעס, וואָס קומען שטענדיק פאָר אָן עדות. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז די באַטייליקטע אין די סצענעס האָבן די ערשטע פאַרשפּרייט צווישן עולם די דאָזיקע פּרטים, נאָר כּדי אויפצודעקן דעם אמת.

קריסטאָף האָט זיך געפילט אַלץ ערגער, ער האָט געפּרוּווט אַ שמועס טון מיט זיינע שכנים וועגן אַנדערע זאַכן, אָבער קיינער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלעגט. אין אָנהויב האָבן זיי אים גענומען אויספרעגן וועגן דייטשלאַנד, — זיי האָבן געשטעלט פראַגן, וואָס האָבן, צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג, אַרויסגעוויזן די פולשטענדיקע עם־הארצות פון די דאָזיקע חשובע לייט אין די ענינים פון זייער געביט — ליטעראַטור און קונסט — אויסער פאַריז. העכסטנס האָבן זיי געהערט עטלעכע גרויסע נעמען: הויפּטמאַן, זודערמאַן, ליבערמאַן, שטרויס. (דאַוויד, יאָהאַן, ריכאַרד); זיי זענען זיך באַגאַנגען זייער פאָרזיכטיק מיט אָט די נעמען, כּדי נישט געשטרויכלט צו ווערן. אגב זענען די אַלע פראַגן געשטעלט געוואָרן פון העפלעכקייט וועגן, אָבער נישט פון נייגער. זיי זענען לחלוטין נישט געווען נייגעריק. זיי האָבן כמעט קיין אַכט נישט געלעגט אויף זיינע תשובות; באַלד זענען זיי ווידער איבערגעגאַנגען צו פאַריזער ענינים, וואָס האָבן זיי פאַרשאַפט גרויס הנאה.

פאַרשעמטערהייט האָט קריסטאָף גענומען רעדן וועגן מוזיק. קיין איינער פון די שרייבער איז נישט געווען קיין מוזיקער. אייגנטלעך

האָבן זיי געקוקט אויף דער מוזיק, ווי אויף אַ נידעריקער מדרגה פון קונסט. אָבער איר ערפאָלג אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט גע- וועקט אין זיי אַ באַהאַלטענע קנאה; און אַזוי-ווי זי איז געוואָרן אַ מאָדע-זאַך, האָבן זיי זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט זיי אינטערעסירט. אַ גרויסן טומל האָבן זיי אַרויסגערופן אַרום אַ געוויסער אָפּערע, וואָס פון איר האָט זיך, לויט זייער מיינונג, אָנגעהויבן די אמתע מוזיק אָדער, לפּחות, אַ נייע תּקופה אין דער מוזיק. פאַר זייער נאַרישקייט און עם- הארצות איז עס געווען זייער באַקוועם, ווייל אַזאַ מיינונג האָט זיי באַפרייט בכלל פון קענען מוזיק. דער מחבר פון דער דאָזיקער אָפּערע, אַ פּאַריזער, וואָס זיין נאָמען האָט קריסטאָף צום ערשטן מאָל געהערט, האָט פאַרברענט, לויט דער מיינונג פון אַנדערע, אַלץ, וואָס די מוזי- קאַלישע וועלט האָט פריער פאַרמאָגט, ער האָט ערשט אַלץ אויפגע- שטעלט פון פונדאַמענט אָן, מיט איין וואָרט — ער האָט חרוב גע- מאַכט די אַלטע וועלט און אויף אירע חורבות אויפגעבויט אַ נייע. קריסטאָף איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט אין געניאַליטעט. אָבער אַזאַ גאון, וואָס האָט מיט איין מאַך- מיט-דער-האַנט געמאַכט פון דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט אַש און בלאָ- טע... רבונו-של-עולם! ער איז מסתמא אַן אויסערגעוויינלעכער גאון; ווי האָט ער עס, צום טייוול, געמאַכט? — ער האָט זיך עס געוואָלט דערקלערן. אַנדערע, וואָס זיי איז שווער געווען צו געבן אים דער- קלערונגען און וואָס האָבן זיך שרעקלעך געלאַנגווייליקט, האָבן זיך געווענדט צום עלטסטן פון דער געזעלשאַפט, דעם גרויסן מוזיק-קרי- טיקער טעאָפיל גוזשאַר, וואָס האָט באַלד גענומען רעדן מיט קריסטאָפן וועגן סעפּטימעס און נאָנעס. קריסטאָף האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט אים געניי. גוזשאַר האָט געקענט מוזיק, פונקט ווי סגאַנאַרעל האָט געקענט לאַטיין...

— ...איר פאַרשטייט לאַטיין?

— ניין.

— (מיט התלהבות), Cabricias, arci thuram, catalamus, singulariter, bonus, bona, bonum ..."

שטייענדיק איצט פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט „פאַרשטאַנען לאַ- טיין", איז ער גיך אַריבער צו דער עסטעטיק. פון דער דאָזיקער באַ- פעסטיקטער באַהאַלטענער שיש איז ער באַפאַלן בעטהאָווענען, וואַגנערן און די קלאַסישע קונסט בכלל, — וואָס האָט לחלוטין נישט געהערט צום

ענין. (אין פראַנקרייך קאָן מען נישט רימען וועלכן עס-איז קינסטלער, סיידן מ׳ברענגט אַ קרבן די אַלע אַנדערע קינסטלער, וואָס דערגרייכן נישט צו אים). ער האָט אָנגעזאָגט דעם באַגינען פון אַ נייער קונסט, וואָס אַלע קאָנווענצאַנסן פון עבר ליגן איר צו די פיס. ער האָט גערעדט וועגן אַ מוזיקאַלישער שפּראַך, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן דורך קריסטאָף קאָלומבוס פון דער פּאַריזער מוזיק, מבטל געמאַכט די שפּראַך פון די קלאַסיקער און זי אינגאַנצן געטויט.

קריסטאָף האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַ מיינונג וועגן דעם נאָמען גאון, איידער ער האָט געזען זיינע ווערק. דאָך האָט ער נישט געהאַט קיין צוטרוי צום מוזיקאַלישן אָפּגאָט, פאַר וועלכן זיי האָבן מקריב געווען די גאַנצע מוזיק. ער האָט נישט געקאָנט הערן, ווי זיי באַליידיקן די גרעסטע מוזיקאַלישע קינסטלער, ער האָט בשעת-מעשה פאַרגעסן, אַז ערשט נישט לאַנג, זייענדיק אין דייטשלאַנד, האָט ער אַליין אַזוי גערעדט. ער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער אין דער קונסט, ער, וואָס האָט אַנדערע פּשוט באַליידיקט מיט זיין אָפּנהאַרציקער, פרייער מיינונג, — ווי-נאָר ער האָט דערהערט אין פראַנקרייך די ערשטע ווערטער, האָט ער דערפילט, אַז ער ווערט גאָר אַ קאָנסערוואַרטיסט. ער האָט געוואָלט ענטפערן דעם קריטיקער, ער איז געווען טאַקטלאָז, ער האָט עס נישט געטון העפלעך, ווי איינער וואָס זאָגט אַרויס אַ מיינונג סתם, נישט ענטוויקלענדיק זיינע געדאַנקען, — נאָר פאַרקערט: ער האָט גערעדט ווי אַ פאַכמאַן, וואָס שטיצט זיך אויף פאַקטן און וואַרפט זיי דעם קעגנער אין פּנים אַריין אָן שום רחמנות. ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו באַנוצן טעכנישע טערמינען; דערצו האָט ער בעתן וויכּוח גערעדט זייער הויך, ס׳האָט פּשוט געריסן די אויערן, און סיי זיינע אַרגומענטן, סיי זיין התלהבות האָבן אויסגעזען אין זייערע אויגן זייער לעכערלעך. דער קריטיקער האָט געמאַכט אַ סוף צום דאָזיקן לאַנגווייליקן וויכּוח מיט אַ שאַרף ווערטל, וואָס האָט קריסטאָפן, צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג, באַוויזן, אַז זיין קעגנער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס ער האָט גערעדט. אַלע האָבן באַלד אַרויסגעגעבן אַ מיינונג וועגן קריסטאָפן, אַז ער איז אַ דייטש אַ גריבלער און אַן אַלטמאָדישער. דערביי האָט מען אויך אויף זיין מוזיק, איידער מ׳האָט זי נאָך געקענט, אַרויסגעגעבן אַ שלעכטע מיינונג. די אויפמערקזאַמקייט אָבער פון די דרייסיק יונגע לצים, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חוש זייער גיך אויפצוכאַפּן

דאָס לעכערלעכע פון יעדער זאַך, איז איצט כסדר געווענדט געווען צום דאָזיקן מאָדנעם מענטשן, וואָס האָט זיך צעקאָכט און אומגעשיקט געמאַכט מיט די ריזיקע, מאָגערע הענט, געוואָרפן בייזע בליקן אויף אַלע זייטן און געשריגן אויפן קול. סילווען קאָן האָט, אַפּנים, באַשלאָסן אים פאָרצושטעלן פאַר זיינע חברים נאָר צוליב פאַרווייילונג.

שמועסנדיק, האָבן זיי זיך דערווייטערט פון ליטעראַטור-פראַגן און אַריבער צו פרויען. — אייגנטלעך איז עס געווען דער זעלבער ענין נאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט: אין זייער ליטעראַטור האָבן פרויען פאַרנומען ס'ערשטע אָרט, און די פרויען זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט ליטעראַטור, אַ דאַנק זייערע באַציונגען מיט שרייבער און לעבעדיקן אָנטייל אין דער ליטעראַטור.

זיי האָבן גערעדט וועגן אַן אָנגעזעענער, אין פּאַריז גוט-באַקאַנטער פרוי, וואָס האָט, ווי מען דערציילט, חתונה געמאַכט איר געליבטן מיט איר טאָכטער, כדי אים צו האָבן נאָענט צו זיך. קריסטאָפן האָט עס אַ הויב געטון פון אָרט, און קעגן זיין ווילן האָט ער זיך מיט עקל פאַרקרימט. קאָן האָט עס דערפילט, און שטויסנדיק זיין שכן אין עלנבויגן, האָט ער באַמערקט, אַז די טעמע פונם שמועס דערוועקט, ווייזט אויס, שטאַרקע התפעלות אינם דייטש קריסטאָף, וואָס וויל מסתמא באַקענען זיך מיט די דאַמען. קריסטאָף איז רויט געוואָרן, געשטאַמלט, און שפּעטער מיט כעס געזאָגט, אַז אַזעלכע פרויען זענען ווערט שמיץ. די דאָזיקע ווערטער זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ הילכיקן געלעכטער; סילווען קאָן האָט געשריגן, אַז אַ פרוי טאָר מען נישט אָנרירן אַפילו מיט קיין בלום א.א.וו... א.א.וו... (ער איז געווען אין פּאַריז דער ליבע-העלד). קריסטאָף האָט געענטפערט, אַז אַזאַ פרוי איז נישט מער, ווי אַ צויג, און אויף צעלאָזענע הינט איז דאָ נאָר איין מיטל: די בייטש. אַלע האָבן געמאַכט געוואַלדן. קריסטאָף האָט געזאָגט, אַז זייער עלעגאַנץ לגבי פרויען איז נישט מער ווי צביעות, ווייל די, וואָס האָבן דעם קלענסטן דרך-ארץ פאַר פרויען, טענהן גראָד, אַז זיי האָבן דעם גרעסטן; ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט פון זייערע סקאַנדאַליעזע מעשות. דערויף האָט מען אים געענטפערט, אַז דאָ איז קיין שום סקאַנדאַל נישט פאַראַן, אַז דאָס איז אַ גאַנץ-נאַטירלעכע זאַך; און אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז די העלדין פון דער געשיכטע איז נישט נאָר אַ רייצנדע פרוי, נאָר זי איז טאַקע די פרוי אין פולן זין פון וואָרט. קריסטאָף האָט

זיך דערשראָקן. סילוועז קאָן האָט אים כיטרע געפרעגט, וואָס מיינט ער בכלל וועגן דער פרוי. קריסטאָף האָט געפילט, אַז מ׳שטעלט אים אונטער אַ פיסל; אָבער מיטגעריסן פון זיין האַסטיקייט און אימפעט, האָט ער גענומען דערקלערן די פראַנצויזישע לצים זיינע מיינונגען וועגן ליבע. ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין ווערטער, געזוכט זיי מיט מאַטערניש, לסוף אַרויסגעבראַכט עטלעכע אויסדרוקן, וואָס זעגן בכלל נישטאָ אין דער שפּראַך און געזאָגט מוראדיקע זאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ פריילעכן געלעכטער ביי אַלעמען. ער איז נישט צעטומלט געוואָרן, נאָר מיט ווונדערלעכן ערנסט און נישט אָנשטויסנדיק זיך, אַז ער איז לעכערלעך, וואָס האָט פשוט אַרויסגערופן אַ רחמנות, האָט ער גערעדט ווייטער; ער האָט געזען, אַז זיי לאַכן אָפּ פון אים. לסוף האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די רייד, נישט געקאָנט אַרויסקריכן; ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט אין טיש און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מ׳האָט אים ווידער געפרווט אַריינציען אין אַ שמועס, אָבער אַ פאַרשעמטער און אויפגערעגטער, האָט ער נאָר צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אָן טיש, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, דאָס מויל נישט געעפנט, סיידן נאָר צום טרינקען אָדער עסן. ער האָט געטרונקען זייער פיל, להיפּוך צו די פראַנצויזן, וואָס האָבן כמעט נישט אָנגערירט זייער וויין. זיין שכן האָט בייזוויליק אים צוגעגעבן מוט, אָנפילנדיק יעדעס מאָל דאָס ליידיקע גלאָז. ער האָט געטרונקען איינס נאָכן צווייטן, אַליין נישט פילנדיק, וואָס ער טוט. אָבער הגם קריסטאָף איז נישט געוווינט געווען צו איבעריקן עסן אָדער טרינקען, דער עיקר אין די וואָכן, ווען די נויט האָט אים נישט דערלויבט, האָט ער זיך דאָך זייער גוט געהאַלטן און נישט געמאַכט פון זיך אַזאַ חוזק-בילד, ווי זיי האָבן געוואָלט. ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין זיך; זיי האָבן אויף אים מער קיין אַכט נישט געלעגט און געמיינט, אַז דער וויין האָט אים אַזוי שלעפעריק געמאַכט. אויסער דער מאַטערניש צו באַטייליקן זיך אין אַ פראַנצויזישן שמועס — איז אים בכלל נמאס געוואָרן כסדר צו שמועסן נאָר וועגן ענינים פון ליטעראַטור, פאַרוויילונגען, שרייבער, פאַרלעגער, וועגן הינטער-קוליסן-לעבן אָדער שלאָף-צימער פון שרייבער, גלייך, ווי מער וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט געווען. קריסטאָף האָט פון די אַלע בייע פנימער און רעש פון ווערטער נישט געקאָנט אַריינגעמען אין

זכּרון קיין איין פּנים, קיין איין געדאַנק. זײַנע קורצזיכֿטיקע אויגן, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט, טיף פֿאַרזונקענע אין זייערע לעכֿער, האָבן פֿאַמעלעך זיך באַוועגט אַרום טיש, זיך אָנגעהאָנגען אָן מענטשן, ווי זיי וואָלטן קיינעם נישט געזען, הגם ער האָט געזען בעסער, ווי אַנדערע; נאָר ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט. זײַן בליק איז געווען אַנדערש, ווי די בליקן פֿון די דאָזיקע פּראָווינצן און יידן, וואָס כאַפּן־אויף אין איין אויגנבליק די מינדסטע קליינקייטן און צערייבן זיי אין איין מאָמענט אויף שטויב. ער האָט ווי אַ שוואָם, אַלץ איינגעזאַפּט אין זיך, פֿאַמעלעך, שטיל, און געטראָגן די זאַכֿן אין זיך. ס'האָט זיך אים געדאַכֿט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען און נאָרנישט געדענקט; נאָר אין אַ צייט אַרום, אין שעהן אַרום, טיילמאָל אין עטלעכֿע טעג אַרום, ווען ער פֿלעגט זײַן אַליין און אַרײַנקוקן אין זיך, פֿלעגט ער דערשפּירן, אַז ער האָט אַלץ אין זיך איינגעזאַפּט...

אָבער אין דעם מאָמענט האָט קריסטאָף געמאַכֿט אויף די פֿאַרזאַמלטע דעם איינדרוק פֿון אַ מגושמדיקן דייטש, וואָס פּיטערט זיך דאָס בײַכל און האָט נאָר אין זינען נישט צו פֿאַרלירן קיין איין ביסן פֿון דער אכֿילה: ער האָט ווייניק־וואָס פֿאַרשטאַנען פֿון דעם טומל; נאָר הערנדיק, ווי די חברים רופֿן איינער דעם צווייטן בײַם נאָמען, האָט ער מיט דער עקשנות פֿון אַ שכּור געפֿרעגט בײַ זיך, פֿאַרוואָס אַזוי פֿיל פּראָווינצן רופֿן זיך אָן מיט פֿרעמדע נעמען: פֿלאַמישע, דייטשע, יידישע, איטאַליענישע, ענגלישע אָדער שפּאַניש־אַמעריקאַנישע...

ער האָט נישט באַמערקט, אַז מ'האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש. ער איז געבליבן זיצן אַליין און געטרוימט וועגן די בערגלעך פֿונם רהײַן, וועגן די געדיכֿטע וועלדער, פֿעלדער, לאָנקעס אויף די ברעגעס פֿון טײַך, וועגן דער אַלטער מאַמע. עטלעכֿע באַזוכֿער האָבן נאָך געשמועסט צווישן זיך, שטייענדיק אין צווייטן עק פֿון זאַל; די מערהייט איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. לסוף האָט ער זיך אויך מיישב געווען, זיך אויפֿגעהויבן און נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, גענומען זײַן מאַנטל און הוט, וואָס זענען געהאָנגען אין פֿאָדערצימער. ער האָט זיך אָנגעטון און גרייט געווען אַרויסצוגיין אָן אַ גוטן־טאָג. ווען ער האָט דורך דער האַלב־אָפֿענער טיר פֿון צווייטן צימער דערזען עפּעס, וואָס האָט צוגעצויגן זײַן אויפֿמערקזאַמקייט: אַ פּיאַנינאָ. ער האָט שוין לאַנגע וואָכֿן נישט אָנגערירט דעם אינסטרומענט. ער איז אַרײַן, מיט ליבשאַפֿט אַ גלעט געטון די קלאַווישן, זיך

געזעצט מיטן הוט אויפן קאָפּ און מאַנטל אויף די אַקסלען, און גענומען שפּילן. ער האָט איגנאָרירט פּאַרגעסן, ווו ער איז אין דער וועלט.

ער האָט נישט געפילט, ווי צוויי מענטשן האָבן זיך אַריינגע־גנבעט אין צימער, צו הערן זיין שפּילן. איינער איז געווען סילווען קאַן, וואָס האָט פון גאַנצן האַרצן ליב געהאַט מוזיק — אין גאָט ווייס פאַרוואָס; ער האָט קיין מוזיק נישט פאַרשטאַנען און ליב געהאַט די גוטע, פונקט ווי די שלעכטע. דער צווייטער איז געווען דער מוזיק־קריטיקער, טעאָפיל גוזשאַר. יענער (ביי אים איז עס געווען פשוטער) האָט נישט פאַרשטאַנען קיין מוזיק און נישט ליב געהאַט זי, נאָר דאָס האָט אים נישט געשטערט צו רעדן וועגן איר. פאַרקערט: נישטאָ קיין פרייערע מענטשן, ווי די, וואָס ווייסן נישט, וואָס זיי רעדן: ווייל זיי איז אַלץ איינס, צי וועלן זיי זאָגן אַזוי, צי אַזוי.

טעאָפיל גוזשאַר איז געווען אַ דיקער, געזונטער, מוסקוליעזער מענטש; ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע באָרד, שווערע האָר, וואָס זענען אים אין לאָקן אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, מיט דיקע קנייטשן, ווי ביי אַ געדאַנקען־מענטש, אַ פּנים נישט קיין געשניצטס, ווי געשניטן פון האָלץ, קורצע הענט, קורצע פיס און אַ ברייטע ברוסט, אַ טיפּ פון אַ וואַלד־סוחר אָדער טרעגער. ער האָט פאַרמאָגט גראָבע מאַניערן און חוצפּהדיק גערעדט. צו מוזיק איז ער געקומען דורך דער פּאָליטיק, וואָס איז אין יענער צייט געווען דאָס איינציקע מיטל אין פראַנקרייך עפּעס צו דערגרייכן. ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַ מיניסטער פון זיין פּראָווינץ און איינגערעדט אים, אַז ער איז זיינער אַ קרוב — עפּעס אַ וויטער קרוב, פערד־פּוס־קאָפּיטע. — אָבער מיניסטאָרן לעבן נישט אייביק. ווען זיין מיניסטער האָט געמוזט גיין באַרג־אַראָפּ, האָט טעאָפיל גוזשאַר זיך געראַטעוועט, מיטנעמענדיק מיט זיך, אַלץ וואָס מ'האָט געקאָנט כאַפּן מיט זיך, דער עיקר די ערע־אויסצייכנונגען: ווייל ער האָט ליב געהאַט כבוד. מיד פון דער פּאָליטיק, ווו ער האָט פון אַ געוויסער צייט אָן געמוזט כאַפּן — אויף זיין פּאַטראָנס חשבון אָדער אויפן אייגענעם — שטאַרקע שמיץ, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ שטילע אַרבעט, ווייט פונם רעש, ווו ער האָט געקענט איצט אָנ־גרייפן אַנדערע, אַליין נישט ווערנדיק אָנגעגריפן. די קריטיק איז גע־ווען, ווי באַשאַפן פאַר אים. פונקט האָט פאַרפעלט אַ מוזיק־קריטיקער אין איינער פון די גרעסטע פּאַריזער צייטונגען. דער מענטש, וואָס

האָט פריער פאַרנומען די שטעלע, אַ יונגער טאַלאַנטירטער קאָמפּאָזיטאָר, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער שטעלע, ווייל ער האָט זיך דערוועגט אָפן צו זאָגן, וואָס זיין האַרץ גלוסט, וועגן מוזיקאַלישע ווערק און זייערע מחברים. גוזשאַר האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט קיין מוזיק און האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאָס איז, דערפאַר טאַקע האָט מען אים אָן שום וואַקלעניש אויסגעקליבן. די אַרויסגעבער פון דער צייטונג איז נמאס געוואָרן צו האַלטן כסדר פאַכלייט. בנוגע גוזשאַרן איז נישט געווען, ווייניקסטנס, וואָס מורא צו האָבן. ער האָט נישט געהאַלטן אַזוי שטאַרק פון זיינע מיינונגען; שטענדיק גרייט געווען צו פאָלגן די באַפעלן פוגם רעדאַקטאָר, עמעצן אַרונטערצורייסן אָדער רעקלאַמירן. דאָס, וואָס ער איז נישט געווען קיין מוזיקער, איז געווען אַ קלייניקייט. אין פראַנקרייך איז, ווי באַוווסט, יעדער מענטש אַביסל אַ ידען אין מוזיק. גוזשאַר האָט זיך איינגעשאַפן די נויטיקערע ידיעות. דאָס מיטל איז געווען גאַנץ פשוט: מ'האָט געדאַרפט זיצן בעת אַ קאָנצערט נעבן אַן אָנגעגעבענעם מוזיקער אָדער אויב מעגלעך — קאָמפּאָזיטאָר, און אַרויסציען פון אים אַ פּאָר ווערטער, זיין מיינונג וועגן די ווערק, וואָס מ'האָט נאָר-וואָס געשפּילט. אין אַ צוויי-דריי חדשים אַרום האָט ער שוין געקענט די מלאָכה: דאָס פייגעלע האָט זיך אויסגעלערנט פליען. וואָס אַן אמת, נישט ווי קיין אָדלער, — און איין גאָט ווייס, וויפל נאַרישקייטן גוזשאַר האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג, ווי אַן אויטאָריטעט! ער האָט אַ סך געהערט, פיל געלייענט, צוזאַמענגעמישט אַלץ אין זיין שווערן מוח און מיט חוצפה אָנגעוואָרפן אַנדערע זיין דעה; ער האָט געשריבן מיט אַ פּרעטענציעזן סטיל, פול מיט וואָרט-שפּילן און אָנגעלאָדן מיט אָנגרייפנדיקן פעדאַנטישן שטאָף. ער האָט פאַרמאָגט די פּקחות פון אַ שולע-אויפזעער. טיילמאָל, הגם נישט אָפט, פלעגט ער כאַפּן אַ פּסק; אָבער אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער זיך מאַכן געפּגרט און געווען זהיר, נישט צו ענטפערן. ער איז געווען זייער כיטרע און גראָב, און לויט די פאַרהעלטנישן פון דער צייט פלעגט ער אַרויסטרעטן דאָ מיט חוצפה, דאָ מיט חניפה. ער פלעגט זיך בויגן אין דרייען פאַר יעדן גרויסן, וואָס איז געווען אין אַ גוטער לאַגע אָדער געווען אָפּיציעל באַרימט (ס'איז געווען דאָס איינציקע מיטל אַרויסצווייזן זיינע מוזיקאַלישע פאַרדינסטן) אָבער די אַנדערע, די קלענערע,

פלעגט ער באַהאַנדלען מיט פאַראַכטונג און זיי עקספּלואַטירן. — ער איז גאָר קיין נאַר נישט געווען.

נישט געקוקט אויפן אויטאָריטעט און גוטן נאָמען, וואָס ער האָט זיך טיילווייז איינגעשאַפן, האָט ער דאָך ביי זיך אין האַרצן געוווסט, אַז ער האָט קיין שום ידיעה נישט אין מוזיק; ער האָט געוווסט, אַז קריסטאָף איז יאָ אַ מבין. ער האָט זיך געהיט נישט צו זאָגן עס, אָבער ס'האָט אים אימפּאָנירט. — איצט האָט ער געהערט, ווי קריסטאָף שפּילט; ער האָט זיך באַמיט, מיט אַ פאַרטועענער מינע, צו פאַרשטיין עפּעס, הגם ער האָט גאָרנישט געטראַכט; ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר אינם נעפּל פון קלאַנגען און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ מבין, געבנדיק מיט די אויגן סימנים פון צושטימונג דעם אומגעדולדיק־ווינקענדיקן סילווען קאָן, וואָס האָט געוואָלט וויסן אַ מיינונג.

סוף, ווען דער וויין און די מוזיק האָבן זיך גענומען אויסוועפּן, האָט זיך קריסטאָף געכאַפּט, אַז הינטער זיינע פּלייצעס קומט פאָר אַ שטומער שפּיל; ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען די צוויי ליבהאָבער. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו אים און שטאַרק געדריקט אים די האַנט, — סילווען קאָן האָט געשווירן, אַז ער האָט געשפּילט, ווי אַ גאָט, און גוזשאַר האָט מיט אַ מינע פון אַ געלערנטן באַשטעטיקט, אַז זיין רעכטע האַנט איז פּאַדאַרעווסקיס און די לינקע רובינשטיינס — (אויב נישט פאַרקערט). — זיי האָבן ביידע מסכּים געווען אַז אַזאַ טאַלאַנט קאָן נישט בלייבן אין שאָטן, און האָבן באַשלאָסן אים אַרויסצופירן אויף דער ברייטער וועלט. קודם־כּל האָבן ביידע באַשלאָסן צו ציען פון אים נוצן און כּבוד פאַר זיך, וויפיל ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

בומאָרגנס האָט סילווען קאָן איינגעלאַדן קריסטאָפן צו זיך און איבערגעגעבן אין זיין רשות זיין וווּנדערבאַרע פּיאַנינאָ, אויף וועלכן ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געשפּילט. קריסטאָף, וואָס די מוזיק האָט אין אים געשטראָמט און געראַשט, ווי אַ קוואַל, האָט לייכט

מסכּים געווען, נישט לאָזנדיק זיך לאַנג בעטן, און אַ געוויסע צייט אויסגענוצט די איינלאַדונג.

אין די ערשטע אָוונטן איז אַלץ אַדורך בשלום. קריסטאָף איז געווען איבערגליקלעך, וואָס מ׳האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שפּילן, און סילווען קאָן האָט אים דיסקרעט געלאָזט רויק שפּילן. ער גופא האָט באמת הנאה געהאַט פון קריסטאָפס שפּילן. ס׳איז אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג, וואָס יעדערער קאָן באַמערקן: דער דאָזיקער מענטש איז נישט געווען קיין מוזיקער, קיין קינסטלער, ער האָט פאַרמאָגט אַ טרוקן האַרץ, אָן שום געפילן פאַר קונסט, אָן שום אינערלעכע גוטסקייט, — און ער האָט דאָך ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט מוזיק, וואָס פלעגט אים פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן, הגם ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען. צום אומגליק האָט ער נישט געקאָנט שווייגן. ער האָט פונקט געדאַרפט רעדן דעמאָלט, בעת קריסטאָף האָט געשפּילט. טיילמאָל פלעגט ער באַגלייטן די מוזיק מיט אויסגעשרייען פון התפּעלות, טיילמאָל פלעגט ער צוּוואַרפן באַנאַלע באַמערקונגען. דעמאָלט פלעגט קריסטאָף קלאַפּן אין פּיאַנינאָ און שרייען, אַז ער קאָן ווייטער נישט שפּילן. קאָן האָט געפּרוּווט צו זיין שטיל, נאָר ס׳איז געווען איבער זיינע כּוחות: ער פלעגט ווידער נעמען לאַכן, קרעכצן, פייפן, קלאַפּן, שרייען, נאָכמאַכן די אינסטרומענטן. און ווען קריסטאָף פלעגט ענדיקן, האָט ער תּיכּף געמוזט אים איבערגעבן זיינע מיינונגען, אַנישט וואָלט ער, מסתּמא, געפּלאַצט.

ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער געמיש פון דייטשער סענטימענטאַלקייט, פּאַריזער לצנות און אומדערטרעגלעכער חוצפּה. טיילמאָל פלעגט ער אַרויסזאָגן קלוגע און טייערע מיינונגען, טיילמאָל משוגעדיקע פאַרגלייכן, טיילמאָל נבול־פּה, נאַרישקייטן, וויצן. רימענדיק בעטהאָווענען, האָט ער געהאַט אין זינען קודם־כּל זיין ציניש חושימדיקייט. אין די טרויעריקסטע געדאַנקען האָט ער געפונען מיאוסע שפּאַסן. אַ quatuor en ut diése minor האָט ביי אים אויסגעזען זייער לעכערלעך. דער דערהויבענער אַדאַזשיאָ פון דער ניינטער סימפאָניע האָט אים דערמאָנט אָן די קרובים. נאָך די דריי טאַקטן, מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן די סימפאָניע en ut mineur, פלעגט ער שרייען: „גייט נישט אַריין! פאַרנומען!” ער האָט באַוווּנדערט די שלאַכט פון „העלדן־לעבן”, ווייל ער האָט געהערט אין דעם עפּעס ענלעכס צו דער קריצעריי פון אַן אויטאָמאָביל. פאַר יעדן מוזיקאַלישן ווערק האָט

ער געהאַט בילדער, וואָס האָבן דערקלערט דעם ענין, בילדער קינדערשע, אָן קיין שום טעם. עס שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט ליב האָבן מוזיק. דאָך האָט ער זי ליב געהאַט; ביי געוויסע שטעלן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר זייער קאָמיש, זענען אים געקומען טרערן אין די אויגן. אָבער נאָכדעם, ווי ער איז געווען געריירט פון וואַגנערס אַ סצענע, האָט ער געקלאַפט אין פּיאַנינאָ אָפענבאַכס אַ גאַלאָפּ, אָדער צוגעזונגען לויט דער „אָדע פון פרייד" אַ קאַבאַרעט-לידל. דעמאָלט פלעגט קריסטאָף זיך רייסן אויפן האַלז און אַרויס פון די כלים פאַר כעס. — אָבער מיט סילווען קאָן דעם נאַרעלע איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה; ערגער איז געווען, ווען ער האָט געוואָלט רעדן וועגן טיפע און איידעלע זאַכן, ווען ער האָט געוואָלט פאַר קריסטאָפן פאָזירן, ווען ס'האָט גערעדט האַמילטאָן נישט סילווען קאָן. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט קריסטאָף וואַרפן אויף אים בליקן פול מיט האַס און ער פלעגט אים זידלען מיט שווערע ווערטער, וואָס האָבן באַליידיקט האַמילטאָנס אייגנליבע. ס'רוב פלעגן זיך די מוזיק-אָוונטן ענדיקן מיט מחלוקת און רייסעניש, אָבער באַלד צומאָרגנס פלעגט קאָן אָן אַלץ פאַרגעסן, און קריסטאָף, וואָס האָט חרטה געהאַט אויף זיין היציקייט, פלעגט ווידער קומען.

דאָס אַלץ וואָלט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג, ווען קאָן זאָל זיך קענען איינהאַלטן און נישט איינלאַדן קיין פרעמדע מענטשן צו הערן קריסטאָפן; ער האָט אָבער געפילט אַ באַדערפעניש פאָרצושטעלן פאַר דער וועלט זיין מוזיקער. — צום ערשטן מאָל, ווען קריסטאָף האָט געטראָפן ביי קאָנען דריי אָדער פיר יידן און זיינע, קאָנס אַ געליבטע, אַ גרויסע, געמאַלעוועטע מויד, נאַריש ווי אַ בהמה, וואָס פלעגט האַלטן אין איין דערציילן שטותערייען און וואָרט-שפילן און גערעדט נאָר וועגן עסן, וואָס האָט אָבער נעגלויבט, אַז זי איז מוזיקאַליש, ווייל זי פלעגט יעדן אָוונט אָפדעקן אירע פיסלעך אין אַ וואַריעטע-טעאַטער, — האָט קריסטאָף געמאַכט אַ זויערע מינע. צום צווייטן מאָל האָט ער בפירוש דערקלערט סילווען קאָנען, אַז ער וועט ביי אים נישט שפילן. סילווען קאָן האָט זיך געשווירן ביי אַלע הייליקייטן, אַז מער וועט ער קיינעם נישט פאַרבעטן. אָבער אין דער שטיל האָט ער ווייטער איינגעלאַדן מענטשן, באַהאַלטנדיק זיי אין שכנותדיקן צימער. נאַטירלעך, האָט עס קריסטאָף סוף-כל-סוף באַמערקט; ער איז אַוועק זייער בייז און מער טאַקע נישט געקומען.

לכל הדעות האָט ער געמוזט לעבן בשלום מיט קאָנען, וואָס האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר איניקע קאָסמאָפאָליטן-משפחות און גע-שאַפן אים לעקציעס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט טעאָפיל גוזשאַר באַזוכט קריסטאָפן אין זיין דירה. ער האָט זיך לחלוטין נישט געוווּנדערט, וואָס ער האָט אים געפונען אין אַזאַ שלעכטער דירה; פאַרקערט, ער איז גע-ווען זייער פריינדלעך און געזאָגט צו אים:

— כ׳האָב געטראַכט, אַז ס׳וועט זיין פאַר אייך אַ פאַרגעניגן צו הערן אַביסל מוזיק; און אַזוי-ווי איך האָב אַ פרייען איינטריט אומע-טום, בין איך געקומען אייך רופן.

קריסטאָף האָט זיך זייער דערפרייט. אין גוזשאַרס אויפמערקזאַמ-קייט צו אים האָט ער געזען אַ באַזונדערע איידלקייט. ער האָט אים האַרציק געדאַנקט. גוזשאַר איז איצט געווען אַן אַנדער מענטש; אינ-גאַנצן אַנדערש, ווי יענעם אָוונט, ווען קריסטאָף האָט אים צום ערשטן מאָל געזען. זיצנדיק איצט מיט קריסטאָפן אַליין אין צימער, האָט ער נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין ביסעלע גאווה; ער איז איצט געווען אַ פשוטער, שעמעוודיקער מענטש. וואָס איז געקומען עפּעס זיך אויס-לערנען. נאָר אין געגנוואַרט פון מענטשן פלעגט ער ווערן שטאָלץ און רעדן פאַרביסן. אַגב האָט ער שטענדיק געהאַט פאַר די אויגן אַ פראַקטישן ציל. ס׳איז אים נישט אָנגעגאַנגען אַ זאַך, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין ממשותדיקס. איצט האָט ער געוואָלט הערן קריסטאָפס מיינונג וועגן דער פאַרטיטור, וואָס מ׳האָט אים געגעבן צו קריטיקירן ער האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת-נפש און נישט געוווּסט פשוט וואָס צו טון, ער האָט קוים געלייענט די נאָטן.

זיי זענען אַוועק צוזאַמען הערן אַ סימפאָנישן קאָנצערט. דער זעלבער אַריינגאַנג האָט געפירט אויך צו אַ קאָנצערט-קאַפע. דורך אַ קרומען קאָרידאָר זענען זיי צוגעקומען צו אַ זאַל, ווו מ׳האָט נישט געקאָנט אָטעמען: די לופט איז געווען צום דערשטיקט צו ווערן, די שטולן ענג צוזאַמענגעשטעלט; אַ טייל צוהערער האָבן פאַרשטעלט די דורכגאַנגען: ס׳האָט געפעלט אָרט, ווי דער שטייגער איז אין פראַנק-

רייך. אַ מענטש, וואָס האָט זיך, אַפּנים, שרעקלעך געלאַנגווייליקט, האָט מיט אַ גאַלאָפּ-טאַקט דיריזשירט בעטהאָוונס אַ סימפאָניע, ווי ער וואָלט געאײַלט וואָס-גיכער זי צו ענדיקן. די טענער און קלאַנגען פונם „בויך-טאַנץ" פונם נאָנטן קאַבאַרעט האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן טרויער-מאַרש פון „העראָיק". עס זענען צוגעקומען אַלץ מער צוהערער; זיי האָבן געזוכט זייערע ערטער, אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, ווען די זענען אַרויס, זענען אַנדערע אַריין. קריסטאָף האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות צו קאָנען אונטערשיידן די מוזיק אין דעם דאָזיקן יאַריד טומל; נאָך אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג האָט זיך אים איינגעגעבן גובר צו זיין דעם טומל און הנאה צו האָבן פון שפּילן; דער אָרקעסטער האָט גאַנץ פיין געשפּילט, און קריסטאָף האָט שוין לאַנג נישט געהערט קיין סימפאָנישע מוזיק. פלוצלינג האָט אים גוזשאַר אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט אינמיטן דעם קאָנצערט:

— לאָמיר שוין גיין. מירן גיין הערן אַ צווייטן קאָנצערט.

קריסטאָף האָט זיך אַ קרים געטון, אָבער נישט געענטפערט קיין וואָרט און נאָכגעגאַנגען זיין וועג-ווייזער. זיי זענען אַדורך אַ האַלבע שטאָט פון עק ביז עק. ענדלעך זענען זיי אַריין אין אַ זאַל, וואָס האָט געשמעקט מיט פערד-שטאַל, וווּ מ׳פלעגט אין באַשטימטע שעהן געבן פאָרשטעלונגען, פאָלקס-שטיק און קינדער-שפּילן (די מוזיק אין פאַריז האָט דעמאָלט געהאַט דעם זעלבן גורל, ווי די אָרעמע אַרבעטער, וואָס שלאָפן צוזאַמען אין איין בעט: ווען דער גייט אַראָפּ פון בעט, גייט באַלד אַרויף אַ צווייטער און דעקט זיך איבער מיט דער נאָך וואַרע-מער קאָלדרע). ס׳האָט, פאַרשטייט זיך, געפעלט לופט צו אָטעמען; זינט לואי דעם פערצנטן האַלטן די פראַנצויזן לופט פאַר אַ זאַך, וואָס איז שעדלעך פאַרן געזונט. די היגיענע אין די טעאַטערן באַשטייט, ווי אַמאָל אינם ווערסאַילער פּאַלאַץ, אין דעם, וואָס ס׳איז בכלל נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. אַן אָנגעזעענער זקן, מיט באַוועגונגען פון אַ באַצווינגער פון ווילדע חיות, האָט געשמיסן וואַגנערס אַן אַקט. די אומגליקלעכע חיה—דאָס הייסט, דער אַקט—האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ מענאַזשעריע פון לייבן, וואָס דערשרעקן זיך פאַר די ברענענדיקע ליכט ביי דער ראַמפּע, און מ׳מוז זיי שמייסן, כּדי זיי צו דערמאָנען, אַז סוף-כּל-סוף זענען זיי דאָך לייבן. דיקע פאַריזערינס און קליינע מיידלעך זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער פאָרשטעלונג מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ווען דער לייב האָט זיך פאַרנויגט, און

דער באַצווינגער האָט זיך אויך פאַרנויגט פאַרן עולם, באַקומענדיק אַלס שכר שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, האָט גוזשאַר געפּרווט אַוועק־פירן קריסטאָפן אויף אַ דריטן קאָנצערט, אָבער דאָסמאָל האָט קריסטאָף אַריינגערוקט די הענט טיף אין די שטול־אָנלענס און דערקלערט, אַז ער רירט זיך נישט פון דאַנען. געגנוג שוין צו שלעפּן זיך פון איין טעאַטער צום צווייטן און צו קלייבן אויפן וועג שטיקלעך סימפאָניעס און קאָנצערטן. אומזיסט האָט גוזשאַר געפּרווט אים צו דערקלערן, אַז מוזיק־קריטיק איז אין פּאַריז אַ באַזונדערע קונסט פאַר זיך, און אַז דער קריטיקער מוז אַלטונג געבן, זיינע אויגן זאָלן זען מערער, ווי ס'הערן זיינע אויערן. קריסטאָף האָט זיך איינגעשפּאַרט און געזאָגט, אַז די מוזיק איז נישט מעגלעך צו הערן, פאָרנדיק אין אַ וואַגאָן, נאָר זי פאָדערט אַ שטאַרקע קאָנצענטרירונג. דער מיש־מאַש פון די קאָנצערטן האָט אים געעקלט. איין קאָנצערט אַן אָוונט איז געווען פאַר אים איבער גענוג.

ער האָט זיך געוווּנדערט אויף דער גרויסער צאָל קאָנצערטן. ווי ס'רוב דייטשן, האָט ער אויך געמיינט, אַז די מוזיק אין פראַנק־רייך שטייט זייער נידעריק, און ער האָט גערעכנט, אַז מ'דערלאַנגט זי דאָ אין זייער קליינע, אָבער געשמאַקע פּאָרציעס. איצט האָט ער גאָר געזען, אַז מ'דערלאַנגט פופצן קאָנצערטן אַ וואָך. נישט געווען קיין איין אָוונט אין משך פון דער וואָך, עס זאָל נישט פאָרקומען ערגעץ אַ קאָנצערט, אַמאָל אפילו צוויי־דריי אין איין אָוונט, אין פאַר־שיידענע שטאָט־טיילן. זונטיק פלעגן פאָרקומען פיר קאָנצערטן אין איין און דער זעלבער צייט. קריסטאָף האָט זיך געוווּנדערט אויף אָט דער ליבע צו מוזיק און נאָכמער — אויף דער גרויסער שפע פון יעדן פּראָגראַם. ביז איצט האָט ער געמיינט, אַז נאָר זיינע לאַנדסלייט האָבן אַ נייגונג צום מיש־מאַש פון קלאַנגען, וואָס האָט אין אים געוועקט אַן עקל אין דייטשלאַנד. איצט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די פּאַרי־זער האָבן אָן אַן ערך איבערגעיאָגט אין דעם זין די דייטשן. זיי האָבן דערפּולט די מאָס: צוויי סימפאָניעס, איין קאָנצערט, איינע אָדער צוויי אוווערטיורן, איין אָפּערע־אַקט. מוזיק פון אַלע לענדער: דייטשע, רוסישע, סקאַנדינאַווישע, פראַנצויזישע — ביר, שאַמפּאַניער און אַנדע־רע מינים ווייַן, אַלץ האָבן זיי אָן שום טענות אַראָפּגעשלונגען. קרי־סטאָפן איז געווען אַ חידוש אויף די פראַנצויזישע פייגעלעך, וואָס זייער מאָגן איז אַזוי גרויס און קאָן אַזוי פיל אַריינגעמען. זיי האָבן

אפילו קיין דריקעניש נישט געפילט. אמתע דאַנאַיד-פּעסלעך. זיי זענען שטענדיק געווען פּוסט.

איגנגיכן האָט זיך קריסטאָף אַרומגעזען, אַז די גאַנצע שפּע פון מוזיק איז אייגנטלעך זייער קליין. אויף אַלע קאָנצערטן האָט ער באַגעגנט די זעלבע מוזיקער און די זעלבע ווערק. די רייכע פּראָגראַמען זענען קיינמאָל נישט אַריבער אַ באַשטימטע גרענעץ, כמעט קיין שום זאַך — פון פאַר בעטהאָווענען און קיין שום זאַך — פון נאָך וואַגנערן. און אין דעם מרחק צווישן זיי איז געווען אַ ריזיקער חלל; ס'האָט אויסגעזען, ווי די מוזיק וואָלט איינגעשרומפּן געוואָרן און אַרומגענומען בלויז אַ פינף-זעקס באַרימטע מענטשן פון דייטשלאַנד, אַ דריי-פיר פון פראַנקרייך, און זינט דעם שלום-אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און פראַנקרייך — אויך אַ האַלב טוץ רוסישע מוזיקער, — קיין איין ווערק פון די אַלטע פראַנצויזן. קיין איין ווערק פון די גרויסע איטאַליענער, נישט פון די דייטשע ריזן פון זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט. קיין איין ווערק פון דער מאָדערנער דייטשער מוזיק, אויסער ריכאַרד שטרויס, וואָס האָט געהאַט מער שכל, ווי די אַנדערע, און פלעגט אַליין אַראָפּקומען יעדעס יאָר פאָרשטעלן דעם פּאַריזער עולם זיינע נייע ווערק. קיין איין ווערק פון דער בעלגישער מוזיק, נישט פון דער טשעכישער. אָבער וואָס איז נאָך אַ גרעסערער חידוש— קיין איין ווערק פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער מוזיק. און דאָך האָבן אַלע געפּלוידערט וועגן איר מיט מיסטעריעזע, פאַרבאָרגענע אויסדרוקן, ווי וועגן עפּעס, וואָס דאַרף איבערקערן די וועלט. קריסטאָף האָט אומגעדולדיק און מיט בענקשאַפט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו הערן עפּעס פון דער נייער פראַנצויזישער מוזיק. זיין נייגער איז געווען אַ ברייטהאַרציקער, אָן שום זייטיקע פּניות. זיין נשמה האָט פּשוט געברענט פון באַגער צו הערן נייע ווערק און צו באַוווּנדערן געניאַלע שאַפונגען. אָבער נישט געקוקט אויף זיין אָנשטרענגונג, האָט זיך אים דאָך נישט איינגעגעבן עפּעס צו דערגיין. די דריי צי פיר קלענערע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זענען געווען נישט שלעכט אָנגעשריבן, זענען אָבער געווען קאַלט און בכיוון קאָמפּליצירט, און ער האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלעגט.

ביז ער וועט אַליין קאָנען אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן דער פראַנצויזישער מוזיק, האָט קריסטאָף געוואָלט דערווייל עפּעס לערנען פון דער מוזיק־קריטיק.

דאָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. ס'האָט געהערשט אין דער מוזיק־קריטיק אַ שרעקלעכער כאַאָס. נישט נאָר די צייטונגען האָבן איינע די צווייטע סותר געווען, נאָר די מוזיק־קריטיקער גופא האָבן אין יעדער צייטונג אַליין זיך סותר געווען פון אַרטיקל צו אַרטיקל, פון זייט צו זייט. צום גליק אָבער האָט יעדער רעדאַקטאָר געלייענט נאָר זיינע אַרטיקלען, און דער עולם — קיין איינעם נישט. אָבער קריסטאָף, וואָס האָט געוואָלט באַקומען אַ גענוי בילד פון דער פראַנצויזישער מוזיק, האָט זיך פאַרעקשנט צו לייענען אַלץ, נישט דורכלאָזנדיק קיין איין שורה. און ער האָט זיך געוווּנדערט אויף דער פרייכלעכער רויקייט פונם דאָזיקן פאָלק, וואָס לעבט אין דער וועלט פון סתירות און פילט זיך אין איר, ווי אַ פיש אין וואַסער.

צווישן די אַלע חלוקי־דעות האָט אים איין זאַך געחידושט: די געלערנטע מינע פון ס'רוב קריטיקער. ווי קאָן מען זאָגן אויף די פראַנצויזן, אַז זיי זענען מענטשן פון פאַנטאַזיע, וואָס גלויבן נישט אין גאָרנישט? די, וועלכע קריסטאָף האָט געזען, האָבן שטאַרק געגלויבט אין זייער מוזיקאַלישער געלערנטקייט — אפילו בעת זיי האָבן גאָרנישט נישט געקענט — פיל מער, ווי קריטיק פון יענער זייט רהיין.

אין יענע צייטן האָבן די פראַנצויזישע מוזיק־קריטיקער באַשלאָסן זיך אויסצולערנען מוזיק. עס זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן יאָ עפּעס פאַרשטאַנען: דאָס זענען געווען אויסנאַמען, וואָס האָבן זיך באַמיט צו טראַכטן וועגן קונסט און צו האָבן זעלבסטשטענדיקע געדאַנקען. נאַטירלעך, זענען די דאָזיקע געווען ווייניק באַקאַנט דעם עולם; זיי זענען געבליבן פאַרשלאָסן אין זייערע קליינע צייטונגען; די גרויסע צייטונגען, מיט קליינע אויסנאַמען, זענען באַשאַפן געוואָרן נישט פאַר זיי. זיי זענען געווען קלוגע, אָרנטלעכע, אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס זייער איינזאַמקייט פלעגט זיי טיילמאָל ברענגען צו אַ געוויסער פאַראַדאָקסאַלקייט, און די געוווינהייט צו רעדן מיט זיך אַליין — צו אומטאָלעראַנץ בנוגע אַ פרעמדער מיינונג און צו פּלוידעריי. — אַנדערע האָבן זיך על רגל אחת דערוואָרבן אַ שטיקל ידיעה אין דער האַרמאָניע־וויסנשאַפט און זענען געבליבן שטיין פאַרחידושט איבער זייער

זייער תורה. פונקט ווי דער הער זשאָרדען, בעת ער האָט געלערנט די כּללים פון דקדוק, האָבן זיי זיך געוווּנדערט אויף זייערע גרויסע ידיעות:

— קמץ אַלף—אָ, פּתח ב—בּ, פּתח ריש—רַ... אַך, ווי שיין דאָס איז!... ווי גוט עס איז עפּעס צו וויסן...

זיי האָבן גערעדט נאָר וועגן טעמעס און קאָנטרטעמעס, האַרמאָנישע און נישט-האַרמאָנישע קלאַנגען, וועגן שטייגן פון די נאָנעס און מאַזשאָר-טערציעס. ווען זיי פלעגן אָנרופן דעם לייטער פון די האַרמאָניעס, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אויף איין זייטל, האָבן זיי זיך שטאָלץ געווישט דעם שטערן, ווי זיי וואָלטן דערמיט אַרויסבאַוויזן גאונות. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי האָבן פאַרטייטשט די גאַנצע קאָמפּאָזיציע; ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי האָבן עס אַליין אָנגעשריבן. אין דער אמתן אָבער פלעגן זיי איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין פון-לאַנג געזאָגט, און שול-אויסדרוקן, ווי אַ שילער, וואָס אַנאַליזירט גראַמאַטיקאַליש אַ זייטל פון ציצעראָ. אָבער אפילו די בעסערע פון זיי איז אַזוי שווער געווען צו קוקן אויף מוזיק, ווי אויף אַ נאַטירלעכער שפּראַך פון דער נשמה, אַז נישט קאָנענדיק זי מאַכן פאַר קיין אָפּטיילונג פון דער מאָלעריי, האָבן זיי זי אַריינגעפירט אין קאָרידאָר פון דער וויסנשאַפט און געמאַכט פון איר אַ סכום פּראָבלעמען פונם האַרמאָניע-בוי. אָט דעם מין געלערנטע מענטשן איז לייכט געווען צו געפינען חסרונות ביי די מוזיקער פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן געפונען חסרונות ביי בעטהאָווענען און אַלץ אויסגערעדט אויף וואַגנערן. זיי האָבן זיך אַרומגעריסן צוליב בערליאָזן און גלוקן. אין דער צייט איז נישט געווען פאַר זיי קיין אַנדער מוזיקער, ווי יאָן-סעבאַסטיאַן, באַך און קלאָד דעביסי, ביידע — דעמאָלט זייער שטאַרק אין דער מאָדע. דער ערשטער, וואָס איז אַריין ערשט די לעצטע יאָרן אין דער מאָדע, איז שוין דעמאָלט, אגב, געווען פּעדאַנטיש, אַלט און אויסגעוועפּט. די פיינערע מענטשן האָבן אין דער שטיל געלויבט ראַמאָ און קופּרין, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן: דער גרויסער.

צווישן די דאָזיקע מענטשן פלעגן פאָרקומען פאַרביסענע מלחמות. זיי זענען אַלע געווען מוזיקער; נאָר אַזוי-ווי יעדערער איז געגאַנגען מיט אַ באַזונדערן דרך, האָט ער געטראַכט אין האַרצן, אַז זיין וועג איז דער גלייכער, און דער וועג פון זיינע חברים איז קרום. זיי האָבן זיך באַצויגן איינע צו די אַנדערע, ווי שרייבער און געלערנטע, וואָס

זייער וויסנשאַפט איז פאַלש, און דערביי האָבן זיי באַנוצט אַזעלכע ווערטער, ווי אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, טימבאַליזם און ווערייזם, סוביעקטיוויזם און אָביעקטיוויזם. קריסטאָף האָט געטראַכט ביי זיך, אַז ס'איז נישט כדאי געווען צו קומען פון דייטשלאַנד, און אין פּאַריז אָנצוהויבן אָט די פּאָלעמיק פון אָנהויב אָן. אָנשטאָט צו אָנערקענען יעדע גוטע מוזיק פון די פאַרשידנסטע מינים, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין אַנדער מין מוזיק־שאַפונג, ווי נאָר זייער אייגענעם; אַ שווערע מחלוקת האָט דעמאָלט צעטיילט די מוזיקער אויף צוויי לאַגערן: פון קאָנטראַפּונקט און פון האַרמאָניע. איין צד האָט עקשנותדיק געטענהט, אַז מוזיק דאַרף מען לייענען האָריזאָנטאַל, און דער צווייטער האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל זי לייענען דווקא ווערטיקאַל. די ערשטע האָבן גערעדט נאָר וועגן זאַפטיקע אַקאָרדן, שטאַרקע האַרמאָניעס; זיי האָבן גערעדט וועגן מוזיק, ווי וועגן אַ לעקעכל. די צווייטע ווידער האָבן בכלל נישט צוגעלאָזן, אַז אַזאַ פּוסטע זאַך, ווי אַן אויער, זאָל ווערן אַן ענין פון דיסקוסיע; מוזיק איז געווען פאַר זיי, ווי אַ פאַרלעזונג, אַ פאַרלאַמענטאַרישע זיצונג, וווּ אַלע רעדנער רעדן מיטאַמאָל, נישט לעגנדיק קיין אַכט אויף זייערע שכנים; אויב מ'האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, איז עס נישט זייער שולד; צומאָרגנס האָט מען געקאָנט לייענען זייערע רעדעס אין דער אָפיציעלער צייטונג: די מוזיק איז געמאַכט געוואָרן, מ'זאָל זי לייענען, נישט מ'זאָל זי הערן. ווען קריסטאָף האָט דערהערט וועגן דער מחלוקת פון די האָריזאָנטאַליסטן מיט די ווערטיקאַליסטן, האָט ער געמיינט, אַז זיי זענען אַלע חסר־דעה. ווען מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל זאָגן, ווער ס'איז גערעכט: די אָנהענגער פון קאָנטראַפּונקט אָדער פון האַרמאָניע, האָט ער געענטפערט מיט זיין שטענדיקן דעוויז, וואָס האָט כּחלוטין נישט געשטימט מיטן דעוויז פון סאָסיער:

— מיינע הערן, כ'האָב פיינט די גאַנצע וועלט.

און אַז מ'איז צוגעשטאַנען, פרעגנדיק:

— האַרמאָניע אָדער קאָנטראַפּונקט, — וואָס איז וויכטיקער פאַר דער מוזיק?

האָט ער געענטפערט:

— די מוזיק. ווייזט מיר אייער מוזיק.

וועגן זייער מוזיק האָבן זיי אַלע געהאַט איין מיינונג. די דאָזיקע אומדערשראָקענע קעמפער, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געצאַמפּערט

צווישן זיך און געוואָלט איינער דעם צווייטן איבעריאָגן, בעתן באַ-
קעמפן אַן אַלטן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס זיין רום דויערט שוין, לויט דער
מיינונג פון אַ געוויסן צד, צו לאַנג, — די דאָזיקע קעמפער האָבן זיך
פאַרייניקט אין איין פונקט: אין דער ליבע צו דער נאַציאָנאַלער מו-
זיק. פראַנקרייך איז געווען פאַר זיי די גרעסטע מוזיקאַלישע נאַציע.
די ירידה פון דייטשלאַנד האָט מען כמעט ווי אויסגעפויקט אין די
גאַסן. — דאָס האָט קריסטאָפן נישט פאַרדראָסן. ער האָט אַליין פאָרויס-
געזאָגט די דאָזיקע ירידה מיט אַזאַ שטאַרקער איבערצייגונג, אַז ער
האָט איצט בשום-אופן נישט געקאָנט ענדערן די מיינונג וועגן דעם.
אָבער די מיינונג וועגן דער העכערקייט פון דער פראַנצויזישער מו-
זיק האָט אַ ביסל געחידושט; אין דער פאַרגאַנגנהייט פון דער מוזיק
איז דער רושם פון אָט דער העכערקייט נישט געווען שטאַרק קענ-
טיק, און פונדעסטוועגן האָבן די פראַנצויזישע מוזיקער געטענהט, אַז
אין די גאָר אַלטע צייטן איז זייער קונסט געווען גרויסאַרטיק. כדי
בולטער צו מאַכן די קראַפט פון דער פראַנצויזישער מוזיק, האָבן זיי
קודם-כל גענומען אויסלאַכן אַלע מענטשן, וואָס אַ דאַנק זיי איז פראַנק-
רייך אין לעצטן יאָרהונדערט באַרימט געוואָרן, אויסער איין קינסטלער,
אַ באַגאַבטן און זייער אַ וויכטיקן, וואָס איז אָבער געווען אַ בעלגיער.
נאָכדעם, ווי מ'איז פטור געוואָרן פון די דאָזיקע גדולים, איז לייכט
געווען צו לויבן די אַלטע קינסטלער, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרגעסן
געוואָרן, בעת אַנדערע פון זיי זענען געווען איצט לחלוטין אומבאַ-
קאַנט. אין קעגנזאַץ צו די וועלטלעכע שולן אין פראַנקרייך, וואָס האָבן
געציילט דעם אָנהויב פון דער וועלט, אָנהויבנדיק פון דער פראַנצוי-
זישער רעוואָלוציע, האָבן די מוזיקער געקוקט אויף דער פראַנצויזי-
שער רעוואָלוציע, ווי אויף אַ לאַנגער קייט הויכע בערג, וואָס מ'מוז
אויף זיי אַרויפקריכן, כדי ערשט דעמאָלט זוכה צו זיין און זען הינ-
טער זיי די גאָלדענע תקופה פון דער מוזיק, דעם גן-עדן פון דער
קונסט. נאָך אַ לאַנגן חושך האָט איצט געדאַרפט פונדאָסניי אויפשיינען
די זון פון דער גאָלדענער צייט: די אייזערנע מויער האָט זיך גע-
נומען וואַקלען; דער קלאַנגען-כישוף האָט ווידער אויפגעבליט, ווי אין
אַ וווּנדערלעכן פרילינג; דער אַלטער בוים פון דער מוזיק איז ווידער
באַדעקט געוואָרן מיט יונגער, צאַרטער בליונג; אויף די בייטן פון די
האַרמאָניעס האָבן טויזנטער בלומען געעפנט זייער שמייכלענדיקע אויגן
צום נייעם באַגינען; מ'האָט געהערט, ווי ס'שפּרודלען די זילבער-קוואַלן,

דער פרישער געזאַנג פון די טייכלעך... ס'איז געווען אַן אידיליע.

קריסטאָף איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד. אָבער ווען ער האָט געלייענט די אַפישן פון די פראַנצויזישע טעאַטערן, האָט ער דאָרט געזען די נעמען פון מייערבער, גונא, מאַסענע און אפילו מאַסקאַני און לעאָנקאַוואַלאָ, וועלכע ער האָט צו גוט געקענט; ער האָט געפרעגט זיינע חברים, די דאָזיקע חוצפּהדיקע מוזיק, די חלשות פון בענקענדיקע וועלטן, די דאָזיקע קינסטלעכע בלומען און פאַרפום־פּלעשעלעך זענען עס די אַרמיד־גאָרטנס, וואָס זיי האָבן אים צוגעזאָגט. זיי האָבן זיך מיט אַ בייזער מינע געווערט קעגן דעם. לויט זייער מיינונג זענען דאָס געווען די לעצטע שפּורן פון אַן אויסגייענדיקער תּקופה. באמת האָט אָבער די „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ" געקיניגט אין דער קאָמישער אָפּערע און „פּאַיאַצן" אין דער אָפּערע: מאַסענע און גונאָ האָבן געשאַרט גאָלד, און דער מוזיקאַלישער דרייעק: „מיניאָן", „הוגענאָטן" און „פויסט" האָט מיט ערפאָלג אַדורכגעמאַכט די טויזנטסטע פאָרשטעלונג. אָבער דאָס זענען, לויט זייער מיינונג, געווען ווייניק־וויכטיקע פאַקטן, און מ'האָט דערויף קיין אַכט נישט געדאַרפט לעגן. אויב ס'קומט אַ פאַקט און טוט אַ קלאַפּ דער טעאָריע איבערן נאָז, איז צום בעסטן אים איגנאָרירן אָפּצולייקענען. די פראַנצויזישע קריטיקער האָבן געלייקנט אין די דאָזיקע חוצפּהדיקע ווערק, אָפּגעלייקנט דעם עולם, וואָס האָט זיי אַפּלאָדירט, און ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, זיי זאָלן אָפּלייקענען בכלל דעם מוזיקאַלישן טעאַטער. די אָפּערע איז געווען ביי זיי אַ ליטעראַטור־געביט און במילא אַן אומריינע זאַך (אַזוי־ווי זיי זענען אַלע געווען שרייבער, זענען זיי אַרויס קעגן די אַלע, וואָס האָבן אויפגעדעקט זייער סוד). יעדע מוזיק, וואָס דריקט עפּעס אויס, וואָס צווינגט דעם מענטשן זיך עפּעס פאָרצושטעלן, יעדע סוגעסטיווע מוזיק, וואָס האָט עפּעס וואָס געזאָגט, איז געווען אָפּגעשאַצט פאַר אַן אומריינע. — אין יעדן פראַנצויז זיצט אַ ראָבעספּיער. ער מוז שטענדיק עמעצן אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ, כדי יענער זאָל אַזוי־אַרום ווערן ריין. די גרויסע פראַנצויזישע קריטיקער האָבן אָנערקענט נאָר ריינע מוזיק, די אַנדערע האָבן זיי געלאָזן פאַרן המון.

קריסטאָפן האָט געמאַטערט דער געדאַנק, ווי־ווייט זיין געשמאַק שטייט אויף דער זייט פונם דאָזיקן המון. איינס האָט אים אַ ביסעלע געטרייסט: אַלע מוזיקער, וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי פילן אַזאַ פאַר־

אַכטונג צו טעאַטער, האָבן נישט געקוקט דערויף, אַליין געשריבן פאַרן טעאַטער: ס׳איז נישט געווען צווישן זיי אפילו קיין איינער, וואָס זאָל נישט קאָמפּאָנירן קיין אָפּערעס. — ס׳איז אָבער געווען בלי ספק אַ דערשיינונג אַ צופעליקע און אָן באַדייטונג. מ׳האָט זיי געדאַרפט משפטן אַזוי, ווי זיי אַליין האָבן געוואָלט געמשפט ווערן, לויט זייער ריינער מוזיק.

קריסטאָף האָט געזוכט ביי זיי די דאָזיקע ריינע מוזיק.

טעאָפּיל גוזשאַר האָט אים געפירט אויף קאָנצערטן פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלער קונסט. דאָרט האָט מען געהאָדעוועט די נייע באַרימטהייטן מיט אַ מוטערלעכער װאַרעמקייט. דאָס איז געווען אַ קליינע קירכע מיט אַ סך קאַפּליצעס. וואָס יעדע איינע פון זיי האָט פאַרמאָגט איר אייגענעם קדוש. יעדער קדוש האָט פאַרמאָגט אַן עדה פון גלויביקע, וואָס האָט אַלץ אויסגערעדט אויף דער שכנותדיקער קאַפּליצע. תחילת האָט קריסטאָף נישט געזען קיין גרויסן אונטערשיד צווישן די דאָזיקע הייליקע. געוווינט צו קונסט פון אַן אַנדער מין, האָט ער נאַטירלעך זייער קונסט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, הגם ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ.

אַלץ אין זיינע אויגן האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט געווען איינגעטונקען אין באַגינען-שיין. אַלץ האָט אויסגעזען, ווי איין גרויע צייכנונג מיט מטושטשע שטריכן, וואָס האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן, אַ ווילדע אויפגעלויכטן און ווידער אויסגעגאַנגען. צווישן די דאָזיקע שטריכן זענען געווען שווערע גראָבע ליניעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען געקריצט מיט דער הילף פון אַ ווינקל-מעסטער, און האָבן פאַרמאָגט שאַרפע קאַנטן ווי עלנבויגנס פון מאָגערע פרויען. עס זענען דאָרט געווען אויך ספּיראַלע שטריכן, וואָס האָבן זיך געקנוילט ווי ציגאַרן-רויך. אָבער אַלץ איז געווען שרעקלעך גרוי. צי איז אין פראַנקרייך קיין זון נישט געווען? קריסטאָף, וואָס זינט ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריז האָט ער געזען נאָר נעפּלען און שלאַקרעגנס, איז גענויגט געווען צו טראַכטן אַז אַזוי איז עס באמת. אָבער

דער קינסטלער דאַרף אַליין באַשאַפן די זון. יעדער איינער האָט אָנגעצונדן זיין קורץ קנויטעלע, אָבער די אַלע קנויטלעך זענען געווען זייער קליין, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געגעבן קוים דאָס ליכט פון אַ לאַמטערנדל: ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך אָנצווואַרעמען אָן זיי אָדער הנאה צו האָבן פון זייער שיין. זיי האָבן געהאַלטן אין איין בייטן די נעמען פון די ווערק. זיי פלעגן דערציילן פון פרילינג, מיטאָג-צייט, ליבע, לעבנספרייד, שפּאַצירן איבער וואַלד און פעלד; אָבער די מוזיק האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט. זי איז געבליבן איינפאַרביק, ווייך, בלאַס, שטאַמלענדיק, בלוט-אָרעם, קרענקלעך.

ס׳איז געווען אַ מנהג ביי די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטן, צו רעדן שטילערהייט בעתן שפּילן. און גוט האָבן זיי געטון: ווייל ווי נאָר זיי פלעגן אָנהויבן רעדן הויך, האָבן זיי תיכף געמוזט שרייען. קיין אַנדער מין רעדן, צווישן שרייען און שעפּטשען, האָבן זיי נישט געהאַט; האָט מען געמוזט אויסקליבן צווישן אַן אַריסטאָקראַטישן דרימל און דעקלאַמאַטאָרישן פּאַטאָס.

קריסטאָף האָט זיך געפּרווט אָפּצושאָקלען פון דער פאַרגליווערונג, וואָס האָט אים באַהערשט, און אַריינגעקוקט צו זיך אין פּראָגראַם. ער איז געווען אויסער זיך זעענדיק, אַז די דאָזיקע נעפּל-שטרייפן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן גרויען הימל, האָבן בולט געמאַכט די העלקייט פון פיל אַנדערע זאַכן. ווייל נישט געקוקט אויף די אַלע טעאָריעס, איז סוף כל סוף די ריינע מוזיק געווען פּראָגראַם-מוזיק, אָדער לפּחות טעמאַטישע מוזיק. ווי שטאַרק מען האָט זיך נישט לוסטיק געמאַכט איבער ליטעראַטור, האָבן זיי דאָך געמוזט אָנקומען צום דאָזיקן שוואַכן אָנלען, אויף וועלכן זיי האָבן זיך כסדר אָנגעשפּאַרט. דער דאָזיקער אָנלען איז על פּי רוב געווען זייער משונהדיק. קריסטאָף האָט זיך געוווּנדערט, וואָס די געצייכנטע טעמעס זענען געווען אַזוי שטאַרק קינדעריש. עס זענען דאָ געווען ליטעראַרישע פּרוכט-גערטנער און גרינס-גערטנער, הינער-שטייגן, אמתע מענאַזשעריעס, באָטאַנישע גערטענער. אַנדערע האָבן געשאַפן, לויט די בילדער פון לוווּר, אָדער לויט די פרעסקעס פון דער אָפּערע, איבערזעצונגען פאַר קאַפּעלע אָדער פיאַנינאָ. זיי האָבן געשפּילט די מוזיק פון קויפּן, באָדרי, און פּאָל פּאָטער, די נויטיקע פּרושים האָבן געהאָלפן דעם צוהערער צו דערגיין אַ טאָלק, וואָס אין דעם פּראָגראַם טוט זיך, ווי למשל: דער עפל פון פּאַריס, די האָלענדישע קרעטשמע, אָדער דער הינטן

פון אַ ווייסן פערד. אין קריסטאָפס אויגן האָט עס אויסגעזען, ווי אַ שפּיל ביי אַמאָליקע קינדער, וואָס זייער גאַנצע וועלט איז באַשטאַנען בלויז פון בילדלעך, און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געקאָנט צייכענען, פלעגן זיי באַפלעקן זייערע העפטן מיט וואָסערע פלעקן עס איז, און מיט קינדערשע תמימות אָנצייכענען מיט גרויסע ווערטער: דאָס איז אַ בילד, דאָס איז אַ הויז, דאָס איז אַ בוים.

אין דער זייט פון אָט די בלינדע צייכנונג-קינסטלער, וואָס האָבן געזען מיט די אויערן, זענען געשטאַנען די פילאָסאָפן, וואָס האָבן באַהאַנדלט מעטאַפיזישע פּראָבלעמען. אין זייערע סימפאָניעס האָבן זיי געשילדערט דעם קאַמף פון אַבסטראַקטע פרינציפּן, די געזעצן פון סימבאָליזם און רעליגיע. די זעלבע לייט האָבן זיך אין זייערע אָפּערעס פאַרנומען מיט יורידישע און געזעלשאַפטלעכע צייט-פראַגן, ווי, למשל: מיט דער דעקלאַראַציע וועגן רעכט פון יעדער פרוי און בירגער. זיי פלעגן זיך פאַרנעמען אפילו מיט גט-פראַגן, מיט אויפזוכן טאַטעס פון אומגעזעצלעכע קינדער, מיט דעם פרוד-הלבבות צווישן מלוכה און קירכע. זיי האָבן זיך געטיילט אין צוויי לאַגערן: וועלטלעכע סימבאָ-ליסטן און קלעריקאַלע סימבאָליסטן. אין זייערע אָפּערעס האָבן זיך באַוויזן אויף דער בינע שמאַטע-קלויבער-פילאָסאָפן, סאָציאָלאָגישע גרי-זעטן, נביאים-שלעפער, פישער-אַפּאָסטאָלן. געטהע האָט שוין געזאָגט אויף די קינסטלער פון זיין צייט, אַז „זיי רעפּראָדוצירן קאַנטס גע-דאַנקען אין אַלעגאָרישע בילדער". די מענטשן פון קריסטאָפס דור האָבן אָפּגעגעבן דער סאָציאָלאָגיע נאָכמער אָרט אין דער מוזיק. זאָלאַ, ניטשע, מעטערלינק, באַררע, זשאָרע, מענדעס, די עוואַנגעליע און מו-לען רוזש זענען געווען אַ ברונעם, וואָס אַלע אָפּערע-און סימפאָניע-מחברים האָבן געשעפּט פון דאָרט זייערע געדאַנקען. פיל פון זיי, וואָס וואַגנערס מוסטער האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, האָבן גענומען שרייען: „מיר זענען אויך פּאָעטן!" און צוליב זעלבסט-אָנער-קענונג גענומען שרייבן אונטער די נאָטן געגראַמטע אָדער נישט גע-גראַמטע לידער אינם סטיל פון שול-ייִנגלעך, אָדער פון דעקאַדענטישע פעליעטאָנען.

אָט די אַלע דענקער און פּאָעטן זענען געווען אָנהענגער פון דער ריינער מוזיק. זיי האָבן אָבער בעסער ליב געהאַט צו רעדן וועגן איר, ווי צו פאַרפאַסן; דאָך פלעגט אָפט טרעפן, ווען זיי האָבן יאָ געשריבן אַזאַ מוזיק. דאָס איז געווען אַ מוזיק, וואָס האָט גאָרנישט ניט געוואָלט אויס-

דריקן. צום אומגליק פלעגט דער דאָזיקער פאַרלאַנג זייער אָפּט גערעאָטן: זייער מוזיק האָט באמת גאָרנישט ניט אויסגעדריקט, בפרט פאַר קריסטאָפן. דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם שליסל צו איר.

כדי צו פאַרשטיין די מוזיק פון אַ פרעמדן פאָלק, מוז מען זיך אויסלערנען זיין שפראַך, און נישט מיינען לכתחילה, אַז מען קען זי. ווי יעדער אמתער דייטש האָט קריסטאָף געמיינט, אַז ער קען די פראַנצויזישע שפּראַך. מען מוז עס אים מוחל זיין, ווייל פיל פראַנצויזן האָבן זי געקענט נישט בעסער פון אים. ווי די דייטשן פון די צייטן פון לואי דעם פערצענטן, וואָס האָבן זיך געצוווּנגען צו רעדן דווקא פראַנצויזיש, ביז זיי האָבן סוף כל סוף פאַרגעסן זייער אייגענע שפּראַך, אַזוי האָבן די מוזיקער פון ניינצענטן יאָרהונדערט פאַרוואָרפן זייער שפּראַך אויף אַזוי לאַנג, ביז זייער מוזיק האָט איינגעזאַפּט אין זיך פרעמדע פאַרבן און איז געוואָרן אַ ווילדער זשאַרגאָן. ערשט מיט אַ צייט צוריק האָט זיך אין פראַנקרייך דערוועקט אַ באַוועגונג לטובת דער פראַנצויזישער שפּראַך. אָבער נישט שטענדיק פלעגט זיך עס איינגעבן. די געוווינהייט איז געווען זייער שטאַרק, און מיט קליינע אויסנאַמען פלעגן די פראַנצויזן רעדן בעלגיש, אָדער אַזאַ פראַנצויזיש, וואָס האָט שטאַרק געשמעקט מיט דייטש. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס דער דייטש האָט מיט זיין אייביקער זיכערקייט געגלויבט, אַז דאָס איז אַן איבערגעדרייטע דייטשע שפּראַך, אַ סימן — ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט.

אויך קריסטאָף האָט אַזוי געמיינט, די פראַנצויזישע סימפאָניעס האָבן אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַבסטראַקטע דיאַלעקטיק, ווו די מוזיקאַלישע טעמען שטעלן זיך אויס איינע אונטער דער אַנדערער, ווי אין אַן אַריטמעטישן חשבון: כדי צו דערקלערן די דאָזיקע קאָמבינאַציעס, האָט מען געקאָנט שטעלן אויף זייער אָרט ציפערן אָדער גלאַט אותיות פונם אלף בית. איינער האָט געבויט זיין ווערק אויף דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון אַ מוזיקאַלישער פראַזע, וואָס האָט זיך אין די ערשטע ניין צענטלעך ממש נישט גערירט פון אָרט און איז דערגאַנגען צו אמתער שלמות ערשט אויף דעם לעצטן זייטל פונם לעצטן טייל. דער צווייטער האָט געהאַלטן ביי פאַרשידענע וואַריאַציעס פון איין טעמע, וואָס דערגייט קיינמאָל נישט ביז צום סוף און וויקלט זיך אַזוי פונאַנדער ביז פשטות. דאָס איז געווען זייער אַ קלוגע

שפיל, כדי צו געפינען אין זיי וועלכע-ס'איז פאַרגעניגן, האָט מען געדאַרפט זיין גלייכצייטיק זייער אַלט און זייער קינדעריש. די דערפינדער האָט עס געקאָסט זייער פיל מי. גאַנצע יאָרן זענען זיי אָפּגעזעסן איבער איין פאַנטאַזיע. די האָר פלעגן זיי גרוי ווערן — און זיי האָבן אַלץ געזוכט נאָר אקארדן-קאָמבינאַציעס,—כדי אויסצודריקן—וואָס?.. נישט וויכטיק! דער עיקר איז דער נייער אופן פון אויסדרוק. פונקט ווי דער אָרגאַן שאַפט די באַדערפעניש, אַזוי, קאָן מען זאָגן, שאַפט אייביק דער אויסדרוק דעם געדאַנק: אַבי ער זאָל זיין ניי, ניי פאַר יעדן פרייז! זיי האָבן שרעקלעך געציטערט פאַר דעם „וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן", די בעסערע פון זיי זענען געווען פאַראַליזירט; מ'האָט געפילט, אַז זיי זענען שטרענג צו זיך, אַז זיי מעקן אויס זייערע אָנגעשריבענע ווערק, און זיי פרעגן ביי זיך: „רבונו של עולם, ווו האָב איך עס שוין ערגעץ געלייענט?.." עס זענען פאַראַן מוזיקער—דער עיקר אין דייטשלאַנד,—וואָס פאַרברענגען זייער צייט מיט צונויפצוקניפן די עקן פון פרעמדע פראַזן. די פראַנצויזן, פאַרקערט, זענען בודק יעדע מוזיקאַלישע פראַזע פון זייער ווערק, צי איז זי אַמאָל נישט באַנוצט געוואָרן אין מעלאָדישע רשימה פון אַן אַנדער מחבר, שפעטער נעמען זיי מעקן, רייבן, קראַצן די נאָז פון זייער ווערק אַזוי לאַנג, ביז זי פאַרלירט די ענלעכקייט צו אַ נאָז בכלל, און במילא צו אַלע געוויינלעכע נעזער.

און דאָך האָבן זיי קריסטאָפן נישט אַריינגעבראַכט אין קיין טעות: אומזיסט האָבן זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ דערהויבן-קינסטלערישע צורה; נאָר געמאַכט אַן איבערמענטשלעכע התלהבות, אומזיסט האָט דער אָרקעסטער געציטערט, ווי אין קראַמפן און אַרויסגעוואָרפן טענער אומריינע, איינפאַרביקע, דעקלאַמאַטאָרישע, לויטן סטיל פון סאַראַ בערנאַר, טענער, וואָס האָבן זיך געקייקלט צוזאַמען מיט דער מוזיק אין משך פון גאַנצע שעהן און האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון פאַרשלאָפענע מויל-אייזלען. וואָס קריכן פויל ביים ברעג פון אַן אָפגרונט,—קריסטאָף האָט שטענדיק געפונען אונטער דער דאָזיקער מאַסקע קאַלטע נשמות, פערפומירט איבער דער טבע, לויטן שטייגער פון גונא און מאַסענע. נאָר מיט וויניקער נאַטירלעכקייט. און ער האָט זיך דערמאָנט אָן גליקס אומגערעכטער מיינונג וועגן די פראַנצויזן.

— לאָזט זיי צורו, סוף כל סוף קערן זיי זיך שטענדיק אום צו זייערע אַלטע נייקייטן.

נאָר די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך באמת, אַז די דאָזיקע „ניי־קייטן“ זאָלן אויסזען באַזונדערס קלוג, זיי פלעגן נעמען פאָלקס־לי־דער פאַר טעמעס צו געלערנטע סימפאָניעס, ווי די טעזן אין סאָר־באָנע, דאָס איז געווען אַ מאָדע־זאַך פון אַ באַזונדער מין. אַלע פאָלקס־לידער פון אַלע לענדער, זענען דערגאַנגען ביז אָט דער מאָדע. — און אָט אַזוי פלעגן זיי שאַפן „ביינטע סימפאָניעס“ אין פראַנקס „קוואַר־טעטן“, אָבער צו שווערע. קיינער האָט קלאָר נישט געטראַכט. יעדער האָט אין זיין הויפט טעמע געאיילט אַריינצופירן אַ צווייטע טעמע. אַ גאָרנישט זאָגנדיקע, וואָס האָט געהאַט אַנטקעגן דער ערשטער אַ פנים פון חוזק. —און דאָך האָבן אַלע געפילט, אַז אָט די אַלע נעבעכדיקע ברואים זענען אַזוי רויק, אַזוי פעסט ביי זיך!.. דער דיריגענט פון די דאָזיקע ווערק איז געווען אַ יונגערמאַן, קאָרעקט אָנגעטאָן, מיט אַ צע־טראָגענעם בליק; ער האָט זיך געוואָרפן און געדרייט אויף אַלע זייטן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט, און געמאַכט האַוואַיעס אַלאַ מיקל אַנדזשע־לאָ, פונקט ווי ער וואָלט באַדאַרפט שטעלן אויף די פיס גאַנצע מחנות פון בעטהאָווענס און וואַגנערס. דער עולם איז פון איין זייט באַשטאַנען פון סאַלאָן־מענטשן, וואָס זענען ממש אויסגעגאַנגען פון לאַנגווייליקייט, און וואָלטן דאָך בשום אופן נישט מוותר געווען אויפן כבוד צו באַצאָלן זייער אַ הויכן פרייז פאַר אָט דער באַרימטער נודנעקייט; פון דער צווייטער זייט, זענען דאָ געווען אַ סך מוזיק־אָנפאַנגער, וואָס זענען געווען גליקלעך אַרויסצווייזן איינער דעם צווייטן זייער באַהאַוונטקייט אין דער נייער קונסט, טייטלענדיק מיטן פינגער אויף יעדן פיינערן אָרט פון דער מוזיק, און אויסדריקנדיק אַ ווילדע התפעלות, וואָס איז געווען געניי צוגעפאַסט צו די באַוועגונגען פון קאַפעלמייסטער און צום טומל פון דער מוזיק.

— רעדט צו דער וואַנט!..—האָט קריסטאָף געזאָגט.

(ווייל ער איז שוין געוואָרן אַן אמתער פאַריזער).

אָבער לייכטער איז געווען זיך אויסצולערנען דעם פאַריזער זשאַרגאָן, ווי די מוזיק. קריסטאָף האָט געאורטיילט מיט דער געוויינ־לעכער דייטשער התלהבות מיט זייער אומפעיקייט צו פאַרשטיין די

פראַנצויזישע קונסט. ער איז אָבער לפּחות געווען ערלעך און מודה געווען אויף זיינע פעלערן, ווען מען האָט אים אויפגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. דעריבער האָט ער זיך נישט געפילט אָפּהענגיק פון זיין אייגענער מיינונג, און געלאָזט אָפן די טיר פאַר אַלע נייע איינדרוקן, וועלכע האָבן געקאָנט אויף אים ווירקן.

ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז די דאָזיקע מוזיק פאַרמאָגט אַ סך טאַלענט. אינטערעסאַנטן שטאָף, אייגנאַרטיקע איינפאַלן פון ריטם און האַרמאָניע, סובטילע, ווייכע, פילפאַרביקע שטאָפן, אַסך עמפּינדלעכקייט און געשיקטקייט. קריסטאָפן האָט עס הנאה געטון און איינצייטיק אויך געבראַכט נוצן. אָט די אַלע קליינע מוזיקער זענען געווען אַסך פרייער אין גייסט, ווי זייערע חברים אין דייטשלאַנד. מוטיק פלעגן זיי אַראָפּגיין פון ברייטן שליאַך און זיך אַריינלאָזן אין געדיכטעניש פון די וועלדער. זיי וואָלטן ווייט אַוועק, זענען זיי אָבער געווען צו אָרנטלעכע קינדער—און ס'פלעגט זיי נישט געלינגען. טייל פון זיי האָבן נאָך צוואַנציק טריט גאַנג פאַרקערט צוריק צום שליאַך, אַנדערע זענען באַלד מיד געוואָרן און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען דערגאַנגען כּמעט ביז צו נייע וועגן, נאָר אָנשטאָט צו גיין אַביסעלע ווייטער האָבן זיי זיך געלאָזט גיין מיט זייטיקע וועגלעך און געשפּילט זיך אונטער אַ בוים. דער עיקר האָט זיי געפעלט ווילנס-כּוח. זיי זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט אַלץ אויסער מיט איין זאַך: לעבנס-קראַפט. ביים ערשטן אָנבליק האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע ריזיקע אָנשטרענגונג גייט אַוועק לאיבוד צוליב איר פּראָגראַמלאָזיקייט און צעבראָקנקייט. זעלטן ווען האָבן אָט די קינסטלער דערקענט זיך אַליין, זעלטן ווען האָבן זיי פאַרשטאַנען צונויפצונעמען די כּוחות און צו פאַרווענדן זייער ענערגיע אויף אַ באַשטימטן ציל. דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער פועל-יוצא פון דער פראַנצויזישער אַנאַרכיע, וואָס פאַרשווענדעט אוצרות פון טאַלענט און גוטן ווילן און מאַכט פון זיי אַ תּל דורך די ספקות און סתירות פון דער סביבה. נאָך נישט געטראָפן כּמעט קיין איין פאַקט, אַז זייערער אַ גרויסער מוזיקער, ווי, למשל, בערליאָז אָדער סען-סאַען—אויב מען זאָל נישט דערמאָנען די נעמען פון די סאַמע מאָדערנע—זאָל נישט דערטרונקען ווערן אין זומפּ צוליב מאַנגל אין ענערגיע און אין גלויבן און זאָל זיך נישט פאַרדאַרבן.

קריסטאָף האָט געטראַכֿט מיטן נאַטירלעכֿן דייטשן שטאָלץ פון אונזער צייט:

— די פראַנצויזן קאָנען פאַרברענגען זייער צייט אויף ערפינדונגען, וועלכֿע זיי נוצן קיינמאָל נישט אויס. זיי מוזן שטענדיק האָבן אַ מייסטער פון אַן אַנדער ראַסע אַ גליק אָדער אַ נאַפּאָלעאָן, וואָס זאָל אַרויסציען דעם נוצן פון זייערע רעוואָלוציעס.

און ער האָט אַ שמייכל געטון, טראַכֿטנדיק וועגן דעם אַלֿצנטן ברימער.

און דאָך איז געווען אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט אינמיטן פון דער אַנאַרכֿיע געוואָלט אַריינברענגען סדר און דיסציפּלין אין די מוחות פון די קינסטלער און עולם. קודם כּל האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ לאַטייניש נאָמען — אַ זכֿר פון אַן אַלטער קירכֿן-אינסטיטוציע, וואָס האָט געבליט מיט טויזנט דריי הונדערט אָדער טויזנט פיר הונדערט יאָר צוריק, בעת דער גרויסער וואַנדערונג פון די גאָטן און וואַנדאַלן. קריסטאָף האָט זיך אַביסל געחידושט, וואָס זיי זענען אַוועק אַזוי אויף צוריק. אַוודאי איז זייער פיין פאַר אַ מענטשן צו שטיין העכֿער פון דער צייט, אין וועלכֿער ער לעבט. אָבער עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז פון אָט דעם הויכֿן פערצנהונדערט-יאָריקן אָבסערוואַציע-טורעם איז שוין לייכֿטער געווען צו באַטראַכֿטן די באַוועגונגען פון די שטערן, איידער די באַוועגונגען פון די היינטיקע, לעבעדיקע מענטשן. קריסטאָף האָט זיך אָבער באַלד געטרייסט, זעענדיק אַז די מאָדערנע זון פון דעם הייליקן גריגאָרוס פאַרברענגען אויף זייער טורעם זייער זעלטן; זיי גייען דאָרט אַרויף נאָר צו קלינגען אין די גלאָקן, און אין דער איבעריקער צייט פאַרברענגען זיי אין דער קירכֿע, וואָס געפינט זיך אונטן. קריסטאָף האָט זיי באַזוכֿט עטלעכֿע מאָל, בעת דער תּפילה און ער האָט קוים דערקענט, — אַז דאָס איז אַ קאַטוילישער צערעמאָניאַל. ער וואָלט געשווירן, אַז ער זעט פאַר זיך אַ קליינע פּראָטעסטאַנטישע גרופּע: אַן עולם אויסגעצויגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ, פרומע תּלמידים, אומטאָלעראַנט, קריגעריש, — און אין דער שפּיץ פון אָט דער גרופּע האָט אַ מענטש, זייער אַ ריי-

נער, אַן עקשנותדיקער און אַביסל אַ קינדערשער, וואָס פירט אַ קאַמף פאַר דער שלמות פון דער רעליגיעזער, עטישער און קינסטלערישער תורה, געגעבן צו פאַרשטיין אין אַבסטראַקטע אויסדרוקן די עוואַנגעליע פון דער מוזיק, פאַר אַ קליינער עדה פון אויסדערוויילטע מענטשן. ער האָט רויק געמוסרט די גאווה און די אפיקורסות, און אַרויפגעוואָרפן אויף זיי די שולד פאַר די זינד פון דער מוזיק און פאַרברעכנס פון דער מענטשהייט, דהיינו: פאַר דעם רענעסאַנס, די רעפאָרמאַציע, און די יידישע השפעה, — די אַלע נעמען האָט ער צונויפגענומען אין איין בינטל. די מוזיקאַלישע יידן זענען דורך אים פאַרמשפט געוואָרן צו שרפה in effigie (פאַרברענען די נשמה); מ׳האָט זיי פאַרן פאַרברענען געזאָלט אָנטון אין שאַנד-קליידער, דעם ריזיקן הענדל האָט מען געזאָלט אויסציען און לאָזן זיך פרעגלען אויפן פייער, נאָר איין איינציקער יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך האָט געזאָלט האָבן דאָס גליק אַרויסצוגיין אַ גאַנצער, אַ דאַנק דעם חסד פון דעם האַר, וואָס האָט געטון משפטן, ווייל באַך איז על פי טעות געוואָרן אַ פּראָטעסטאַנט.

דער טעמפּל אויף סען-זשאַק-גאַס האָט אויסגעפירט אַן אַפּאָסטאָלישע ראָלע: דאָרט האָט מען מתקן געווען די נשמות און די מוזיק; מ׳פלעגט מעטאָדיש לערנען די וועגן פון גאונות. פלייסיקע תלמידים פלעגן מקיים זיין די מצוות מיט גרויס התמדה און מיט שטאַרקן בטחון, מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז מיט זייערע מעשים טובים ווילן זיי פאַרגעבן די לייכטזיניקייט און די חטאים פון זייערע אבות, די אָבערס און די אַדאַמס, און קודם-כל די זינד פון דעם מנוול, דעם טייוולשן אייזל דעם אַשמדאַי פון דער מוזיק, בערליאָז. מיט התלהבות, וואָס פאַרדינט געלויבט צו ווערן, און מיט אמתן גלויבן האָבן זיי פאַרשפּרייט צווישן פאָלק דעם קולט פאַר די באַרימטע קינסטלער, און אין משך פון צען יאָר איז שוין קענטיק געווען אַ שטאַרקע פעולה: אין דער פראַנצויזישער מוזיק איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג. נישט נאָר די פראַנצויזישע קריטיקער, נאָר אויך די פראַנצויזישע מוזיקער, האָבן באַקומען מוזיקאַלישע גרונט-ידיעות. מ׳האָט דעמאָלט געקאָנט טרעפן אַזעלכע מחברים און מוזיק-העלדן, וואָס האָבן אפילו געקענט די ווערק פון באַך, — זייער אַ זעלטענע זאַך אפילו אין דייטשלאַנד. — קודם-כל האָבן זיי זיך באַמיט אַן עק צו מאַכן מיט דער טבע פון די פראַנצויזן, צו זיין אָפּגעשלאָסן אין זייערע אייגענע ד׳ אמות. די דאזיקע מענטשן האָבן אַ טבע צו זיצן זייער גאַנץ לעבן

הינטערן אריזון און זיי ווילן גאָרנישט אַרויסגיין אויף דער ברייטער וועלט. אויך זייער מוזיק האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען. די לופט אירע איז ווי פון אַ פאַרמאַכטן צימער, דאָס איז סאָפּע-מוזיק, וואָס וויל זיך פון אָרט נישט רירן. עס איז דער אַבסאָלוטער היפוך צו בעטהאָווענען, וואָס האָט געשאַפן זיינע מוזיקאַלישע ווערק, שפּאַצירנדיק אויף די פעלדער, קלעטערנדיק אויף די בערג, שפּרייזנדיק מיט גרויסע טריט, סיי אין גרויסע היצן און סיי אין רעגנס-טעג און אָפּשרעקנדיק די סטאַדעס מיט זיינע מאָדנע האַוואַיעס און באַוועגונגען. וואָס שייך די פּאַריזער מוזיקער, איז נישט געווען קיין שום סכּנה, זיי זאָלן, חלילה, אויפוועקן זייערע שכנים מיטן טומל פון זייער באַגייסטערונג, ווי יענער „בער פון באָן". זיי האָבן צוזאַמענגענומען זייערע געדאַנקען, און זייערע דיקע טיכער האָבן נישט געלאָזט דעם טומל פון דרויסן אַריינדרינגען אין זייערע שטיבער.

די „סכאָלאַ" האָט געפּרוווט אַריינברענגען פרישע לופט. זי האָט געעפנט די פענסטער צו דער פאַרגאַנגנהייט, אָבער נאָר צו דער פאַרגאַנגנהייט, — דאָס הייסט — צום הויף, אָבער נישט צו דער גאַס. דער נוצן איז געווען אַ גאַנץ קליינער. ווי נאָר איינער פלעגט עפענען דעם פענסטער, פלעגט דער צווייטער גלייך כאַפּן און פאַרמאַכן, — אַלטע ווייבער, וואָס האָבן מורא פאַר אַ קאַטאַר. ס'האָט זיך בלויז אַריינגעריסן אַביסל מיטלאַלטערלעכע לופט, און צוזאַמען דערמיט — באַך, פּאַלעסטרינאַ און פאָלקס-לידער. אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס? פון דעם חדר האָט געשמעקט מיט פייכטקייט, נישט ווינציקער, ווי פריער. אָבער זיי האָבן זיך אייגנטלעך געפילט גאַנץ גוט, די ניי גרויסע שטראָמען האָבן אָנגעוואָרפן אויף זיי אַן אימה. און אויב זיי האָבן אפילו געוווסט וועגן קונסט מער ווי די אַנדערע, זענען זיי אָבער געווען גרעסערע עקשנים, ווי יענע. די מוזיק האָט אין דער דאָזיקער סביבה באַקומען אַ דאָקטרינערישן כאַראַקטער, זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געניוס: די קאָנצערטן זענען געוואָרן לעקציעס פון געשיכטע אָדער פון תשובה-טון. מ'האָט מתקן געווען און מאָדערניזירט די גייסטער פון פאַרגאַנגענע צייטן. דער גרויסער באַך, בטבע אַ שטורמישער, איז גראָד יאָ אָנערקענט געוואָרן, נאָר מ'האָט אים אַריינגעפּאַקט אין קירך-ראַמען, געגעבן אַ פּסק און געצוווּנגען אים תשובה צו טון. זיין מוזיק האָט אין די סכאָלאַסטישע מוחות געביטן איר כאַראַקטער, פּונקט ווי די שטורעמדיקע ביבל, די ביבל, וואָס

גליט פון געפילן האָט באַקומען אַן אַנדער צורה אין די מוחות פון די ענגלענדער. די דאָקטרינע, וואָס מ׳האָט געשאַפן אַרום דער נייער מוזיק, איז געווען אַ שטאַרק אַריסטאָקראַטישער עקלעקטיזם, וואָס האָט זיך באַמיט צו פאַרייניקן די באַזונדערע כֿאַראַקטערן פון דריי אָדער פיר גרויסע מוזיקאַלישע עפּאָכֿעס פון 6-טן ביזן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווען מ׳וואָלט געקאָנט פאַרווירקלעכֿן די דאָזיקע טעאָריע, וואָלט די מוזיק דערגרייכֿט דעם זעלבן ציל, וועלכֿן עס דערגרייכֿן פיל וויצע-קעניגן פון אינדיען, בעת זיי קערן זיך אום פון אַ רייזע, דהיינו: זיי לאָזן אויפבויען עגזאָטישע בנינים פון טייערע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געזאַמלט אין אַלע עקן וועלט. אָבער דער געזונטער שכל פון די פראַנצויזן האָט געשטערט דער פראַקטישער פאַרווענדונג פון דער דאָזיקער באַרבאַרישער ערודיציע. זיי האָבן זיך געפירט מיט זיי, פונקט ווי מאָליער מיט זיינע דאָקטוירים: די רפואות פלעגט ער אָננעמען, אָבער קיינמאָל זיי נישט נוצן. די שטאַרקערע זענען געגאַנגען זייער אייגענעם וועג, און די גאַנצע סטאַדע האָט זיך געגריבלט אין שווערע האַרבע הלכות פון קאָנטראַפּונקט; מ׳האָט זיי אָנגערופן: סאָנאַטן, קוואַרטעטן און סימפאָניעס.

„סאָנאַטע, וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?"

זי האָט גאָרנישט געוואָלט, ווי נאָר צו זיין אַ סאָנאַטע. דער געדאַנק איז געווען אַבסטראַקט און אַנאָנים, פול מיט פּילפּול און אָן קיין שום פרייד. דאָס איז געווען אַ מין פּראָטאָקאָל-קונסט. קריסטאָף, וואָס איז פריער דאַנקבאַר געווען די פראַנצויזן פאַר זייער נישט ליבהאָבן בראַמסן, האָט איצט געטראַכֿט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סך קליינינקע בראַהמסעלעך אין פראַנקרייך. די אַלע כּשרע אַרבעטער זענען געווען פלייסיק און פול מיט שיינע מידות. קריסטאָף האָט פאַרלאָזן זייער געזעלשאַפט, וואָס איז אויסגעצייכֿנט געבויט, אָבער דורכֿגענומען פון לאַנגווייליקייט. ס׳איז געווען זייער גוט, זייער שיין...

אָבער ווי גוט ס׳איז געווען די לופט אין דרויסן!

און דאָך זענען אין פאַריז צווישן די מוזיקער געווען עטלעכֿע פריידענקענדיקע, נישט אָפּהענגיק פון וועלכֿער ס׳איז שול. זיי זענען

געווען די איינציקע, וואָס האָבן קריסטאָפן אינטערעסירט. נאָר זיי, די איינזאַמע, האָבן געקענט וויסן, ווי ווייט די פראַנצויזישע קונסט פאַר־מאָגט חיות. אַלערליי שולן און גרופּעס זענען געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר אויסערלעכער מאָדע אָדער פאַר פאַבריצירטע טעאָריעס. די פרייע מענטשן אָבער, וואָס קענען זיך גופא, איז פיל לייכטער צו געפינען דורך זיך אַליין דעם אמתן גייסט פון זייער דור און פון זייער ראַסע, פאַר אַ פרעמדן, זייטיקן זענען זיי נאָך שווערער צו פאַרשטיין זיי, ווי אַלע אַנדערע.

אָט דאָס זעלביקע איז געשען מיט קריסטאָפן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט דאָס באַרימטע ווערק, וואָס די פראַנצויזן האָבן געליבט מיט טויזנטער גוזמאדיקע שבחים, און וואָס האָט, לויט זייער מיינונג, געמאַכט אין דער מוזיק די גרעסטע איבערקערעניש פון אַלע איבערקערענישן, זינט צען דורות.—(אַ פּאָר דורות מער, אַפּאָר דורות ווייניקער—האָט פאַר זיי קיין ראָלע נישט געשפּילט. זיי האָבן נישט געקאָנט אַרויס פון זייער אייגענעם דור).

טעאָפיל גוזשאַר און סילוועז קאָן האָבן זיך געאיילט מיטצונע־מען קריסטאָפן אין דער קאָמישער אָפּערע אויף „פּעלעאַס און מעלי־זאַנדע”. זיי האָבן זיך געגרויסט מיט דעם ווערק: מ׳האָט געקענט מיינען, אַז זיי האָבן עס אַליין געשאַפן. זיי האָבן קריסטאָפן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ וועט ער געפינען דעם וועג, וואָס פירט קיין דמשק. די פאָרשטעלונג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, און זיי האָבן נאָך אַלץ ברייט געשמועסט און געגעבן אים פּירושים. קריסטאָף האָט זיי איינגעשטילט און אָנגעשטעלט די אויערן. נאָך דעם ערשטן אַקט האָט זיך סילוועז קאָן איינגעבויגן און אויסגעפרעגט מיט גלאַנ־ציקע אויגן:

— נו, ווי איז דיין מיינונג?

קריסטאָף האָט געזאָגט:

— צי גייט עס ווייטער אויך אַזוי, ווי ביז איצט?

— יאָ.

— ס׳איז דאָך אין דעם גאָרנישט דאָ.

קאָן איז געוואָרן אויפגעבראַכט און אים אָנגערופן פיליסטער.

— דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, — האָט צוגעגעבן קרי־סטאָף. — נישטאָ, נישט קיין מוזיק, נישט קיין אַנטוויקלונג, ס׳איז נישט פליסיק, און נישט בינדיק. זייער סובטילע האַרמאָניעס, אויסגע־

צייכנטער אָרקעסטער — עפעקטן און אַ גאַנץ פיינער געשמאַק. אָבער ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט...

ער האָט גענומען ווייטער הערן. ביסלעכווייז האָבן זיך אים געעפנט די אויגן. ער האָט גענומען זען געשטאַלטן אינם טונקעלן ליכט. ער האָט דערקענט, אַז אין דער מוזיק דריקט זיך אויס אַ באַשטימטער ווילן, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם וואַגנעריזם, וועלכער פלעגט די האַנדלונג דערטרינקען אין אַ מבול פון מוזיק. קריסטאָף האָט מיט איראָניע געפרעגט ביי זיך, צי דער דאָזיקער מסירת-נפש נעמט זיך נישט אַמאָל פון אומבאַהאָלפנקייט: ס'איז לייכט מוותּר צו זיין אויף אַ זאַך, וואָס מ'פאַרמאָגט נישט. ער האָט געפילט אין דער דאָזיקער שפּאַנונג די שרעק פאַר דער מאַטעריש, די האַנדלונג-זוכעניש, וואָס מען קען עס דערגרייכן מיטן מינימום אָנשטרענגונג, די פאַרצווייפלונג צוליבן שווערן קאַמף מיט דער פולקייט, וואָס די פראַכטפולע וואַגנערישע ווערק האָבן זיך אין דעם געניטיקט. דאָך האָט זיך קריסטאָף נישט געקאָנט באַפרייען פונם איינדרוק, וואָס ס'האָט געמאַכט אויף אים אָט דאָס איינפאַרביקע, פשוטע, איינגעהאַלטענע ווערק. עס האָט אים אויסגעזען איינזייטיק, און ווי אַ דייטש, האָט ער עס געפונען פאַר נישט אויפריכטיק (ער האָט אפילו איינגעפונען, אַז וואָס-מער די דאָזיקע מוזיק באַמיט זיך צו זיין אויפריכטיק, אַלץ מער זאָגט זי אויס דעם סוד, ווי ווייט די פראַנצויזישע שפראַך איז נישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ מוזיק: די פראַנצויזישע שפּראַך איז צולאָגיש, צו-אויסדריקלעך, צו-שאַרף און צו-געשליפן, זי איז אַ וועלט פאַר זיך!)—ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער דאָזיקער פרווו געווען זייער אייגנאַרטיק, און קריסטאָף האָט מיט פרייד אויפגענומען דעם רעוואָלוציאָנערן אויסברוך אין בונט קעגן דער שטאַרקער וואַגנערישער מוזיק. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער פראַנצויזישער מוזיקער וואָלט מיט איראָניע דערשטיקט אין זיך יעדע שטאַרקע ליידנשאַפט, כּדי זי איבערצוגעבן אין זייער שטילע טענער. ליבע און טויט זענען איבערגעגעבן געוואָרן אָן געשריי. נאָר לויטן ציטערן פון דער מעלאָדישער ליניע און לויט דער צאַפּלעניש פונם אָרקעסטער איז קענטיק געווען, אַז ערגעץ טיף אין דער נשמה קומט פאָר אַן ערנסטע דראַמע. מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דער קינסטלער האָט מורא אַרויסצווייזן, וואָס אין אים קומט פאָר; ער איז געווען אַ גאון פון גוטן געשמאַק — אויסער געוויסע מאָמענטן, ווען אין אים האָט זיך דערוועקט מאַסענע, וואָס

דרימלט אין יעדן פראַנצויזישן האַרץ און פאַרפלייצט אַלץ מיט זיין לירעזם. דעמאָלט זענען די האַר אויסגעקומען צו בלאָנד, די ליפּן צו רויט, — מיט איין וואָרט, אַ בירגערין פון די צייטן פון דער דריטער רעפּובליק, וואָס האָט געזאָלט אַרויסווייזן איר קראַפט אַלס גרויסע ליב-האָבערין. אָבער די דאָזיקע מאָמענטן זענען געווען אויסנאָמען: זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פריערדיקן עול; בכלל האָט געהערשט אין זיין ווערק אַ פּשטות, וואָס איז געווען דער פּראָדוקט פון זיין ווילן, אַ סובטילע בלום פון אַן אַלטער קולטור. קריסטאָף, דער יונגער באַרבאַר, האָט נישט גע-קאָנט האָבן דערפון דעם אמתן פאַרגעניגן. קודם-כל האָט אים אויפגע-וועקט די האַנדלונג פון דער דראַמע, די פּאָעטישע זייט. ער האָט גע-זען פאַר זיך אַן אַלטע פּראַנצויזין, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ קינד און הערט זיך צו צו מעשהלעך. אמת, זי איז נישט געווען אַזוי שטאַמ-לעריש, ווי ביי וואַגנערן, נישט אַזוי סענטימענטאַל און שווער, ווי אַ דיקע מויד ביים רהיין. זי איז געווען אַ פראַנצויזיש-בעלגישע פאַר-זעעניש, וואָס האָט געמאַכט משונהדיקע מינעס און גערעדט מיט אַ סאַלאָן-זשאַרגאָן: — „די האָר" „דער קליינער פּאַפּאַ" „די טייבעלעך"— מיט דער געהיימניספולקייט פון אַלע פרויען פון דער גאָרער וועלט. די נשמה פון דעם פאַריזער מענטשן האָט אַרויסגעקוקט פון דער דאָ-זיקער שאַפונג, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אויף אַן אידעאַליזירנדיקן אופן זייער ווייבערישן פּאַטאַליזם, זייער בודואַר-נירוואַנאַ און די ווייכע מע-לאַנכאָליע. קיין שום שפּור פון ווילן. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער וויל. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער טוט.

— נישט מיין שולד! נישט מיין שולד!... — האָבן געקרעכצט אָט די דאָזיקע גרויסע קינדער. אין משך פון די פינף אַקטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אויפהער אין דער טונקלקייט — אין וועלדער, הייכן, קעלערס, מתים-שטיבלעך, — האָבן זיך די דאָזיקע פייגל אָן אויפהער געשלאָגן. אָרעמע פייגעלעך! שיינע, מידע און איידעלע... ווי זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער צו-שטאַרקער ליכט, פאַר די האַסטיקע באַוועגונגען, ווערטער און ליידנשאַפטן פון לעבן! דאָס לעבן איז נישט ראַפינירט. עס לאָזט זיך נישט אָננעמען מיט הענטשיקעס...

קריסטאָף האָט געהערט, ווי עס קומען אָן די דונערן, וואָס האָבן געזאָלט חרוב מאַכן די דאָזיקע מאַכטלאָזע ציוויליזאַציע, דאָס גוססדיקע קליינע גריכנלאַנד.

צי האָט אַ געפּיל פון מעלאַנכאָלישן צער, צוזאַמען מיטן באַוווּסטזיין פון דער אייגענער העכערקייט, געווירקט אויף קריסטאָפס סימפּאַטישער באַציונג צו אָט דער קאָמפּאָזיציע? יעדנפאַלס האָט זי אים אינטערעסירט פיל מער, ווי ער האָט עס געוואָלט מודה זיין. הגם, אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו ענטפערן סילוועין קאָנען, אַז „עס איז זייער פיין, זייער פיין, נאָר עס פעלט אין דעם שווונג און ס׳איז צו ווייניק מוזיק פאַר אים", — האָט ער דאָך נישט געוואָלט צונויפמישן „פּעלעאַס" מיט די איבעריקע פראַנצויזישע מוזיקאַלישע ווערק. ער האָט געפילט, אַז די דאָזיקע לאַמטערן, וואָס האָט געפינקלט אינם נעפּל, ציט אים צו צו זיך. נאָך מער, ער האָט אַנטדעקט נאָך אַנדערע, לעבעדיקע און פאַנטאַסטישע פלעמלעך, וואָס האָבן אַרום איר געפינקלט. די דאָזיקע בלענד-ליכטלעך האָבן דערוועקט אין אים אַ נייגער. ער האָט גערן געוואָלט זיך דערנעענטערן צו זיי און זען, צוליב-וואָס גלאַנצן זיי. אָבער ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן אָט די דאָזיקע פרייע קינסטלער; וואָס-מער זיי זענען געווען פאַר קריסטאָפן אומפאַרשטענדלעך, אַלץ מער האָט זיך דערוועקט אין אים דער פאַרלאַנג צו זען זיי פון דער נאָענט. אָבער נישט יעדער מענטש האָט זוכה געווען דערצו. זיי האָבן זיך, אפנים, נישט געניטיקט אין קריסטאָפס סימפּאַטיע, אויסער אַ צוויי דריי אויסנאַמען, האָבן זיי אַלע, ווייזט אויס, ליב געהאַט ווייניק צו לייענען, ווייניק צו וויסן און ווייניק צו דערקענען. כמעט אַלע האָבן געלעבט איינזאַם, אַ טייל פון זיי אין פּאַריז, אַ טייל אויסער פּאַריז, אָבער אומעטום — אַליין, געשטויסן פון דעם אייגענעם ווילן, פון דעם שרעק פאַר דער געזעלשאַפט, פון אַרומיקן עקל אָדער גלייכגילטיקייט. נישט געקוקט אויף זייער קליינער צאָל, זענען זיי דערצו געווען צעטיילט אין קליינע גרופּעס, וואָס האָבן איינער דעם צווייטן פיינט געהאַט, אין משפּחות, וואָס האָבן זיך כסדר אַרומגעריסן און נישט געקאָנט הויזן אונטער איין דאַך. זיי זענען געווען זייער עמפּינדלעך און נישט סובל געווען, נישט זייערע שונאים, נישט זייערע קאָנקורענטן, און אפילו נישט זייערע פריינד, בעת יענע האָבן געהאַט די העזה נתפּעל

צו ווערן פון אַן אַנדער מוזיקער, אויסער זיי, אָדער זיי גופא צו רימען מיט איבערגעטריבענער קאַלטקייט, איבערגעטריבענער וואַרעמקייט, מיט איבעריקער באַנאַלקייט אָדער גוזמאָדיקער עקסצענטרישקייט. ס'איז דעריבער שווער געווען זיי צופרידנצושטעלן. סוף-כל-סוף האָט זיך יעדערער פאַרשאַפט זיין באַזונדערן קריטיקער, וואָס פלעגט אים פאַרטיידיקן און שטיין פול מיט קנאה צופוסנס פון זיין סטאַטוע. קיינער האָט זיי נישט געטאָרט אָנרירן. אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט פאַרשטאַנען צו ווערן נאָר פון זיך אַליין און פון זייערע גלייכנס, זענען זיי בכלל שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן. זייערע אָנהענגער פלעגן זיי איבערגעבן זייערע מיינונגען גופא, וואָס פלעגן זיי פאַרשיכורן און צונעמען ביי זיי די אָביעקטיווקייט בנוגע זייער אייגענער קונסט און טאַלענט. האַלטנדיק זיך אַליין פאַר רעפאָרמאַטאָרן, האָבן זיך די דאָזיקע פאַנטאַסטן איינגערעדט, אַז וואַגנער איז זייער קאָנקורענט. אַזוי אַרום זענען זיי כמעט אַלע געוואָרן קרבנות פון זייער איבערגעטריבנקייט בנוגע זיך אַליין. יעדן טאָג האָבן זיי געמוזט מאַכן אַ העכערן שפרונג, ווי מיט אַ טאָג פריער, אַלנפאַלס — ווי זייער קאָנקורענט. די דאָזיקע פרווון פלעגן נישט שטענדיק געראָטן, און זיי האָבן בכלל אינטערעסירט בלויז עטלעכע פאַך-לייט. זיי האָבן זיך בכלל נישט גערעכנט מיטן ברייטן עולם, און דער עולם האָט וועגן זיי נישט געטראַכט. זייער קונסט איז געווען אַ קונסט אָן מאַסע, אַ מוזיק, וואָס האָט זיך געשפייזט פון מוזיק, פון דער אייגענער טעכניק. אָבער קריסטאָף האָט געהאַט דעם איינדרוק, ריכטיק אָדער פאַלש, אַז קיין אַנדער מוזיק האָט זיך אַזוי נישט גענויטיקט אין שטיצע, ווי די פראַנצויזישע. דאָס דאָזיקע שוואַכע געוויקס האָט נישט געקאָנט עקזיסטירן אָן אַן אָנלען, אָן ליטעראַטור; זי האָט פאַרמאָגט צו ווייניק אייגענעם לעבנס-כוח. זי האָט פאַרמאָגט אַ קורצן אָטעם, ווייניק בלוט און אַ שוואַכן ווילן. ענלעך צו אַ פוילער, ליידנשאַפטלעכער פרוי, האָט זי געוואַרט אויפן מאַן, וואָס זאָל זי באַזיצן. אָבער די דאָזיקע ביזאַנטישע מלכה מיטן בלייכן, בלוטלאָזן קערפער, באַדעקט מיט איידל-שטיינער, איז געווען אַרומגערינגלט מיט סריסים, פיליסטער, עסטעטן און קריטיקער. דאָס פאָלק איז נישט געווען מוזיקאַליש; און די גאַנצע התלהבות, וואָס מ'האָט צוואַנציק יאָר, מיט גרויס טומל, אַרויסגעוויזן צו די נעמען פון וואַגנער, בעטהאָווען, באַך אָדער דעביסי, איז נישט אַריבער דעם תהום פון אַ געוויסער גרופּע. די פאַרפלייצונג פון קאָנצערטן, דער מבול פון מוזיק אָן אַ

סוף און פֿאַר יעדן פּרייז, איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער רעאַלער אַנטוויקלונג פֿון דעם געשמאַק אין פֿראַנקרייך. אַלץ איז געווען אַרויפֿגעצווונגען צוליב מאָדע און איז געווען אויסגערעכנט נאָר פֿאַר די אויבערשטע פֿון שטויסל, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן, אָבער גלייכצייטיק זיך געמאַטערט און געמאַכט פֿון דער מוזיק אַ תּל. די מוזיק איז געווען אמת באַליבט נאָר ביי אַ הייפֿל מענטשן, אָפֿט דווקא נישט אַזעלכע, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט מוזיק, ווי קאָמפּאָזיטאָרן און קריטיקער. פֿאַראַן אַזוי ווייניק מוזיקער אין פֿראַנקרייך, וואָס האָבן באמת ליב די מוזיק!

אָט אַזוי האָט געטראַכט קריסטאָף, נאָר ער האָט נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז אַזוי איז אויף דער גאַנצער וועלט; אַז אפֿילו אין דייטשלאַנד פֿאַרנעמען זיך אויך מיט דער מוזיק נאָר יחידים. אַ באַדייטונג פֿאַר דער מוזיק פֿאַרמאָגן נישט די טויזנטער, וואָס הויבן זי נישט אָן צו פֿאַרשטיין, נאָר אַ הייפֿל מענטשן, וואָס האָבן זי ליב און אַרבעטן פֿאַר אירעטוועגן מיט שטאָלצער עניוות. האָט ער געזען אַזעלכע א ן ראַנקרייך? די בעסערע קינסטלער און קריטיקער האָבן געאַרבעט אין דער שטיל, ווייט פֿון טומל, פּונקט ווי פֿראַנק האָט געטון, פּונקט ווי ס׳האָבן געטון די גייסטרייכע קאָמפּאָזיטאָרן פֿון אונזער צייט און אַ סך אַנדערע קינסטלער, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז געלעגן באַהאַלטן אין חושך, אפֿשר נאָר צוליב דעם, כּדי וועלכער-עס-איז זשורנאַליסט זאָל האָבן דעם כּבוד זיי צו אַנטדעקן און צוצוטשעפּען צו זיי זיין אייגענעם נאָמען. פּונקט אַזוי איז מיט דער קליינער מחנה אַרבעטזאַמע גייסטער, וואָס הויבן אויף אָן שום אַמביציע, נישט זאָרגנדיק פֿאַר זיך, אַ שטיין נאָך אַ שטיין, כּדי ווידער אויפֿצובויען דאָס גרויסע פֿראַנקרייך פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט, אָדער זיי גיבן זיך איבער דער מוזיקאַלישער דערציונג פֿון זייער פֿאָלק, כּדי צוצוגרייטן דאָס גרויסע פֿראַנקרייך פֿון דער צוקונפֿט. וויפֿל זענען געווען צווישן זיי גייסטער, וואָס זייער רייכקייט, פֿרייקייט און נייגעריקייט צו דער גאַנצער וועלט וואָלטן צוגעצויגן קריסטאָפֿן, ווען ער וואָלט זיי נאָר געקענט! אָבער נאָר צוויי אָדער דריי פֿון זיי האָט ער דורך-אגב דערזען; ער האָט זיי נאָר געקענט לויט די קאַריקאַטורן פֿון זייערע געדאַנקען, געזען נאָר זייערע חסרונות לויט דעם, ווי די קונסט-נאָכמאַכער און קאָמיוואָיאַזשאָרן פֿון דער פּרעסע פֿלעגן זיי איבערקרימען.

קודם-כל האָט דערוועקט אין אים אַן עקל צום מוזיקאַלישן פעבל — זיין פאָרמאַליזם. די דאָזיקע מענטשן האָבן קיינמאָל נישט געערעדט וועגן קיין אַנדערער זאַך, אַ חוץ — פאָרם. וועגן געפיל, כאַראַקטער, לעבן — קיין איין וואָרט נישט! קיין איינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלן, אַז, פונקט ווי יעדער פשוטער מענטש לעבט אין אַ ממשותדיקער וועלט, פונקט אַזוי לעבט יעדער אמתער מוזיקער אין אַ וועלט פון הוילע קלאַנגען, און זיין לעבן שטראָמט אין זיין נשמה, ווי אַ כוואַליע מוזיק. מוזיק איז די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט, דער הימל, וואָס הילט אים אַרום. די גאַנצע נאַטור שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין נשמה אַלס מוזיק, זיין נשמה גופא איז אויך מוזיק. מוזיק אין אַלץ, וואָס ער ליבט, האַסט, ליידט, שרעקט זיך, האָפט. אַ מוזיקאַלישער גייסט, בעת ער האָט ליב אַ שיינעם קערפּער, האָט ער אים ליב אין דער פאָרם פון מוזיק. די שיינע אויגן, וואָס וואַרעמען אים, זענען נישט בלוי, נישט גרוי און נישט ברוין: זיי זענען מוזיק; בעת ער זעט זיי, פילט ער, ווי ס'וואָלטן אים געגלעט טענער, אָדער אַן אַנגענעמער אַקאָרד. די דאָזיקע אינערלעכע מוזיק איז טויזנט מאָל רייכער פון דער, וואָס קומט צום אויסדרוק, און די טענער פון דער פיאַנינאָ זענען צו אָרעם אַנטקעגן דעם מענטשן, וואָס שפּילט אויף איר. די גאונות ווערט געמאָסטן מיט דער לעבנס-קראַפט, מיט דער פעיקייט צו הערשן איבערן נישט פאָלקאָמענעם אינסטרומענט. אָבער וויפל זענען פאַראַנען אין פראַנקרייך מענטשן, וואָס ווייסן עס? פאַר אָט דעם פאָלק פון כעמיקער באַשטייט די קונסט נאָר אין קאָמבינירן טענער. זיי נעמען אָן דעם א״ב פאַרן בוך. קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען, בעת ער האָט געהערט רעדן, אַז כדי צו פאַרשטיין, דאַרף מען זיך אָפּזונדערן פונם מענטשן. אָט דער פּאַראַדאָקס האָט זיי אַלעמען שטאַרק הנאה געטון: אויף אַזאַ אופן, האָבן זיי געמיינט, ברענגען זיי אַ ראיה צו זייער אייגענער מוזיקאַלישקייט. אַזוי האָבן געטראַכט אַלע מענטשן ביז גוזשאַרן, וואָס איז געווען אַזוי קליינקעפּלדיק, אַז ער האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קען אַ מענטש געדענקען אַ גאַנצע זייט מוזיק אויף אויסנווייניק. — ער האָט געפּרוּווט זיך נאָכפרעגן אויף דעם דאָזיקן סוד ביי קריסטאָפן. ער האָט אים געוואָלט איבערווייזן, אַז בעטהאָווענס גרויסקייט און וואַגנערס ליידנשאַפט האָבן נישט קיין גרעסערע שייכות מיט זייער מוזיק, ווי דער מאַדעל פון אַ מאָלער מיט זיין אויסגעפּירטן פּאָרטרעט.

— דאָס באַווייזט — האָט קריסטאָף סוף-כּל-סוף אומגעדולדיק גע-ענטפערט — אַז אַ שיינער גוף האָט נישט אין אייערע אויגן קיין גרעסערן קינסטלערישן ווערט, ווי אַ שטאַרקע ליידנשאַפט. אָרעמער מענטש! איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וויפל די שיינקייט פון אַ פּנים דערהויבט די שיינקייט פון דער קאָפּירטער צייכנונג, פונקט ווי די שיינקייט פון אַ גרויסן גייסט דערהויבט די מוזיק, אין וועל-כער ער שפּיגלט זיך אָפּ. אָרעמער מענטש! אייך אינטערעסירט נאָר די מלאכה. ווי-נאָר עס ענדיקט זיך די מלאכה, גייט אייך שוין גאָר-נישט אָן, וואָס דאָס ווערק דריקט אויס... אָרעמער מענטש! איר זענט פונקט ווי יענע, וואָס הערן נישט די ווערטער פון די רעדנער, נאָר בלויז זיין שטים, וואָס קוקן, גאָרנישט פאַרשטייענדיק, אויף זיינע באַ-וועגונגען, און געפינען שפּעטער איין, אַז ער רעדט אויסגעצייכנט... אָרעמער מענטש, ווי נאַריש איר זענט!

אָבער נישט די אָדער יענע טעאָריע האָט קריסטאָפן אויפגערעגט, נאָר אַלע טעאָריעס בכלל. ער איז פּשוט פאַרצווייפלט געוועזן פון די אַלע דיספּוטן, די אַלע וויכּוחים אָן אַ סוף, פון דער אייביקער פּלוי-דעריי פון די מוזיקער וועגן מוזיק. נאָר וועגן מוזיק. זי האָט געקאָנט נעמען עקלען אפילו דעם בעסטן מוזיקער. פונקט ווי מוסאָרגסקי. האָט קריסטאָף געטראַכט, אַז גלייכער וואָלט געווען פאַר די מוזיקער צו-רו צו לאָזן דעם קאָנטראַפּונקט מיט דער האַרמאָניע זייערער און בעסער איבערצולייענען עטלעכע גוטע ביכער און קריגן אַ ביסל לעבנס-דער-פאַרונג. די מוזיק אַליין איז צו ווייניק פאַרן היינטיקן מוזיקער: נישט אויף אַזאַ אופן וועט ער זיך דערהויבן איבער זיין דור און אַרויס-וואַקסן איבערן גאָרנישט... לעבן! דאָס גאַנצע לעבן! אַלץ זען, אַלץ דערקענען, אַלץ פילן. ליב האָבן זוכן און דערגיין דעם אמת — די שיינע פּענטיזיליי, די אַמאַזאָנען-קעניגין, וועלכע גיט אָפּ אַ ביס פאַר אַ קוש!

געננוג מוזיקאַלישע פּלוידעריי און וואַרשטאַטן, וואָס פאַבריצירן אַקאָרדן! אָט די דאָזיקע מאכלים פון דער האַרמאָניע-קיך וועלן אים קיינמאָל נישט קאָנען אויסלערנען צו געפינען אַ נייע האַרמאָניע, וואָס זאָל נישט זיין קיין פאַרזעעניש, נאָר אַ לעבעדיק וועזן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די וואַגנעריאַנער-גע-לערנטע, צו די אַלע, וואָס זענען געזעסן איבער זייערע כעמישע מכשירים, כּדי צו באַשאַפן אַ האָמונקולוס אין אַ פלעשעלע; ער איז

אַוועק פֿון דער פֿראַנצויזישער מוזיק און געפּרוווט באַקענען זיך מיט דער ליטעראַרישער סביבה און מיט דער פּאַריזער געזעלשאַפֿט.

•

פּונקט ווי מיליאָנען אַנדערע מענטשן אין פֿראַנקרייך, האָט אויך קריסטאָף אָנגעהויבן זיך צו באַקענען מיט דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור פֿון זיין צייט, קודם-כל דורך טעגלעכע צייטונגען. אַזוי ווי ס'איז געווען פֿאַר אים געוואונשן זיך צוצוגעוויינען וואָס גיכער צום פֿראַנצויזישן אַרט דענקען און צו פֿאַרפֿאָלקאָמענען די ידיעות אין דער שפּראַך, האָט ער זיך געצוווּנגען צו לייענען זייער אויפֿמערקזאַם די צייטונגען, וואָס זענען געווען צום כאַראַקטעריסטישסטן פֿאַר די פּאַריזער. באַלד דעם ערשטן טאָג האָט ער געלייענט צווישן די שרעקלעכע ידיעות, וואָס האָבן פֿאַרפֿולט גאַנצע שפּאַלטן אין דער צייטונג, אַ געשיכטע מיט אַ פֿאָטער, וואָס האָט געהאַט באַציונגען מיט זיין פֿופֿצניעריקער טאָכטער. די זאַך האָט אויסגעזען נאַטירלעך און אַפֿילו רירנדיק. דעם צווייטן טאָג האָט ער געלייענט אין דער זעלביקער צייטונג וועגן אַ פֿאָטער און זיין צוועלף-יעריקן זון, וואָס האָבן ביידע געהאַט איין געליבטע; דעם דריטן טאָג — אַ מעשה וועגן אַ ברודער, וואָס האָט געלעבט מיט זיין שוועסטער. דעם פֿערטן טאָג אַ מעשה וועגן צוויי שוועסטער, וואָס האָבן געהאַט צווישן זיך קערפּערלעכע באַציונגען. דעם פֿינפֿטן טאָג... דעם פֿינפֿטן טאָג האָט ער אַ וואָרף געטון מיט עקל די צייטונג און געזאָגט צו סילוועז קאָן:

— ווײַ, ווײַ! וואָס איז געוואָרן מיט אייך? איר זענט קראַנק?

סילוועז קאָן האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— דאָס איז קונסט.

קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— איר טרייבט קאַטאָוועס.

קאָן האָט זיך שטאַרקער צעלאַכט.

— ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן. קוקט זיך אַליין צו.

ער האָט געוויזן קריסטאָפֿן אַן אַנקעטע פֿון אַ געוויסער צייט צוריק וועגן קונסט און מאָראַל, וואָס פֿון איר איז אַרויסגעדרונגען, אַז „די ליבע הייליקט אַלץ”, אַז „די ליידנשאַפֿט איז דער פֿערמענט

פון דער קונסט", אַז „די קונסט קאָן נישט זיין אוממאָראַליש", אַז „די מאָראַל איז אַן אַלטע ירושה פון דער יעזואיטישער דערציִונג" און אַז „די קראַפט פון דער תּאווה איז דער עיקר אין דער קונסט". אָן אַ שיעור ליטעראַרישע ידיעות האָבן פעסטגעשטעלט אין די זשורנאַלן די קינסטלערישע ריינקייט פון אַ ראָמאַן, וואָס האָט געשילדערט דאָס לעבן פון די פרויען-הענדלער. צווישן די ענטפערן זענען געווען אַ סך נעמען פון גרויסע שרייבער און אָנגעזעענע קריטיקער. אַ בירגערלע-כער קאַטוילישער דיכטער, וואָס האָט באַזינגען דאָס פאַמיליען-לעבן, האָט געגעבן זיין קינסטלערישע ברכה אַ נייען ווערק, ווו ס'איז זייער גענוי געשילדערט געוואָרן די אויסגעלאַסנקייט פון די גריכן. מ'האָט געמאַכט זייער אַ סענטימענטאַלע רעקלאַמע פאַר אַזעלכע ראָמאַנען, וואָס האָבן מיט געשיקטקייט געשילדערט די געשיכטע פון דער אויס-געלאַסנקייט אין פאַרשידענע צייטן: אין רוים, אַלעקסאַנדריען, ביזאַנץ, אין דער איטאַליענישער און פראַנצויזישער רענעסאַנס-תּקופה, אין דעם גרויסן יאָרהונדערט... דאָס איז געווען אַ גאַנצער קאָמפּלעט. אַ צווייטער באַנד האָט אַרומגענומען פאַרשידענע לענדער פון דער ערד-קויל: פּלייסיקע שרייבער האָבן זיך מיט דער פּינקטלעכקייט פון בענעדיק-טינער נזירים געווידמעט דער פאָרשונג פון די שאַנד-הייזער אין אַלע פינף ערד-טיילן. קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָס צווישן די געאָגראַפן און היסטאָריקער פון דעם תּענוגלעכן לעבן האָבן זיך גע-פונען אָנגעזעענע דיכטער און אויסגעצייכנטע שרייבער. זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט פון די איבעריקע נאָר מיט זייער געלערנטקייט. מיט אַ ריינער שפּראַך האָבן זיי דערציילט די מיאוסטע זאַכן פון די פאַר-גאַנגענע דורות.

די טרויעריקסטע דערשיינונג איז געווען, וואָס אָרנטלעכע מענטשן און אמתע קינסטלער, וואָס האָבן זיך באמת אויסגעצייכנט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, האָבן זיך מיט איבערגעטריבענעם פלייס באַמיט צו שאַפן ווערק אויף אַזאַ געביט, צו וועלכן זיי זענען נישט געווען פעיק. טייל פון זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו שרייבן, פונקט ווי זייערע חברים, סקאַנדאַליעזע מעשיות, וואָס די פרימאָרגן-צייטונגען האָבן געדרוקט אין המשכים. זיי האָבן צוגעשטעלט שטאָף זייער רעגל-מעסיק איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך אין משך פון לאַנגע יאָרן. זיי האָבן כּסדר אויסגעזעסן אייער, הגם זיי האָבן נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן, און געבראָכן זיך די קעפּ אַרויסצוברענגען וואָס מער נייע

שטותערייען, ווייל דעם לעזער-עולם, וואָס איז שוין געווען איבערגע-פרעסן, האָבן די דאָזיקע מאכלים מער נישט געשמעקט; ער האָט דע-ריבער געפאָדערט די חוצפהדיקסטע נאַקעטסטע שילדערונגען; מ׳האָט געמוזט ליציטירן, ליציטירן אָן אויפהער, ליציטירן אַנדערע און זיך אַליין. און אַט אַזוי האָט מען געשריבן אַלץ מער נאַרישקייטן, אַרויסקוועטשנדיק פון זיך די קישקעס און דאָס בלוט: ס׳איז געווען אַ קלאָגעדיק משונהדיק בילד.

קריסטאָף האָט נישט געקענט די אַלע טעכנישע זייטן פון אָט דער טרויעריקער מלאכה, און ווען ער וואָלט זיי אפילו יאָ געקענט, וואָלט ער זיי אויך מוחל געווען: ווייל קיין זאַך אויף דער וועלט איז נישט בכוח געווען אין זיינע אויגן צו פאַרענטפערן אַ קינסטלער, וואָס האָט פאַרקויפט זיין קונסט פאַר דרייסיק זילבער-שטיק...

— אפילו נישט פאַרן גליק פון די מענטשן, וואָס ער האָט ליב?

— ניין, בשום אופן!

— ס׳איז נישט מענטשלעך!

— מענטשלעך איז נאָך נישט דער עיקר, דער עיקר איז צו זיין אַ מענטש.... מענטשלעך!.... זאָל אייך גאָט אָפּהיטן פון דער דאָ-זיקער ווייסער שיפרות, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין איין טראָפּן בלוט!.. מ׳האָט נישט ליב קיין צוואַנציק זאַכן מיט אַמאָל, מ׳דינט נישט צו אַ סך געטער!...

אין זיין אַרבעטזאַם לעבן איז קריסטאָף כמעט נישט אַרויס אויסערן קליינשטעטלדיקן דייטשן האָריזאָנט; ס׳האָט אים גאָרנישט גע-קאָנט איינפאַלן, אַז די דאָזיקע קינסטלערישע אויסגעלאַסנקייט, וואָס האָט זיך אין פאַריז פאַרשפּרייט גאָר אָן שום בושה, איז אויך פאָר-געקומען כמעט אין אַלע גרעסערע שטעט. די אַלטע מיינונגען פון דעם צניעותדיקן דייטשלאַנד האָבן זיך אין אים צעבונטעוועט אַנטקעגן דער לאַטיינישער זיטנפאַרדאָרבנקייט. סילווען קאָן וואָלט אים אייגנט-לעך געקאָנט ווייזן, וואָס עס קומט פאָר אויפן ברעג פונם שפּריי: די שרעקלעכע צעפוילטקייט פון דער אַריסטאָקראַטיע אינם אימפּעריאַ-ליסטישן דייטשלאַנד, וואָס זיין ברוטאַלקייט איז נאָך פאַרדאָרבענער געוואָרן צוליב דער דייטשער גראָבקייט. אָבער סילווען קאָן האָט עס להלוטין נישט געוואָלט אויסנוצן; ס׳האָט אים נישט אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, פונקט ווי עס האָבן אים נישט געאַרט די פאַריזער זיטן.

ער האָט זיך מיט איראָניע געטראַכט: „יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע מנהגים", און געהאַלטן די מנהגים פון זיין סביבה פאַר אַזוי נאַטירלעך, אַז ביי אים איז אויסגעקומען, ווי זיי וואָלטן געווען דער שורש פון דער ראַסן-נשמה. אָט אַזוי איז ער באַגאַנגען דעם זעלביקן פעלער, ווי אַלע זיינע לאַנדסלייט. דהיינו, ער האָט געמיינט, אַז דער צרעת, וואָס האָט אויפגעבליט אין דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע אין אייראָפע, איז אַ פעלער בלויז פון דער פראַנצויזישער קונסט און באַציט זיך בלויז אויף דער ירידה פון די לאַטייניש שטאַמען. אָט די ערשטע באַרירונג מיט דער פראַנצויזישער ליטעראַטור האָט קריסטאָפן שטאַרק וויי געטון, און ס'האָט לאַנג געדויערט, איידער ער האָט עס אַ ביסל פאַרגעסן. עס זענען, אמת, אויך אַנדערע ווערק, וואָס האָבן זיך נישט פאַרנומען בלויז — ווי אַ פראַנצויזישער שרייבער האָט עס איידל אָנגערופן — מיטן „חוש פאַר פונדאַמענטאַלע תענוגים". אָבער די שענערע און בעסערע ווערק זענען צו אים נישט דערגאַנגען. זיי האָבן נישט געהערט צו די שאַפונגען, וואָס סילווען קאָן און זיינע חברים האָבן ליב געהאַט זיך איינצושאַפן; די ווערק איז נישט געגאַנגען אין לעבן צו האָבן אָט די מענטשן פאַר לעזער, און די מענטשן איז נישט געגאַנגען אין לעבן זיי צו לייענען: זיי האָבן זיך קעגנזייטיק איגנאָרירט. סילווען קאָן האָט וועגן זיי קיינמאָל מיט קריסטאָפן נישט גערעדט; ער האָט געהאַלטן, אַז ער און זיינע פריינד זענען דער בעסטער אויסדרוק פון דער פראַנצויזישער קונסט, און אַז אויסער די ווערק, וואָס קאָנס סביבה און די בולוואַר-צייטונגען האָבן אָנערקענט פאַר גרויסע, זענען נישט פאַראַן מער נישט קיין טאַלענטן און נישט קיין קונסט — ס'איז בכלל קיין פראַנקרייך נישט פאַראַנען. פון די פאָעטישע ווערק, וואָס זענען געווען אַ שיינדל פאַר דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פון זיין צייט, און וואָס פראַנקרייך האָט זיי געהאַלטן פאַר דער קרוין פון איר קאָפּ, האָט קריסטאָף קיין איינס נישט געקענט. פון די גרעסערע ראָמאַנען, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דעם געמויזעכץ פון דער מיטלמעסיקייט, זענען אים אַריינגעפאַלן אין האַנט אַריין עטלעכע ביכער פון באַרע און אַנאַטאָל פראַנס. ער האָט אָבער צו ווייניק געקענט די פראַנצויזישע שפּראַך, צו קאָנען הנאה האָבן, ווי עס דאַרף צו זיין, פונם אוניווערסאַלן דילעטאַנטיזם און געלערנטער איראָניע פונם לעצטן און פון דער קונסט פונם ערשטן, וואָס איז, אמת, נישט געווען ווי געהעריק צוזאַמענגעגאָסן, אָבער דאָך

געשטאַנען העכער פון די איבעריקע ווערק. ער האָט אַ לאַנגע צייט באַטראַכט די קליינע פּאָמעראַנצן, וואָס זענען אויף אַ קינסטלעכן אופן געוואַקסן אין דער לעצטער ליטעראַרישער וואַרימקייט פון אַנאַטאָל פראַנס, און די העלפאַרביקע פיינע בלומען, וואָס זענען געוואַקסן אויף די קברים פון באַרעס נשמה. אַ ווײַלע האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט אויפן טאַלענט פונם אַ ביסל דערהויבענעם און פּשוטן מעטערלינק. ס'האָט געאָטעמט פון אים אַ מין וועלטלעכער, מאָנאָטאָנער מיסטיציזם, וואָס האָט פאַרשלעפּערט ווי אַ פאַרבאָרגענער ווייטיק. ער האָט זיך פון אים אָפּגעשאָקלט, פאַרכלינעט זיך מיטן שטראָם פון דער גשמיותדיקער קראַפט, פאַרזונקען אין דעם געמויזעכץ פון זאָלאַס ראָמאַנטיק, וואָס איז אים שוין לאַנג באַקאַנט געווען — און באַלד אַרויסגעטויכט אויף איר אויבערפלאַך, כּדי ווידער זיך אַרונטערצולאָזן אונטערן וואַסער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

פון אַלע זייטן האָט צו אים דערגרייכט דער ווײַבערישער ריח. די ליטעראַטור פון יענער צייט איז פול געווען מיט נישט קיין פאָלקאָמענע מענער און פרויען. — די פרויען וואָלטן אפשר גוט געשריבן, ווען זיי וואָלטן זיך פאַרנומען מיטן געבעט, וואָס דער מאַן דערזעט נישט: מיט דער טיפער נשמה פון אַ פרוי; אָבער נאָר אַ קליינער טייל פון זיי האָט געהאַט דעם מוט עס צו טון. די מערהייט האָט געשריבן, נאָר כּדי צו קיצלען די מענער. זיי האָבן ליגן געזאָגט אין זייערע ווערק, פּונקט ווי זיי האָבן ליגן געזאָגט אין זייערע סאַלאָנען; זיי האָבן זיך געצירט מיט געשמאַקלאָזיקייט און געחנפעט די מענער. זינט זיי האָבן אויפגעהערט זיך אויפצופירן צביעותדיק און זיך מתוודה צו זיין פאַרן גלח פון זייערע קליינע עברהלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן די זעלביקע מעשות דערציילן פאַרן לעזער. דאָס איז געווען אַ מבול פון ראָמאַנען, כּמעט שטענדיק פול מיט שונד און צווייִדייטיקייט, געשריבן מיט אָנצוהערענישן און אין אַ שפּראַך, וואָס פון איר האָט געשמעקט מיט בלומען און בשמים — אָבער ס'רוב שלעכטע. דער דאָזיקער דושנער ריח פון די זינלעכע דערציילונגען און די אָפּגעשמאַקטע ליידנשאַפט האָבן זיך געצויגן, ווי אַ רויטער פאָדים, איבער דער גאַנצער ליטעראַטור. קריסטאָף האָט זיך געטראַכט, פּונקט ווי געטהע בשעתו: „לאָזן זיך די פרויען שרייבן פּאָעזיע און ליטעראַטור, וויפל זייער האַרץ גלוסט, אַבי די מענער זאָלן נישט שרייבן, ווי די פרויען! אָט דאָס געפעלט מיר נישט.” ער האָט נישט געקאָנט צוזען אָן עקל

די דאָזיקע פאַרדעכטיקע קאָקעטעריע, די איבערגעטריבענע סענטימענ־טאַלקייט, וואָס האָט זיך באַצויגן אויף לחלוטין גלייכגילטיקע זאַכן. אַ געפיל פון עקל האָט אים אָנגעכאַפּט צו זייער אידעאָלאָגיע און זינלעכן סטיל, צום גאַנצן מישמאַש פון ווייכקייט און גראָבקייט, וואָס האָבן געפּאַסט פאַר בעלי־עגלות־פּסיכאָלאָגן.

אָבער קריסטאָף האָט איינגעזען, אַז זיינע מיינונגען זענען נישט זיכער, דער טומל, וואָס האָט געהערשט אינם ווערטער־מאַרק, האָט אים צעחושט. ס׳איז אוממעגלעך געווען צו הערן דאָס שיינע פּייפל־שפּיל, וואָס איז אינם רעש פאַרשלונגען געוואָרן; ווייל אַפילו צווישן די ווערק, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָר פון הנאה וועגן, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס פון זיי האָט אַראָפּגעשיינט דער ליכטיקער הימל, און ס׳האָט אַראָפּגעקוקט די איידעלע ליניע פון די אטישע בערגלעך — אַרבעטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט טאַלענט, חן, לעבנס־פרייד, אַ צויבער־פולן סטיל און גייסטרייכקייט, כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַר־ליבטע מיידלעך אָדער יונגע־לייט, וואָס בענקען נאָך זייערע געליבטע, אינם סטיל פון פערוגין און פון יונגן ראַפאַעל, געליבטע מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, וואָס שמייכלען צו זייערע ליבע־טרוימען. קריסטאָף האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געפילט. קיין זאַך האָט אים נישט גע־קאָנט אויפדעקן די הערשנדיקע ריכטונגען, די גייסטיקע שטרעמונגען. אַפילו פאַר אַ פראַנצויז איז שווער זיך און זיי פונאַנדערצוקלייבן. דאָס, וואָס איז אים געלונגען פעסטצושטעלן, איז געווען די גרויסע ליטעראַטור־פאַרפלייצונג, וואָס האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפטלעכער קאַטאַסטראָפע. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַלע וואָלטן געשריבן: מענער, פרויען, קינדער, אָפיצירן, שוישפּילער, מענטשן פון גאָר דער וועלט, אַרעסטאַנטן. ס׳איז געווען ממש אַ מגפה.

דערווייל האָט זיך קריסטאָף געפילט זייער דערשלאָגן. ער האָט געפילט, אַז אַזאַ וועג־ווייזער קאָן אים פאַרפירן אין אַ בלאָטע. די שווערע נסיונות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין איין ליטעראַרישן קרייז אין דייטשלאַנד, האָבן אין אים דערוועקט אומצוטרוי צו זיין סביבה. צו ביסלעך און צייטונגען האָט ער זיך באַצויגן סקעפּטיש: מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין, צי שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ די מיינונגען פון בטלנים אָדער פון די מחברים אַליין, וואָס רעכענען זיך מיטן גאַנצן קרייז פון זייערע לעזער. בעסער אַביסל האָט אי־בערגעגעבן די שטימונג פון דער געזעלשאַפט דאָס טעאַטער. אינם

טאָג־טעגלעכן פּאַריזער לעבן האָט עס פאַרנומען אַ גרויס אָרט. דאָס איז געווען אַ ריזיקע קיך, אַ פאַנטאַגרועלישער רעסטאָראַן, וואָס האָט קוים געקלעקט צו שטילן דעם הונגער פון די צוויי מיליאָן מענטשן. העכער דרייסיק גרויסע טעאַטערן, אַחוץ די פּאָרשטעט־בינעס, קאַבאַרעטן, פאַרשידענע מוזיק־זאַלן, און אַן ערך הונדערט פאַרוויילונגס־הייזער זענען געווען יעדן אָוונט איבערגעפולט. אַ פאָלק פון אַקטיאָרן און פּאַמטע. ריזיקע סומען זענען פאַרשלונגען געוואָרן אינם דאָזיקן תהום. די פיר טעאַטערן, וואָס פלעגן באַקומען שטיצע פון דער רעגירונג האָבן אַליין באַשעפטיקט כמעט דריי טויזנט מענטשן, און זייערע הוצאות האָבן דערגרייכט ביז צען מיליאָן. די אַקטיאָרן זענען באַרימט געווען אין גאַנץ פּאַריז. בילדער, פּאָטאָגראַפיעס, צייכענונגען און אָן אַ שיעור קאַריקאַטורן האָבן איבערגעגעבן די שטאָט־איינוווינער זייערע באַוועגונגען און פּאָזעס, די גראַמאָפאָנען האָבן איבערגעחזרט זייערע שטותערייען, און די זשורנאַלן האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע מיינונגען מכּוח קונסט און פּאָליטיק. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע פּרעסע, ווו זיי פלעגן דרוקן מעמואַרן וועגן זייערע העלדישע מעשׂים אין פּריוואַטן לעבן. צווישן די איבעריקע פּאַריזער האָבן די דאָזיקע גרויסע קינדערישע ליידיקגייער, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין נאָכקרימען איינער דעם אַנדערן, געהערשט איבער דער געזעלשאַפט, און די דראַמאַטורגן זענען געווען מיניסטאָרן. קריסטאָף האָט געבעטן סילווען קאָנען, ער זאָל אים אַריינפירן אין אָט דער מלוכה פון ליכט און שאָטן.

אָבער סילווען קאָן איז אין דער מלוכה נישט געווען קיין בעסערער וועגווייזער, ווי אין דער מלוכה פון ביכער; דער ערשטער איינדרוק, וואָס די פּאַריזער טעאַטערן האָבן געמאַכט אויף קריסטאָפן, איז געווען נישט קיין בעסערער, ווי דער איינדרוק פון די ביכער. אומעטום האָט ער געזען די גייסטיקע אויסגעלאַסנקייט.

די הענדלער פון טעאַטער־תּענוגים האָבן זיך געטיילט אין צוויי שולן. איינע האָט געהערט צום גוטן, אַלטן נאַציאָנאַלן מין: זי פלעגט הנאה האָבן פון דער גראָבער אויפפירונג, פון דער מיאוסקייט, פון

די פעטע מאכלים, פון די האַלב-נאַקעטע מענטשן, גאַסן-וויצן, צײַנישע מעשות, געזאַלצן און געפעפערט, פאַרדאָרבן פלייש, באַזונדערע ציי-מערלעך. די דאָזיקע „פרייהייט פון די מענער”, ווי מען האָט זיי גערופן, האָט געהאַלטן, אַז ס'איז מעגלעך צו פאַרייניקן אויסגעלאַסנקייט מיט מאָראַל, ווייל נאָך פיר באַנאַלע מיאוסע אַקטן בלייבט אַלץ אויף דער וועלט אין בעסטער אָרדענונג, די געזעצן בלייבן געזעצן, און מ'האָט דאָס רעכט, צוליב עפּעס אַ צופאַל, צו פאַרלאָזן די אייגענע כּרוי, וואָס וויל אָפּנאַרן איר מאַן, און שפּעטער, אין פינפטן אַקט, זיי ווידער אַריינצולאָזן אין שטוב. ווען דאָס געזעץ איז נישט געוואָרן געריכט, איז אויך די מאָראַל געבליבן אומבאַשעדיקט — אָט איז די אויסגעלאַסענע זיטלעכקייט, וואָס פאַרטיידיקט דאָס מאַן-און-ווייב-לעבן, לאָזנדיק זייביידע פריי זינדיקן: — ס'איז דער גאַלישער מין מאָראַל.

די צווייטע שולע איז געווען אין „מאָדערנעם סטיל”. זי איז געווען ראַפינירטער, ווי יענע, און — עקלדיקער. די יידן, וואָס זענען געוואָרן פאַריזער, און די פאַריידישטע קריסטן, וואָס האָבן פאַרנומען אין טעאַטער דעם אויבן-אָן, האָבן אַריינגעפירט אַהין זייער געפילן-שאַבלאָן, וואָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פונם דעגענערירטן קאָסמאָפּאָליטיזם. אָט די בנים, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט זייערע טאַטעס, האָבן זיך באַמיט צו פאַרלייקענען זייער שטאַם, און ס'פלעגט זיי געלינגען אויפן בעסטן אופן. ווי נאָר זיי האָבן אויסגעטון פון זיך די אַלטע נשמה, איז זיי געבליבן אַ מישמאַש פון גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון אַנדערע פעלקער. זיי האָבן געמאַכט דערפון אַ געמישטע פּאָטראַװע, אַ מין Olla podrda: אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך געוויילט. די הערשער איבערן פאַריזער טעאַטער האָבן גוט געוווסט, ווי אַזוי צונויפצומישן געפיל מיט שמוץ, צומישנדיק צו דער מאָראַל אַביסל זינד און צו די זינד אַביסל מאָראַל. אויף אַזאַן אופן האָבן זיי אונטערגעגראָבן יעדע באַציונג צווישן מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, מין, משפּחה און געפילן. פון זייער קונסט האָט דעריבער געווייעט אַ ריח פון אַ באַזונדער מין, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אי גוט אי שלעכט, דאָס הייסט — זייער שלעכטס: זיי האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „אַמאָראַליזם”.

איינער פון זייערע באַליבטסטע העלדן איז געווען אַ פאַרליבטער זקן. זייער טעאַטער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע גאַלעריע פון דעם דאָזיקן טיפּ. דאָ האָבן זיי געפונען שטאָף פאַר טויזנטער בינע-שיל-

דערונגען. טיילמאָל פּלעגט דער זעכציקיאָריקער העלד זיך פאַרטרויען פאַר זיין טאָכטער; ער פּלעגט איר דערציילן וועגן זיין געליבטער און זי אים וועגן אירע געליבטע; זיי פּלעגן זיך באַראַטן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער; דער גוטער פאָטער האָט געהאָלפן זיין טאָכטער אין איר אויסגעלאַסנקייט, און די גוטע טאָכטער האָט פאַרמיטלט צווישן פאָטער און זיין אַנטלאָפענער געליבטער, פּלעגט זיך בעטן ביי איר, זי זאָל זיך אומקערן צוריק, און לסוף ברענגען זי צום אַלטן טאַטן. טיילמאָל פּלעגט דער אָנגעזעענער זקן זיין אַליין איינער פון דער געליבטערס אָנפאַרטרויטע. ער פּלעגט מיט איר שמועסן וועגן אירע געליבטע, צופרידנשטעלן זיך מיט די שילדערונגען פון איר אויסגעלאַסנקייט און געפינען אין דעם אַ הנאה. עס זענען געווען אויך געליבטע — אמתע דזשענטעלמענער, וואָס פּלעגן אין די שטיבער פון זייערע געוועזענע געליבטע אָננעמען שטעלעס און פאַרוואַלטן סיי מיט זייער באַלעבאַטישקייט און סיי מיט זייערע קליינע ליבעס. די דאַמען פון דער העכערער געזעלשאַפט פּלעגן גנבענען, די מענער פּלעגן פאַרקויפן זייערע טעכטער צו לעסבישער ליבע. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער העכערער געזעלשאַפט, אין דער רייכער וועלט, ווייל נאָר די רייכע האָבן געקאָנט דערלאַנגען שלעכטע סחורה אין אַ לוקסוס-פאַרפאַקונג. ווען נישט דאָס, וואָלט מען געמוזט פאַרווערן די פאָרשטעלונגען, צום גרויסן פאַרלוסט פון יונגע פרויען און אַלטע מענער. פונם דאָזיקן טעאַטער האָט געווייעט מיט פּגרים-ריח, געמישט מיט האַרעם-קטורת.

זייער סטיל איז געווען פונקט אַזוי צומישט, ווי זייערע געפילן. זיי האָבן זיך געשאַפן אַ געמישטע שפּראַך פון אַלערליי פּאָקסשיכטן און לענדער: אויסדריקן פּעדאַנטישע, אָנגעבלאָזענע, קלאַסישע, לירישע, געפוצטע, ציינישע און המונישע. אַ געמיש פון שטותנרייען, אָנגעצויגנקייט, גראָבקייט, בייסנדיקע שאַרפקייט, וואָס דער אויער האָט דערקענט אין זיי קלאַנגען פון אויסלאַנד. מיט זייער גאַנצער איראָניע און לעכערלעכער וויציקייט, זענען זיי געווען זייער אומנאַטירלעך. נאָר זייער איינגעבוירענע געשיקטקייט פּלעגט זיי שטענדיק אַרויסהעלפן. הגם די איידלשטיינער זענען באמת נישט געווען אַזוי איידל, און די ראַם איז געווען פון אַ פאַרדעכטיקן געשמאַק, האָבן זיי אָבער שרייענדיק געגלאַנצט, און דאָס איז געווען גענוג. זיי זענען בכלל געווען אינטעליגענטע מענטשן, גוטע אָבסערוואַטאָרן, כאָטש קורצזיכטיקע.

זייער ראיה איז פאַרטעמפּט געוואָרן דורך לעבן לאַנגע יאָרן אין די ביוראָס; דורך פאָרשן זייערע געפילן דורך אַ פאַרגרעסער-גלאָז האָבן זיי די קליינע זאַכן געזען גרויס—און די גרויסע אינגאַנצן נישט באַמערקט. צוליב זייער ליבע צו גלאַנץ זענען זיי געווען פעיק צו שילדערן נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען צוגעפּאַסט געווען צום סנאָביזם פון דער העכערער געזעלשאַפט און צו איר פּליסטערישן אידעאַל: דאָס איז געווען אַ באַנדע פאַרמאַטערטע און אַוואַנטוריסטישע בעלעברהניקעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן איינער ביים אַנדערן דאָס געגנבעטע געלט אָדער אַ גאַסנפּרוי. אָבער אָפּטמאָל פּלעגט זיך דערוועקן די אמתע נשמה פון די דאָזיקע יידישע שרייבער, און פון זייער טיפעניש פּלעגט, ווי אַן אומפאַרשטענדלעכער אָפּקלאַנג, אַרויסהויכן זייער געהיימניספולער, נאָכן לאַנגן שלאָף אויפדערוואַכטער גייסט. אָפט פּלעגט עס טרעפן אונטערן איינפלוס פון אַ וואָרט אָדער פון אַ געשעעניש. דעמאָלט פלעגט אַ בלאָז טון אַ מדבר-ווינט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ מאָדנעם ריח פון אַן אַנדער ראַסע און אַנדערע דורות; עס פּלעגט ברענגען פון יענער זייט ים דעם פאַרדעמפטן ריח פון די טערקישע באַזאַרן, זאַמד, שטויב, אָריענטאַלישע חלומות. פאַרשיכּורטע הושימדיקייט, ווילדע קללות, אַ שטאַרקע נערוועזיטעט, ביז משוגע צו ווערן, דעם שגעון פון אונטערגאַנג... שמשון, וואָס איז נאָך הונדערטער יאָרן תּפיסה פּלוצלינג אויפגעשטאַנען אין דער פינסטער, ווי אַ לייב, און אַ שאָקל געטון מיט צאָרן די זיילן פון טעמפּל, ביז זיי זענען צעשמעטערט געוואָרן און געפאַלן איבער זיין קאָפּ און איבער די קעפּ פון זיינע שונאים.

קריסטאָף האָט פאַרשטאָפּט די נאָז און געזאָגט צו סילווען קאָן:

— קראַפט איז דאָ פאַראַן. אָבער זי שטינקט געווגג! לאָמיר גיין זען עפּעס אַנדערש.

— וואָס?—האָט געפרעגט סילווען קאָן.

— פראַנקרייך.

— אָט זעסטו זי פאַר זיך.

— אוממעגלעך, פראַנקרייך זעט אַזוי נישט אויס.

— אין פראַנקרייך איז פונקט, ווי אין דייטשלאַנד.

— איך גלויב נישט אין דעם, אַזאַ פאָלק קאָן מער נישט לעבן, ווי נאָך צוואָנציק יאָר: ס'וואָלט געווייעט פון אים אַ ריח פון צעפוילטקייט. מסתמא איז דאָ פאַראַן נאָך עפּעס.

— קיין בעסערס איז נישטאָ.

— אָבער ס'מוז זיין עפּעס אַנדערש! — האָט זיך איינגעעקשנט קריסטאָף.

— אַך, יאָ, נאַטירלעך, מיר פאַרמאָגן אויך שיינע גייסטער, — האָט געזאָגט סילווען קאָן. — און טעאַטערן פאַר שיינע גייסטער, — ווילסטו זיי זען? אַדרבא!

א ער האָט אַוועקגעפירט קריסטאָפן אין „טעאַטער־פראַנסע".

דעם דאָזיקן אָוונט האָט מען פאָרגעשטעלט אַ מאָדערנע קאָמעדיע, געשריבן אין פּראָזע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַ יורידישער פראַגע.

באַלד ביי די ערשטע ווערטער האָט זיך קריסטאָף נישט געכאַפּט, ווו די האַנדלונג קומט אייגנטלעך פאָר. די שטימען פון די אַקטיאָרן זענען געווען איבערגעטריבן און אָנגעצויגן, פייערלעך־ערנסט, געמאָסטן און געוויגן; זיי האָבן באַטאָנט יעדעס וואָרט, ווי זיי וואָלטן דערמיט בדעה געהאַט אויסצולערנען דעם עולם די רעציטאַציע־קונסט, און מיט זייערע כלומרשטע טראַגישע אויסגעשרייען האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן רעציטירט אַלעקסאַנדרינישע פערזן מיט טאַקט. די באַוועגונגען זענען געווען פייערלעך, כמעט ווי ביי פייסטער. די העלדין אָנגעטון אין אַ פרימאָרגן־קלייד, ווי אין אַ גריכישן שלאָף־ראָק, מיט אַנטבלויזטע אָרעמס און אַ געבויגענעם קאָפּ, האָט געשפּילט די ראָל פון אַנטיגאָנאַ, און געשמייכלט מיט אַן אויסדרוק פון לאַנגווייליקער מסירת־נפש, אַרויסרעדנדיק מיט איר שיינעם אַלט צו טיפע קלאַנגען. דער העלדישער פאָטער האָט מיט מיליטערישע טריט אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק, אין אַווטאָמאַטישע באַוועגונגען, און האָט מיט זיין טרויעריקער וויכטיקייט אויסגעזען סאַלאָנראָמאַנטיש. דער יונגער געליבטער האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אַ ויצוגעבן האַלז־טענער און ברוסט־טענער, כדי דער עולם זאָל פאַרגיכן טרערן. די פאָרשטעלונג איז געווען געשריבן אין סטיל פון אַ פּעדיעטאָנישער טראַגעדיע: אַבסטראַקטע ווערטער. ביוראָקראַטישע עפּיטעטן, שול־מליצות. קיין איין באַוועגונג נישט, קיין איין אומגעריכטער

געשריי. דאָס איז געווען פון אָנהויב ביזן סוף אַ זייגער-מעכאַניזם, אַ
לעקציע פון אַ באַשטימטע פראַגע, אַ דראַמאַטישע סכעמע, קוים אַ
סקעלעט פון אַ פאָרשטעלונג אָן הויט און אָן פלייש און אָן לעבן.
און הינטער די געוואַגטע דיסקוסיעס האָבן זיך באַהאַלטן דערשראָ-
קענע געדאַנקען און די נשמה פון דעם קליינעם, מאָגערן בירגער.

די העלדין האָט זיך געגט מיט איר נישט-טרייען מאַן, פון
וועלכן זי האָט געהאַט אַ קינד, און חתונה געהאַט מיט אַן אָרנטלעכן
מענטשן, וואָס האָט זי ליב געהאַט. מען האָט געוואָלט דערמיט ווייזן,
אַז אַפילו אין אַזאַ פאַל איז די נאַטור, פונקט ווי די עפנטלעכע מיי-
נונג, קעגן דעם גט. ס'איז אָנגעקומען זייער לייכט: דער מחבר האָט
דווקא געוואָלט, אַז דער ערשטער מאַן זאָל ווידער חתונה האָבן מיט
זיין גרושה. נאָר אָנשטאָט צו גיין מיטן נאַטירלעכן, פשוטן וועג, וואָס
פאָדערט פון איין זייט, די פרוי זאָל זיך שעמען און האָבן געוויסנס-
ביסן, און פון דער צווייטער זייט — זי זאָל זיך פילן צוגעבונדן צום
צווייטן מאַן, דעם אָרנטלעכן, — אָנשטאָט דעם, קומט פאָר אומגעריכט
אַ העלדישע טאַט, וואָס איז אויפן העכסטן אופן אומנאַטירלעך. ס'איז
דאָך אַזוי לייכט צו זיין גערעכט אויף אַן אומנאַטירלעכן אופן! ס'איז
נישט איבעריק קענטיק, די פראַנצויזישע שרייבער זאָלן האָבן אַ
שטאַרקן אינטערעס פאַר גערעכטיקייט: ווען זיי רעדן וועגן איר, איז
פונקט ווי עמעצער וואָלט זיי געפּענטעט; מען קאָן זיי פשוט נישט
גלויבן. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געהאַט צו טון מיט
קאָרנעלס העלדן, מיט די מלכים פון דער טראַגעדיע. — צי זענען
דען נישט קיין מלכים די מיליאָנערן-העלדן און העלדינס, וואָס קיין
מענטש וואָלט מיט זיי קיין שייכות נישט געהאַט, ווען זיי פאַרמאָגן
נישט, לפחות, איין הויז אין פאַריז און אַ צוויי-דריי פּאַלאַצן אין דער
פּראָווינץ? רייכקייט איז פאַר די שרייבער, פאַר אָט דעם מין פּוב-
ליקום — שיינקייט.

דער עולם צוהערער האָט געכאַפּט התפעלות פון דער פאָרשטע-
לונג גופא. אָט די אַלע זאַכן, ווייט פון דער ווירקלעכקייט, וואָס זע-
נען שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעחזרט געוואָרן, האָבן זיי לחלוטין
נישט געלאַנגווייליקט. זיי האָבן געלאַכט, בעת דער אַקטיאָר האָט גע-
זאָגט אַ זאַך, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסרופן געלעכטער, און בעת
מ'האָט אויסגערופן זיין אויפטריט, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען צוגרייטן
צום לאַכן. און בעת די טראַגישע פּופּעס האָבן זיך געריסן אויף די

העלזער, געברומט אָדער געחלשט לויט די כּללים פון דער טעאַטער־קונסט, האָט דער עולם געשנייצט די נעזער און געהוסט פון טיפער אויפרעגונג.

— און זיי זאָגן נאָך, אַז די פראַנצויזן זענען לייכטזיניק! — האָט אויסגערופן קריסטאָף אַרויסגייענדיק פון טעאַטער.

— אויף אַלץ אַ צייט, — האָט סילווען קאָן מיט חוזק געזאָגט— איר האָט געוואָלט גערעכטיקייט? אויך גערעכטיקייט איז דאָ אין פראַנקרייך.

— אָבער דאָס איז נישט קיין גערעכטיקייט!—האָט זיך קריסטאָף געוווערט — נאָר סתם פּלוידעריי.

— ביי אונז — האָט סילווען קאָן געענטפערט — איז יעדער טעאַטער־גערעכטיקייט אַביסל באַרעדעוודיק.

— די גערעכטיקייט פון געריכטס־לייט, — האָט קריסטאָף געענטפערט.—וואָס־מער איינער פּלוידערט, קומט אים אַלץ אַ גרעסער יישר כּוח. כ׳פאַרטראָג נישט קיין אַדוואָקאַטן. צי פאַרמאָגט איר גאָרנישט קיין פּאָעטן אין פראַנקרייך?

סילווען קאָן האָט אים אַוועקגעפירט אין די פּאָעטישע טעאַטערן.

עס זענען באמת געווען אין פראַנקרייך פּאָעטן. אַפילו גרויסע פּאָעטן. אָבער די טירן פון טעאַטער זענען געווען פאַר זיי פאַרשפּאַרט. דאָס טעאַטער האָט געהערט צו די גראַמען־פלעכטער. דאָס טעאַטער איז פאַר די דיכטער דאָס, ווי די אָפּערע פאַר דער מוזיק, פונקט ווי בערליאָז זאָגט Sicut amori lupanar (פונקט ווי דאָס פרייקעכע הייזל פאַר דער ליבע). קריסטאָף האָט געזען פּרינצעסינס, וואָס זענען געוואָרן אויסגעלאַסן און געהאַלטן פאַר אַ כּבוד זיך איבערצוגעבן דער פּראָסטיטוציע. מ׳האָט זיי פאַרגלייכט צו יעזוסן אויפן קרייץ, ער האָט געזען מענטשן, וואָס האָבן פון גרויס ליבשאַפט אָפּגענאַרט זייערע פריינד, דרייקאַנטיקע באַציונגען, העלדן מיט הערנער; (דער דאָזיקער טיפּ איז, פונקט ווי די הייליקע זונה, געוואָרן אַן אייראָפּעישער געברויכס־אַרטיקל; די מעשה מיטן מלך מאַרק האָט צעטומלט זייערע מוחות; פונקט ווי ביי דעם הירש פונם הייליקן הובערט, האָט מען

געזען אַרום זיי אַן אָרעאָל). קריסטאָף האָט געזען קאָקאָטעס, וואָס האָבן זיך געראַנגלט צווישן ליידנשאַפט און פליכט. די ליידנשאַפט האָט זיי געטריבן צו זוכן אַ נייעם געליבטן, בעת די פליכט האָט זיי געהייסן בלייבן ביים אַלטן געליבטן, וואָס האָט זיי אויסגעהאַלטן און וועלכן זיי פלעגן אָפּנאַרן ביי יעדער געלעגנהייט. לסוף פלעגן זיי העלדיש פאַרבלייבן ביים אַלטן. — קריסטאָף האָט אייגעפונען, אַז די דאָזיקע פליכט שיידט זיך קיין סך נישט אונטער פון געוויינלעכער, נידעריקער געלט־גייציקייט; אָבער די עפנטלעכע מיינונג איז געווען צופרידן דערפון. גענוג געווען צו דערמאָנען דאָס וואָרט „פליכט“, דער עולם זאָל ווערן ווייך ווי פוטער. דער ענין אַליין איז אים נישט אָנגעגאַנגען: דאָס געוועלב האָט פאַרדעקט די שלעכטע סחורה.

די קונסט איז דערגאַנגען צו איר העכסטער מדרגה, בעת די זיטלעכע אויסגעלאַסנקייט האָט זיך, אין קאָרנעלס סטיל, פאַרייניקט מיט העלדישקייט, וואָס פלעגט צום שטאַרקסטן צופרידנשטעלן דעם עולם. פאַרן פאַריזער איז עס געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַלץ: עס האָט גערעדט צו זיין גייסט, צו זיינע חושים, און ליבע צו רעטאָריק. — אגב מוז מען זאָגן דעם אמת! דעם עולמס ליבע צו פּלוידעריי איז שטאַרקער געווען, ווי זיין תאווה, צום שטאַרקסטן האָט ער ליב געהאַט צו רעדן. פאַר אַ געשמאַקן שמועס וואָלט ער זיך געלאָזט אויפהענגען. גוטע מידות, אָדער שלעכטע מידות, העלדישע מעשים אָדער געמיינהייט — ער האָט אַלץ מיט אַפּעטיט געשלונגען, אַבי ס'איז נאָר געווען באַגילדט מיט קלינגענדיקע פערזן און עפעקטפולע ווערטער. יעדער שטאָף איז געווען פּאַסיק פאַר קופּלעטן, אַנטיטעזן, אַרגומענטן. ליבע, יסורים, טויט. און בעת מ'האָט געענדיקט די פאָרשטעלונג, האָט זיך אַלעמען געדאַכט, אַז זיי האָבן אַליין געפּילט, געליבט, געליטן און געשטאָרבן. אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פראַזע. אַלץ איז געווען שפּיל. בעת וויקטאָר הוגאָ האָט געלאָזט הערן זיין דונערנדיקע שטים, האָט ער זיך באַלד (ווי ס'האָט געזאָגט איינער פון זיינע „אַפּאָסטאָלן“) פאַרשטאָפּט דאָס מויל, נישט איבערצושרעקן, חלילה, קיין קינד. (דער אַפּאָסטאָל איז געווען זיכער, אַז ער מאַכט אים דערמיט אַ קאָמפּלעמענט) — אין זייער קונסט האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פילן קיין שטאַרקער, נאַטירלעכער כוח: אַלץ איז באַאַרבעט געוואָרן פאַר סאַלאָן־געזעלשאַפט, פונקט ווי אין דער מוזיק — און נאָך מער, ווי אין דער מוזיק, וואָס איז פראַנקרייך געווען

אַ יונגע און לפי־ערך אַ נאַאיווע קונסט — האָבן זיי באמת מורא גע־האַט פאַר דעם, וואָס „איז שוין געזאָגט געוואָרן". די טאַלענטירטע צווישן זיי האָבן זיך באַמיט, נאָך אַ קאַלטן חשבון, צו טון שטענדיק פאַרקערט. די זאַך איז געווען זייער פשוט, מעשה־קינד: זיי פלעגן אויסקלייבן עפּעס אַ שיינע לעגענדע אָדער אַ מעשה און פלעגן לאָזן די העלדן רעדן פּונקט פאַרקערט, ווי זיי האָבן גערעדט אַמאָל ביי די אַלטע שרייבער. אויף אַזאַ אופן איז באַשאַפן געוואָרן דער „בלויבער־דיקער", וואָס האָט אַריינגעכאַפּט קלעפּ פון זיינע ווייבער, און „פּאָלי־פעם", וואָס האָט זיך צוליב גוטהאַרציקייט אַרויסגענומען אַן אויג, כּדי זיך מקריב צו זיין פאַר דאָס גליק פון אַסיס און גאַלאַטעאַ. פונדעסט־וועגן האָט מען עס נישט גענומען ערנסט, חוץ דער אויסערלעכער פאָרם. אויסער דעם האָט זיך קריסטאָפן געדאַכט (הגם ער איז געווען אַ שלעכטער שופט), אַז אָט די גרויסע פאָרם־קינסטלער זענען קליינינ־קע קינסטלער, וואָס מאַכן נאָך אַנדערע, און נישט קיין גרויסע שריי־בער מיט אייגנאַרטיקן סטיל און ברייטן פאַרנעם.

זיי האָבן געשפּילט די ראָל פון קינסטלער. זיי האָבן געשפּילט די ראָל פון פּאָעטן. אין קיין אָרט האָט זיך דער פּאָעטישער ליגן נישט פאַרשפּרייט מיט אַזאַ חוצפּה, ווי אין דער העלדן־דראַמע, זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם העלד אויף אַ לעכערלעכן אופן:

L'important, c'est d'avoir une âme magnifique
Un oeil d'aigle, un front large et haut comme un portique,
Un air puissant et grave, émouvant, radieux,
Un coeur plein de frissons, du rève plein les yeux

דער עיקר — די נשמה פון דעם העלד זאָל שיין זיין,
זיין אויג — ווי פון אַן אָדלער, זיין שטערן ברייט און הויך,
ווי אַ טויער.
שלאַנק און שטאַרק, און רירנדיק און שטראַלנדיק,
זיין האַרץ זאָל פול מיט אומרו זיין, און מיט חלומות —
זיינע אויגן.

צו די דאָזיקע פּערזן האָבן זיי זיך באַצויגן זייער ערנסט. אונ־טער אַ לעכערלעכן שלייער פון אָט די גרויסע, גוזמאָדיק באַפּוצטע ווערטער, פון אָט דעם גאַנצן טעאַטראַלן פּאַראַד, מיט בלאַנקע שווערדן

און פֿאַפּירענע העלמען, האָבן זיי שטענדיק געפֿונען די אומאויסהייל־באַרע נישטיקייט פֿון אַ סאַרדו, פֿון דעם אומדערמידלעכן וואָדעווילִיסט, וואָס האָט געשפּילט מיט דער געשיכטע אין באַהאַלטעניש. און באמת, צו וואָס האָט געקאָנט טויגן דער העראָיזם פֿון אַ ציראַנאָ? די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך האָבן אָנגעמאַכט אַ טומל אויפֿן הימל און אויף דער ערד, אַרויסגעשלעפּט דעם קייזער מיט זיינע לעגיאָנען פֿון די קבֿרים אַרויס צוזאַמען מיט די מחנות פֿון דער „לעגיע" און קאָנדאָטיערן פֿון דער רענעסאַנס־צייט; אומגעצוימט פֿרייגעלאָזן אַלע בייזע כּוחות, וואָס האָבן חרובֿ געמאַכט די וועלט; און דאָס אַלץ האָבן זיי געטון, נאָר כּדי צו ווייזן עטלעכע מאַריאָנעטן־פֿיגורן אין טעאַטער. אָט די אַלע הריגות האָבן נישט געמאַכט אויפֿן עולם קיין רושם. די מאַריאָנעטן־פֿיגורן זענען געווען אַרומגערינגלט מיט מחנות באַוואָפֿנטע רייטער און האַרעם־פֿרויען, מאַנעקינען, וואָס האָבן כּלומרשט געפּאַקערט פֿון ראָמאַנטיש־נאַרישער ליבע צו עפּעס אַ פֿרוי, וואָס זיי האָבן געזען מיט צען אָדער מיט פֿופֿצן יאָר צוריק. — אָדער זיי פֿלעגן פֿאָרשטעלן אויף דער בינע דעם קעניג היינריך דעם פֿערטן, וואָס האָט זיך געלאָזט הרגענען, ווייל זיין געליבטע האָט אים אויפֿגעהערט ליב צו האָבן. אָט אַזוי האָבן מענטשן אויסגעפֿירט די ראָל פֿון מלכים און הויז־העלדן. זיי זענען ווערט געווען צו זיין אייניקלעך פֿון די שוטים פֿון כּורש דעם גרויסנס צייטן, פֿון די דאָזיקע אידעאַל־ליגנערס, סקידערי און לאַ־קאַלפּרענעד, אָט די אייביקע כּנופֿיה, די פּאָעטן פֿון פֿאַלשער העלדישקייט, וואָס איז פּשוט אוממעגלעך, וואָס איז אַן אייביקער שונא צו דער אמתער העלדישקייט. קריסטאָף האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג געזען, אַז די פֿראַנצויזן, וועלכע מען האַלט פֿאַר זייער ראַפֿינירט, האָבן נישט קיין חוש פֿאַר דאָס לעכערלעכע.

נאָך גוט, וואָס די רעליגיע איז דעמאָלט נישט געווען אין דער מאָדע. דעמאָלט פֿלעגן די אַקטיאָרן אין אַ תּענית־טאָג לייענען באָסיעדס דרשות ביי דער באַגלייטונג פֿון די אָרגלען. יידישע שרייבער פֿלעגן שאַפֿן פֿאַר יידישע שוישפּילערינס טראַגעדיעס פֿון דער הייליקער טערעזאַ. מ'האָט געשפּילט דעם „קרייצוועג" אין באָדינער־טעאַטער, דעם „קליינעם יעזוס" אין אַמביג־טעאַטער, דעם „אויסלייזערס יסורים" אין סען־מאַרטין־טעאַטער, „יעזוס" אין אָדעאָן, און אָרקעסטער־מוזיק צו „יעזוס" אין באָטאַנישן גאָרטן. עפּעס אַן אויסגעצייכנטער רעדנער — אַ ליבע־פּאָעט — האָט געהאַלטן אַ דרשה וועגן דער גאולה. נאַטירלעך,

האָבן די אַלע סאַלאָן-מענטשן פון דער גאַנצער עוואַנגעליע צום בעסטן געדענקט די געשיכטעס וועגן פּילאַטן און מאַגדאַלענען: — „וואָס איז דער אמת?" און „די הייליקע משוגענע יונגפרוי" — און זייערע בול-וואַרישע קריסטוסן זענען געווען געפּערלעכע פלוידערזעק, באַהאַוונט וייער גוט אין דער וועלטלעכער קאַזויסטיק.

קריסטאָף האָט געזאָגט:

— דאָס איז שוין צום ערגסטן. ס'איז די פאַרקערפּערונג פונם ליגן. איך שטיק זיך. לאָמיר אַרויסגיין פון דאַנען.

פונדעסטוועגן איז געווען אַ גרויסע קלאַסישע קונסט, וועלכער ס'איז געלונגען צו פאַרפעסטיקן זיך אַן אָרט צווישן די מאָדערנע קונסט-מינים, פונקט ווי אַ חרובער אַלטער טעמפּל צווישן די פאַרפּוצ-טע בנינים פון אונזער הייניטיקן רוים. אָבער קריסטאָף איז נאָך נישט געווען מסוגל דרך-ארץ צו האָבן פאַר אָט דער קונסט, חוץ איין מאָ-ליערן, וואָס איז געווען פאַר אים אַן אויסנאַם. ער האָט נישט גענוג געקענט די שפּראַך, און דעריבער נישט פאַרשטאַנען דעם גייסט פון דער ראַסע. קיין זאַך איז נישט געווען אַזוי פרעמד זיין גייסט, ווי די טראַגעדיע פון זיבעצעטן יאָרהונדערט — אַ געביט אין דער פראַנצויזישער קונסט, וואָס פאַר אַ פרעמדן זענען זיינע טירן פאַר-שלאָסן, ווייל ער געפינט זיך טיף אויפן דעק פון דער פאָלקס-נשמה. קריסטאָף האָט געהאַלטן אָט די קונסט פאַר לאַנגווייליק, שווער, קאַלט, טרוקן, עקלדיק מיט איר אויסגעפּוצטקייט און געצוויקייט. די האַנדלונג איז געווען אָנגעצויגן און שלעכט, די פיגורן אַבסטראַקט, ווי רעטאָ-רישע אַרגומענטן, אָדער פלאַך, ווי אַ שמועס פון די סאַלאָן-פרויען. ס'איז געווען אַ קאַריקאַטור פון אַלטע שטאָפּן און העלדן, אַן אויס-שטעלונג פון קלוגע ווערטלעך, אַרגומענטן און גריבלעניש, פסיכאָלאָ-גיע און פאַרעלטערטע אַרכעאָלאָגיע. ווערטער, ווערטער, בלויז ווער-טער: די אייביקע פראַנצויזישע פלוידעריי. קריסטאָף האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן יענער ליטעראַטור: זי איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. עס זענען אים גלייכגילטיק געווען די אַרגומענטן, מיט וועלכע די רעדנער פון „סינאַ-

האָבן פֿאַרטיידיקט זייערע טעזן, און גלייכגילטיק איז אים געווען דער אויסגאַנג פֿון דער דיסקוסיע.

ער האָט זיך אָבער אַרומגעזען, אַז דער פֿראַנצויזישער עולם האָט אַן אַנדער מיינונג, און אַז ער, דער עולם, אַפּלאָדירט די פֿאָרשטעלונגען, וואָס זענען פֿאַר קריסטאָפֿן גלייכגילטיק; די גאַנצע זאַך האָט אים אויסגעזען זייער נישט קלאָר: ער האָט געזען די דראַמאַטישע קונסט פֿון דעם קוק-ווינקל פֿון דעם עולם, און דערקענט אין די מאָדערנע פֿראַנצויזן בעשטימטע שטריכן פֿון די שרייבער אינם פּעריאָד פֿון קלאַסיציזם, הגם די מאָדערנע שרייבער זענען געווען דעפֿאָרמירט; פּונקט ווי אַ שאַרפֿער בליק געפֿינט אין דעם צעקנייטשטן פּנים פֿון אַן אַלטער קאָקעטע דינע, קלאָרע שטריכן פֿון איר טאָכטער (אַ בילד, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן חרוב צו מאַכן אַ ליבע-אילוזיע). אָבער די פֿראַנצויזן, ווי מענטשן פֿון איין משפּחה, וואָס זענען געוווינט איינער דעם צווייטן צו זען, האָבן נישט געפֿילט די דאָזיקע ענלעכקייט. אָבער קריסטאָף האָט זי געפֿילט. ער פֿלעגט אפֿילו מגזם זיין; ער האָט געזען נאָר דאָס, נישט מער. די קונסט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי אַן אַלטע קאַריקאַטור פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן אַליין אויך אויסגעזען ווי קאַריקאַטורן. ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן צווישן קאָרנעלן און דער מחנה דיכטער-רעטאָרן, וואָס האָבן זיך באַמיט אומעטום אַריינצופֿירן הויכע מאָראַלישע ראַנגלענישן אָן שום טעם. ראַסין האָט זיך ביי אים צונויפֿגעמישט מיט די קליינע פֿראַנצויזישע פּסיכאָלאָגן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט קליינקעפֿלדיקע אַנאַליזן.

אָט די אַלע מענטשן זענען נישט ווייט אַוועק פֿון זייערע קלאַסיקער. די קריטיקער האָבן נישט אויפֿגעהערט צו פֿירן אָן אַ שיעור וויכּוחים וועגן טאַרטיף און פֿעדער. זייער בליק האָט זיך ממש נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט די דאָזיקע בילדער. זיי האָבן געכאַפּט התפּעלות פֿון די ווערטער גופֿא און מחמת אַלטקייט געלאַכט פֿון די אייגענע וויצן, וואָס האָבן זיי געוויילט אין די קינדער-יאָרן. און אָט אַזוי האָט דער מצב געפֿירט צום חורבן פֿון דער ראַסע. אין קיין לאַנד אין דער וועלט האָט דער קולט פֿאַר די אַלטע דורות נישט געשלאָגן אַזעלכע טיפֿע וואָרצלען. די גאַנצע איבעריקע וועלט איז זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. כּמעט אַלע געלערנטע און אינטעליגענטן פֿון יענער צייט האָבן נישט געלייענט און נישט געוואָלט לייענען קיין שום

אנדער זאַך, אויסער דאָס, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין די צייטן פונם גרויסן קעניג. אין זייערע טעאַטערן האָט מען נישט פאַרגע־שטעלט נישט געטהען און נישט שיללערן, נישט קלאַסטן און נישט גרילפאַרצערן, נישט העבעלן און נישט קיין אַנדער גרויסן מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק, אויסער די ווערק פון אַלטן גריכנלאַנד, וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייערע יורשים (אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אייראָפּעישע פעלקער). פון צייט צו צייט האָבן זיי געפילט אַ באַ־דערפעניש אויפצופירן שעקספירן. דאָס איז געווען אַ פּרווו־שטיין. עס זענען געווען צווישן די שוישפּילער צוויי שולן אינטערפּרעטאַ־טאָרן: טייל פון זיי האָבן געשפּילט די ראָל פון דעם „קעניג ליר״ מיט אַ קליין־בירגערלעכן רעאַליזם, פּונקט ווי עמיל אָזשיעס אַ קאָמעדיע; די אַנדערע האָבן פאַרוואַנדלט „האַמלעטן״ אין אַן אָפּערע, פול מיט העלדישע שטעלן און וואָקאַליזאַציע, אינם סטיל פון וויקטאָר הוגאָ. ס'איז זיי נישט איינגעפאַלן, אז דיווירקלעכקייט קאָן זיין פול מיט פּאָעזיע און אַז די דיכטונג איז די העלדן־שפּראַך פון אַלע הערצער, וואָס זענען פארפלייצט פון לעבנס-קראַפט. שעקספּיר האָט ביי זיי אויסגעזען פאלש, פון אים צו ראָסטאַנען איז געווען אַ קאַצן־שפּרונג.

גלייכצייטיק דערמיט זענען געמאַכט געוואָרן שטאַרקע אָנ־שטרענגונגען צו באַנייען דאָס טעאַטער. דער ענגער קרייז פון מאָ־טיוון אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור איז ברייטער געוואָרן; לפנים האָט די ליטעראַטור מוטיק באַרירט אַלץ, אַ צוויי־דריי מאָל האָט דער רעש פון דרויסן, דער טומל פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַרונטערגעריסן דעם שלייער פון דער קאָנווענציאָנעלער קונסט. אָבער באַלד האָבן זיי זיך געכאַפּט און ווידער פאַרמויערט דעם אויסגע־האַקטן לאָך. זיי זענען אַלע געווען נזירים, וואָס האָבן מורא געהאַט צו זען די וועלט, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. דער געזעל־שאַפטלעכער גייסט, די קלאַסישע טראַדיציע, רוטין אין גייסט און אין פאָרם און דער מאנגל אין ערנסטער פאַרטיפונג, האָבן זיי נישט גע־לאָזט דערפירן די פּרווון ביזן סוף. די סאַמע וויכטיקסטע פּראָבלע־מען זענען געוואָרן ביי זיי צעטרישט אויף קליינגעלט, און סוף־כל־סוף האָבן זיי זיך נאָך יעדעס מאָל ווידער אומגעקערט צו פרויען־ענינים—צו אויסגעלאסענע פרויען. ווי נעבעכדיק האָבן אויסגעזען אויף זייערע בינעס די שאָטנס פון די גרויסע מענטשן: איבסענס העל־דישע אנארכיע, טאָלסטאָיס עוואַנגעליום, ניטשעס אויבערמענטש!...

די פּאַריזער שרייבער האָבן זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעשטרענגט אויסצוזען פאַר דער וועלט, ווי שעפער פון נייע געדאַנקען. אָבער אין האַרצן זענען זיי אַלע געווען קאָנסערוואַטיוו. נישט געווען נאָך אַ ליטעראַטור אין אייראָפּע, ווו דער עבר, דאָס אַלטע, דער „אייביקער נעכטן" זאָל הערשן אַזוי שטאַרק, אַזוי אומבאַוווסטזיניק, ווי אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור: אין די גרויסע צייטונגען, זשורנאַלן, טעאַטערן, אַקאַדעמיעס. פּאַריז איז אויפן געביט פון דער ליטעראַטור געווען דאָס, וואָס לאָנדאָן פאַר דער פּאָליטיק: סם-המות פאַרן אייראָפּעישן גייסט. די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע איז געווען אַ מין לאָרדן-הויז. אַ געוויסע צאָל אינסטיטוציעס פון אַלטן רעזשים האָט כּסדר אָנגעוואָרפן דער נייער געזעלשאַפט אַלטע פאַרשימלטע באַגריפן. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן זענען גיך אויסגעוועפּט אָדער פאַרשלונגען געוואָרן. זיי האָבן מער נישט פאַרלאַנגט. אומזיסט האָט די רעגירונג געמאַכט אין דער פּאָליטיק אַן אָנשטעל פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. אין דער קונסט האָבן זיך די אַקאַדעמיעס און אַקאַדעמישע שולן באָכגעשלעפּט נאָך דער פּאָליטיק. אין די אַקאַדעמיעס האָבן מלחמה געהאַלטן נאָר די גרופּן, אָבער די מלחמה איז געפירט געוואָרן זייער שלעכט. ווייל ווען עמיצער איז געווען שטאַרקער, פלעגט ער אַריבער פון דער גרופּע צו דער אַקאַדעמיע און פלעגט ווערן נאָך אַקאַדעמישער, ווי די אַנדערע. אגב איז כּמעט יעדערער פון די שרייבער, צי ער איז געשטאַנען אין די פאָדערשטע, צי אין די הינטערשטע רייען פון דער אַרמיי, געווען אַ פאַרשקלאַפּטער קנעכט צו זיין גרופּע און צו אירע אידעאַלן. טייל פון זיי זענען איינגעשרומפּן געוואָרן אין זייער אַקאַדעמישן אני-מאמין, אַנדערע פון זיי אין זייער רעוואָלוציאָנערן קרעדאָ; און סוף-כּל-סוף האָבן זיי אַלע געהאַט אין פּ ם

כּדי אויפצווועקן קריסטאָפן, וואָס אַקאַדעמישע קונסט האָט אים איינגעשלעפערט, האָט סילוועט קאָן אים פאָרגעלעגט צו גיין מיט אים אין אַ טעאַטער פון אַ באַזונדער מין, וואָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון ראַפינירטקייט. מען קאָן דאָרט זען, האָט ער געזאָגט, רציחות, פאַרגוואַלטיקונג, שגעון, פּייניקונג, אויסגעלעכערטע אויגן, צעשפּאָלטענע

בייכֿער — אַלץ, וואָס קאָן אויפרייצן די נערוון און צופרידנשטעלן די
באַהאַלטענע ווילדקייט פון די אַריסטאָקראַטן און מענטשן פון העכע-
רער קולטור. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ סך
פרויען פון דער העכֿערער געזעלשאַפט, און בכֿלל מענטשן, וואָס האָבן
אַ האַלב לעבן פאַרבראַכֿט אין דער ענגער לופט פון די געריכֿט-זאַלן, כּדי
לאַכֿנדיק, פלוידערנדיק און נאַשנדיק זיסוואַרג, אויסצוהערן דעם לויף פון
די סקאַנדאַליעזע פראָצעסן; אָבער קריסטאָף האָט מיט כּעס אָפגעזאָגט. וואָס-
מער ער האָט דערקענט אָט די קונסט, אַלץ מער האָט ער געפילט
דעם ריח, וואָס האָט אים באַהערשט אין סאַמע אָנהויב, פריער באַ-
האַלטענערהייט, שפּעטער עקשנותדיק און שטיקנדיק: דעם ריח פון
טויט. אומעטום, אין סאַמע טומל, האָט ער געזען דעם טויט. ערשט
איצט איז קריסטאָפן קלאָר געוואָרן די סיבה פון דעם עקל, וואָס
פלעגט אים אָפּט אָנכאַפּן צו אַ סך בּיכֿער. נישט זייער אויסגעלאַסנקייט
האָט אים אויפגערעגט. מאָראַל, אוממאָראַל, אַ מאָראַלישקייט — די דאָ-
זיקע ווערטער האָבן גאָרנישט געזאָגט. קריסטאָף האָט קיינמאָל נישט
געבויט קיין מאָראַלישע שיטות; ער האָט ליב געהאַט עטלעכע גרוי-
סע דיכֿטער און מוזיקער פון דער פאַרגאַנגענער צייט, וואָס זענען
ווייט נישט געווען קיין סימבאָלן פון הייליקייט; ווען ער פלעגט באַ-
גע‍גענען אַ גרויסן קינסטלער, פלעגט ער אים קיינמאָל נישט בעטן
ווייזן זיין ווידוי-צעטל; ער פלעגט אים נאָר פרעגן:

— בּיסט געזונט?

זיין געזונט איז געווען דער גרעסטער עיקר

„... יעדער מין קראַנקהייט בּיי אַ פּאָעט מוז ווערן אויסגע-
היילט — האָט געזאָגט געטהע — ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט
ער נעמען שרייבן".

די פאַריזער שרייבער זענען געווען קראַנק; און אויב עמיצער
פון זיי איז געווען געזונט, האָט ער זיך דערמיט געשעמט, באַהאַלטן
זיך און באַמיט אַרויפצושלעפּן אויף זיך אַ קרענק. זייער קראַנקהייט
האָט זיך נישט אויסגעדריקט אין אַ באַזונדערן שטריך פון זייער שאַ-
פונג: אין דער ליבע צו תּענוגים, אין זייער איבערגעטריבענער גע-
דאַנקען-פרייהייט, אין דער טבע אַלץ צו קריטיקירן און צו שטעלן
אונטער אַ פראַגע-צייכֿן, — אָט די אַלע שטריכֿן קאָנען זיין דערשיי-
נונגען פון געזונטקייט, פונקט ווי פון קראַנקהייט; אָבער אין זיי איז
נאָך נישט געווען דער זאָמען פון טויט. אויב דאָ איז יאָ געווען

טויט, האָט ער זיך נישט גענומען פון די כּוחות גופא, נאָר פונם אופן, ווי די מענטשן האָבן זיך מיט אים באַנוצט; אין די מענטשן גופא האָט געווױנט דער טויט — קריסטאָפן האָבן אויך געצויגן די תּענוגים. ער האָט אויך ליב געהאַט הפקרות. ער האָט אַרויסגערופן קעגן זיך דעם פּראָטעסט פון דער גאַנצער עפנטלעכער מיינונג אין אַ קליין שטעטל, זיין ווינאָרט, נאָר כּדי צו פאַרטיידיקן אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אין פאַריז געווען פאַרווירקלעכט. און איצט, ווען ער האָט געהערט, ווי פאַריזער פּרעדיקן די אייגענע געדאַנקען, האָט ער דערפילט אַן עקל. אייגנטלעך, זענען עס געווען די זעלביקע מיינונגען, נאָר אין זיין מויל האָבן זיי געקלונגען אַנדערש. בעת קריסטאָף האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון די גרויסע קינסטלער פון דער פאַרגאַנגענהייט, בעת ער איז אַרויס אין אַ מלחמה קעגן דער עסטעטיק און דער קאָנסערוואַטיווער מאָראַל, איז עס נישט געווען פאַר אים קיין שפּיל, ווי פאַר אָט די כּלומרשטע עסטעטן; ער האָט זיך באַצויגן צו דער זאַך ערנסט, אויפריכטיק ערנסט; און דער ציל פון זיין בונט איז געווען דאָס לעבן, דאָס ריינע לעבן, וואָס האָט פאַרבאָרגן אין זיך אַ גרויסע צוקונפט. אָבער די דאָזיקע מענטשן זענען געלאָפן נאָך אומפּרוכטבאַרע תּענוגים. עקרות — דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט. אומפּרוכטבאַרע הפקרות פון געדאַנק און פון די חושים איז עס געווען. קונסט מיט ביליקן גלאַנץ, מיט געשיקטקייט און געזאַלצנקייט — מיט אַ שיינער פאָרם, עסטעטישער טראַדיציע, וואָס אַלע ווינטן פון דרויסן צוזאַמען האָבן זי נישט געקאָנט רירן פון אָרט — טעאַטער, וואָס איז געווען דורכויס טעאַטער; סטיל, וואָס איז געווען דורכויס סטיל; מחברים וואָס האָבן געקענט זייער מלאָכה; שרייבער, וואָס זענען געווען באַהאַוונט אין שרייב-פאַך; מיט איין וואָרט — אַ סקעלעט פון קונסט און פון געניוג שיינעם געדאַנק, וואָס איז אַמאָל געווען גאַנץ שטאַרק, אָבער דאָך נישט מער ווי אַ סקעלעט. קלינגענדיקע ווערטער, שרייענדיקע פראַזן, פּוסטע געדאַנקען, וואָס שטרויכלען זיך, ווי מעטאַל-שטראָמען אינם ליידיקן חלל, אַ שפּיל פון ווערטער, איבערגעפרעסן פון ליידנשאַפט און חכמהלעך. אין דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין אַנדער נוצן, ווי עגאָיסטישע הנאה. דאָס האָט זיי געפירט צום טויט. די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען ענלעך צו דער שרעקלעכער אויסוואַנדערונג פון פראַנקרייך, צו וועלכן גאַנץ אייראָפּע האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט, אויסרעכענענדיק אויף אייגענע נוצן.

אַזוי פיל גייסט, שכל, עלעגאַנץ זענען אַוועק לאיבוד אין דער דאָזיקער עקלדיקער זעלבסט-פאַרגוואַלטיקונג. זיי האָבן וועגן דעם קיין אַנונג נישט געהאַט, נישט געוואָלט דערפון טראַכטן. זיי האָבן געלאַכט. ס׳איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס האָט קריסטאָפן אַביסל באַרויקט. די דאָזיקע מענטשן האָבן נאָך געקענט לאַכן, הייסט עס — נישט אַלץ איז פאַרלוירן. זיי זענען געווען נאָך אָפּשטויסנדיקער, בעת זיי האָבן געוואָלט, מען זאָל זיך באַציען צו זיי ערנסט; און קיין זאַך האָט קריסטאָפן אַזוי נישט פאַרדראָסן, ווי צו זען שרייבער, וואָס האָבן געזוכט אין דער קונסט נאָר לייכטע תענוגים און גלייכצייטיק געמאַכט דעם אָנשטעל פון פריסטער פון אַ הייליקער, נישט אייגננוצלעכער רעליגיע.

— מיר זענען קינסטלער. — האָט אָן אויפהער איבערגעחזרט סילווען קאָן, — מיר שאַפן קונסט לשם קונסט. די קונסט איז שטענדיק ריין, מען קאָן זי נישט באַפלעקן. מיר פאָרשן דאָס לעבן ווי רייזענדע, פון הנאה וועגן, און אַלץ ווילט אונז. מיר זענען זאַמלער פון זעלטענע איינדרוקן, מיר האָבן ליב שיינקייט.

— צבועקעס זענט איר, — האָט קריסטאָף האַרב געענטפערט, — זייט מוחל, וואָס איך זאָג עס אייך. ביז איצט האָב איך געמיינט, אַז נאָר מיין פאָטערלאַנד איז אַזאַ; אין דייטשלאַנד האָט די צביעות גורם געווען, אַז מיר האַלטן אין איין רעדן פון אידעאַליזם און גלייכצייטיק זוכן מיר אונזער אייגענעם נוצן. נאָך מער: מיר האָבן געהאַלטן זיך אַליין פאַר אידעאַליסטן, בעת יעדערער פון אונז האָט געזוכט נאָר זיין אייגענעם נוצן. אָבער איר זענט נאָך ערגער פון אונז. אין נאָמען פון דער קונסט און פון דער שיינקייט (וואָס איר שרייבט מיט גרויסע אותיות) זענט איר מוותר אויף אייער נאַציאָנאַלער אויסגעלאַסנקייט, אויף אייער מאָראַלישן פילאַטיזם, וועלכן איר באַהאַלט אונטער די נעמען: אמת, וויסנשאַפט און פליכט, — און שפּעטער שאָקלט איר זיך אָפּ פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איר פאַרטיידיקט די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פון געדאַנקען-פרייהייט. קונסט לשם קונסט... אַ וווּנדערלעכער גלויבן! אָבער אַ גלויבן, וואָס איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר די שטאַרקע. קונסט! איינשניידן מיט די נעגל דאָס לעבן, ווי אַן אָדלער זיין רויב, אויפהויבן זיך אין דער לופטן, פליען הויך אונטער די הימלען!... דערצו זענען נויטיק נעגל, ברייטע פליגל און אַ שטאַרק האַרץ. אָבער איר זענט נישט מער, ווי שפּערלינגען, וואָס געפינען

זיך אין וועג אַ שטיק נבלה, צערייסן זיי עס אויף שטיקער און קריגן זיך איבער דעם מיט אַ מוראדיק געפּילדער... קונסט לשם קונסט... נאַראָנים! קונסט איז נישט קיין ביליקער מאַכל. וואָס יעדער איינער קאָן דורכגיין און געניסן. זי איז טאַקע אַ הנאה, אָבער אַ הנאה, וואָס פאַרשיכורט אויסערגעוויינלעך. אַ הנאה, וואָס ווערט געקויפט נאָר פאַרן פּרייז פון אַ פאַרביסענער מלחמה, אַ לאָרבער-קראַנץ, וואָס קרוינט נאָר דעם שטאַרקן. קונסט איז אַ שטאַרק לעבן. קונסט איז דאָס הערשן איבערן לעבן. ווער עס וויל זיין צעזאַר, דאַרף האָבן אַזאַ גייסט, ווי צעזאַר, אָבער איר זענט נישט מער, ווי טעאַטער-מלכים: איר פירט אויס אַ ראָל און גלויבט צומאָל נישט אין איר. ווי באַרימטע אַקטיאָרן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער מיאוסקייט און האָבן אַ דאַנק איר ערפאָלג, טראָגט איר זיך אַרום מיט אייער אייגענער העסלעכקייט און מיט דער געמיינהייט פון דעם עולם. מיט אַ באַזונדערער ליבע פלעגט איר די קראַנקהייטן פון אייער פאָלק, די שרעק פאַר אָנשטרענגונג, די ליבע צו תענוגים, גראָבע שילדערונגען, געמאַכטע הומאַניטאַריזם, און אַלץ, וואָס איז בכוח איינצושלעפערן דעם יוילן מיט אויסגעלאָסענע וויג-לידער און צונעמען ביים מענטשן זיין ענערגיע. איר פירט דאָס פאָלק מיט אַ גלייכן וועג אין אַן אָפּיום-זאַל. איר ווייסט עס גאַנץ גוט, אָבער קיין איינער פון אייך וועט נישט זאָגן: דאָרט וואַרט דער טויט. — און איך זאָג אייך; ווו ס'איז טויט פאַראַן, דאָרט איז נישטאָ קיין קונסט. קונסט איז לעבנס-קראַפט, אָבער אַפילו די ערלעכערע צווישן אייערע שרייבער זענען אַזעלכע פחדנים, אַז אַפילו בעת עס פאַלט זיי אַראָפּ די מאַסקע פון פנים, מאַכן זיי זיך נישט זעענדיק. זיי זענען אַזוי אומפאַרשעמט, אַז זיי זאָגן:

— ס'איז טאַקע געפערלעך, איך בין מודה. ס'איז טאַקע אמתער סם, אָבער וויפיל טאַלענט ער פאַרמאָגט!

פונקט ווי דער ריכטער, ביים אַרויסגעבן דעם פסק, וואָלט געזאָגט אויפן אַפּאַש:

— ער איז אַ פאַרברעכער, ס'איז אמת; אָבער וויפיל טאַלענט ער פאַרמאָגט!

קריסטאָף האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, צוואָס מ'דאַר האָבן די פראַנצויזישע קריטיק. צי פעלן קריטיקער אין פראַנקרייך זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער פראַנצויזישער קונסט, ווי פליגן. מ'האָט שוין מער נישט אַרויסגעזען קיין ווערק: זיי זענען פאַרשטעלט געוואָרן פון די קריטיקער.

בכלל האָט קריסטאָף פיינט געהאַט קריטיק. ער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיט דער גרויסער צאָל קינסטלער, וואָס האָבן געשאַפן אין דעם פערטן אָדער פינפטן גייסטיקן שטאַנד פון דער געזעלשאַפט. ער האָט געזען אין דעם די מידקייט פון דער עפּאָכע, די גייסטיקע אומבאַהאָלפנקייט פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט איבערגעלאָזט די טרחה פון טראַכטן און דענקען צו ספּעציאַליסטן און אַליין האָט זי געקוקט אויפן לעבן דורך פאַרמיטלער. לכל-הדעות האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ חרפה, וואָס די קינסטלער קענען נישט אַליין קוקן אויפן לעבן, נאָר מוזן זיך באַנוצן מיט דער פאַרמיטלונג פון קריטיקער. ס'איז געווען גאַנץ ווייניק וואַרשיינלעכקייט, אַז זייערע בילדער זענען טריי דעם לעבן. אָבער אין זייערע ווערק האָט זיך גאָרנישט אָפּגעשפּיגלט, אויסער די אומזיכערקייט פון המון, וואָס האָט געווימלט אַרום זיי. זיי זענען געווען ענלעך צו די שפּיגלען אין די מוזייען, וואָס שפּיגלען אָפּ צוזאַמען מיטן סופיט אויך די פּנימער פון די נייגעריקע, וואָס קומען זען.

עס זענען געווען צייטן, ווען די השפעה פון די קריטיקער אין פראַנקרייך איז געווען זייער גרויס. דער עולם האָט געבויגן די קעפּ פאַר זייערע מיינונגען, און ס'האָט געהאַלטן דערביי אַז זייערע ווערטער זענען געווען מער אָנגעזען, ווי די ווערק אַליין. דער עולם האָט געהאַלטן די קריטיקער פאַר קליגער פון די קינסטלער (אָט די צוויי ווערטער קאָנען, אַפּנים, נישט גיין צוזאַמען.) דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען זייער גיך פאַרמערן. די צאָל קאָנקורענטן איז געוואָרן צו גרויס, און דאָס האָט געשאָדט דער מלאָכה. אויב עס זענען פאַראַן אַסאַך אַזעלכע מענטשן, וואָס יעדערער פון זיי מיינט, אַז נאָר ער איינער ווייס דעם אמת, הערט מען אויף אינגאַנצן צו גלויבן אין זיי. און זיי אַליין גלויבן אויך נישט מער אין זיך. עס פאַלן אָפּ די הענט. אין משך פון אַ קורצער צייט זענען די פראַנצויזן אַריבער פון איין גוזמא צו דער אַנדערער. פונקט ווי זיי האָבן פריער געשריגן, אַז זיי ווייסן אַלץ, אַזוי האָבן זיי איצט עפנטלעך געשריגן, אַז זיי ווייסן

גאָרנישט. זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ כּבוד גאָרנישט צו וויסן, און אַפילו זיך געגרויסט דערמיט. רענאַן האָט בעלערנט די מענטשן פון זיין דור, אַז ס׳איז נישט אָרנטלעך צו זאָגן אויף אַ זאַך יאָ און באַלד נישט אָפּלייקענען אָדער לפּחות צווייפלען אין דעם. ער האָט געהערט צו יענע מענטשן, וואָס אויף זיי זאָגט דער הייליקער פּויל: „אייערע ווערטער זאָלן זיין: יאָ, יאָ, ניין, ניין". אַלע אויבערשטע פון שטויסל אין פראַנקרייך האָבן געכאַפּט התפּעלות פון דעם דאָזיקן עסטעטישן אַני-מאמין, וואָס איז אַריין אין דער מאָדע. די גייסטיקע פוילקייט און כאַראַקטער-שוואַכקייט האָבן געהערשט איבערן לעבן. מ׳פלעגט שוין מער נישט זאָגן: דאָס ווערק איז גוט, אמת אָדער פאַלש, קלוג אָדער נאַריש; מ׳פלעגט זאָגן:

— ס׳איז מעגלעך... נישט אויסגעשלאָסן... כ׳הויב נישט אָן צו וויסן.

ווען מ׳האָט פאַרגעשטעלט אויף דער בינע אַ שלעכטע זאַך, פלעגט מען נישט זאָגן:

— ס׳איז טינופת.

נאָר מ׳פלעגט זאָגן אַזוי:

— הער סגאַנאַרעל, זייט אַזוי גוט, רעדט אויף אַן אַנדער אופן. אונזער פילאָזאָפיע פאָדערט פון אונז קודם-כּל אַן אומקלאָרע שפּראַך. און דעריבער האָט איר נישט קיין רעכט צו זאָגן: ס׳איז טינופת, נאָר: מיר דאַכט זיך... כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט טינופת... נאָר זיכער בין איך נישט, אפשר איז גאָר דאָס ווערק געניאַל. ווער ווייס, צי איז עס נישט באמת קיין מייסטער-ווערק.

ס׳איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן, מ׳זאָל די קריטיק באַשולדיקן אין טיראַניע; בשעתו האָט איר שילער געגעבן אַ שטאַרקן פּסק, דערמאָנענדיק די דעמאָלסדיקע פּרעסע-טיראַנען דאָס, וואָס ער האָט פראָסט-פּשוט אָנגערופן: „פליכט פון משרתים".

„קודם כּל מוז זיין ריין אין אַ שטוב, ווו ס׳קומט צופאָרן די קעניגין. נעמט זיך, אַלזאָ, גיכער צו די בעזימס און פאַרקערט די שטוב! דערצו האַלט איך אייך, מיינע הערן. אָבער ווי-נאָר די קעניגין איז אַריין — אַרויס הינטערן טיר, משרתים! די דינסט דאַרף נישט זיצן אויפן שטול פון דער מאַדאַם".

מ׳מוז פאַרענטפערן די קריטיקער פון אונזער צייט. זיי זענען נישט געזעסן אויף דער מאַדאַמס שטול. מ׳האָט זיי געבעטן צו זיין

משרתים, האָבן זיי נאָכגעגעבן. זיי זענען געווען אַפילו שלעכטע משרתים: זיי האָבן נישט פּאַרקערט, און די שטוב האָט אויסגעזען, ווי אַ מיסט-קאַסטן. אָנשטאָט צו זאָרגן וועגן דער אָרדנונג און ריינ־קייט, זענען זיי געזעסן מיט פאַרלעגטע הענט און איבערגעלאָזן די אַרבעט פאַר די באַלעבאַטים, פאַרן גאַט פון טאָג: פאַר דער אַלגע־מיינער אָפּשטימונג.

ס'איז אמת, אַז צווישן די בירגער האָט זיך שוין לאַנג אָנגע־הויבן אַ באַוועגונג אַנטקעגן אַזאַ מצב. עטלעכע בעסערע מענטשן האָבן אָנגעהויבן פירן אַן אַרבעט לטובת דער סאַנאַציע פון דער גע־זעלשאַפט. אָבער קריסטאָף האָט עס אַרום זיך נישט געפילט. אַגב, האָט מען אויף זיי קיין אַכט נישט געלעגט אָדער מען פלעגט פון זיי אָפּלאַכן. ווען ס'פלעגט טרעפן פון צייט צו צייט, אַז אַן ערלע־כער מענטש פלעגט אַרויס מיט אַ פּראָטעסט אַנטקעגן דער אומריינער קונסט, פלעגן אים די שרייבער ענטפערן מיט שטאָלץ, אַז זיי זענען טאַקע געערעכט, אָבער דער עולם איז פאַרט צופרידן דערפון. ס'איז געווען אַ גענוג שטאַרקער אַרגומענט צו פאַרשטאָפּן יענע די מיילער. דער עולם האָט געהאַט די דעה. וואָס איז געווען שטאַרקער פון דער קונסט. קיינעם איז אויפן זינען נישט אַרויף צו פסלענען דאָס עדות־זאָגן פונם לעזער, וואָס איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דער קינסט־לער איז באַשאַפן געוואָרן צו פאָלגן דעם לעזער און נישט פאַרקערט. די רעליגיע פון ציפערן — די צאָל קונסט-אָפּנעמער און דאָס געלט פון דער הכנסה — האָט געהערשט איבערן קינסטלערישן געדאַנק פון אָט דער הענדלערישער דעמאָקראַטיע. נאָך די מחברים זענען גע־קומען די קריטיקער און האָבן מיט הכנעה אויסגערופן, אַז דער עיקר און די מאָס פון אמתער קונסט איז — צי זי געפעלט דעם לעזער. ערפאָלג, האָבן זיי געטענהט, איז די בעסטע מאָס, און אויב דער ערפאָלג איז א שטענדיקער, דאַרף מען פאַר אים בויגן דעם קאָפּ. אָט אַזוי האָבן זיי זיך באַמיט פאָרויסצוזען די וואַקלענישן פון דער פאַרגעניגן-בערזע און אַרויסצולייענען אין די אויגן פון עולם זיינע געדאַנקען וועגן די ווערק. דערביי איז לעכערלעך, וואָס דער עולם פון זיין זייט האָט זיך באַמיט אַרויסצולייענען פון די קריטיקערס אויגן, וואָס ער האָט וועגן די דאָזיקע ווערק צו טראַכטן. אָט אַזוי פלעגן זיי ביידע שטיין איינער קעגן אַנדערן, און יעדער־ער האָט אין דעם צווייטן געזען זיין אייגענע וואַקלעניש.

און דאָך איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי נויטיק אַ שטאַרקער מוטיקער קריטיקער, ווי איצט, אין קעגנזאַץ צו דער קאָנסערוואַטיווער מדינה, פאַרמאָגט די מאָדע אין דער קונסט פון אַן אַנאַרכיסטישער רעפּובליק נאָר זעלטן־ווען די מעגלעכקייט זיך צו ציען צוריק; זי גייט שטענדיק פאָרויס און פאַרמאָגט אַ טענדענץ אויסגעטוישט צו ווערן אויף פאַלשער פרייהייט פון גייסט, וואָס קיינער קען זיך איר נישט אַנטקעגנשטעלן. דער המון איז נישט פעיק אויסצודריקן זיין מיינונג; אין האַרצן פילט ער אַ שרעק, אָבער קיינער האָט נישט קיין מוט צו רעדן, צו זאָגן, וואָס ער פילט. ווי גרויס וואָלט געווען די מאַכט פון די קריטיקער, ווען זיי וואָלטן זיין מוטיק, ווען זיי האָבן בלויז דעם מוט צו זיין מוטיק! אַ געוואַגטער קריטיקער וואָלט געקאַנט אין אַ קורצער צייט ווערן דער נאַפּאָלעאָן פון אַלגעמיינעם געשמאַק, און פאַרטרייבן די קראַנקע קינסטלער אין משוגעים־הויז. עס זענען אָבער נישט פאַראַנען קיין נאַפּאָלעאָנס אין אונזערע צייטן. ראשית, לעבן אַלע קריטיקער אין אַ פאַרסמטער אַטמאָספער; זיי פילן עס נאָך נישט. און צווייטנס האָבן זיי נישט דעם מוט צו רעדן. זיי קענען גוט איינער דעם צווייטן; זיי זענען, ווי א קליינע כנופיה, ווי איינער מוז אָנקומען צום צווייטן און מוז אים דעריבער אַ סך זאַכן מוחל זיין: נישטאָ אפילו קיין איין פרייער מענטש, וואָס זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון דעם מחברס מיינונג. דערצו וואָלט מען געמוזט מוותּר זיין אויף געזעלשאַפטלעכע באַציונגען און אפילו אויף פריינדשאַפט. אָבער ווער האָט געקענט געפינען גענוג כּוח אין אָט דעם שוואַכן דור, וואָס זיינע בעסטע מענטשן האָבן געצווייפלט, צי לוינט צו האָבן אַ גוטע קריטיק פאַרן פּרייז פון דעם צער, וואָס זי קען גורם זיין דעם קריטיקירטן קינסטלער. ווער וואָלט עס געוואָלט צוליב פליכט מאַכן זיך פון זיין לעבן אַ גיהנום? ווער וואָלט זיך גענומען דעם מוט אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן דער עפנטלעכער מיינונג, צו קעמפן קעגן דער נאַרישקייט פון דער געזעלשאַפט, אויפצודעקן די מיטלמעסיקייט פון די טאָג־העלדן, צו פאַרטיידיקן דעם אומבאַקאַנטן איינזאַמען קינסטלער, וואָס ווערט געפּייניקט דורך נאַרישע, שלעכטע קריטיקער, און אַריינצושטופּן אין די קנעכטישע מוחות קעניגלעכע געדאַנקען? — טייל מאָל פלעגט קריסטאָף הערן, ווי די קריטיקער שמועסן צווישן זיך אין די טעאַטער־קולואַרן, בעת דער פּרעמיערע:

— אוי, ווי שלעכט די פאָרשטעלונג איז! זי וועט זיכער האָבן אַ מפּלה.

אָבער אין דער רעצענזיע, וואָס האָט זיך צומאָרגנס באַוויזן האָט מען גאָר געשריבן וועגן אַ מוסטערהאַפט קינסטלעריש ווערק, וועגן אַ נייעם שעקספּיר, וועגן דעם שווונג פון גאונות, וואָס פאָכעט איבער די קעפּ פון די טעאַטער-באַזוכער.

— אייער קונסט פעלט נישט אַזוי שטאַרק טאַלענט, ווי עס פעלט איר כאַראַקטער — האָט קריסטאָף געזאָגט צו סילווען קאָן. — איר נויטיקט זיך אין אַ גרויסן קריטיקער, אין אַ לעסינג, אין אַ....

— אין אַ בואַלאָ? — האָט סילווען קאָן געזאָגט מיט חוזק.

— אפשר אין אַ בואַלאָ מער, ווי אין צען געניאַלע קינסטלער.

— ווען מיר האָבן אַ בואַלאָ — האָט געזאָגט סילווען קאָן — וואָלט מען אים נישט געפאָלגט.

— אויב מען וואָלט אים נישט געפאָלגט, וואָלט ער נישט געווען קיין בואַלאָ, — האָט געענטפערט קריסטאָף. — איך פאַרזיכער אייך: אין דעם טאָג, ווען איך וואָלט, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אומגעלומפּערטקייט, גענומען אייך זאָגן דעם נאַקעטן אמת, אין דעם זעלבן טאָג וואָלט איר מיר געפאָלגט, איר וואָלט ממש געשלונגען מיינע ווערטער!

— אָרימער זקן! — האָט געקייכט סילווען קאָן.

דאָס איז געווען זיין גאַנצע תשובה.

ס'האָט אויסגעזען, אַז ער גלויבט אין דער אַלגעמיינער ירידה און איז דערמיט מסכּים, און קריסטאָף, צוקוקנדיק זיך צו אים, האָט פּלוצלינג איינגעפונען, אַז אָט דער פאַרשוין איז מאָדנע פרעמד אין פראַנקרייך, הונדערט מאָל פרעמדער פון אים. ס'האָט אים אַ דריק געטון אין האַרצן.

— ס'איז אומעגלעך, — האָט ער ווידער געזאָגט, פּונקט ווי אין יענעם אָוונט, ווען ער איז מיט עקל אַרויס פון אַ בולוואַר-טעאַטער.— מסתּמא איז פאַראַן נאָך עפּעס.

— וואָס פעלט דיר נאָך? — האָט געפרעגט קאָן.

קריסטאָף האָט געענטפערט פאַרביטערט:

— פראַנקרייך.

— פראַנקרייך? מיר זענען דאָך פראַנקרייך? — האָט אויסגערופן סילווען קאָן און זיך צעלאַכט אויפן קול.

קריסטאָף האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, דערנאָך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איבערגעחזרט:

— מסתמא איז פֿאַראַנען נאָך עפּעס.

— אויב אַזוי, מײַן טײַערער, גײ, זוך עס, — האָט סילווען קאָן געענטפֿערט און נאָך שטאַרקער געלאַכט.

קריסטאָף האָט געקאָנט זוכן, זיי האָבן עס גוט באַהאַלטן.

וואָס מער קריסטאָף האָט זיך פֿונאַנדערגעקליבן אין זײַנע אייגענע געדאַנקען און מיט אַן אָפֿענעם אויג זיך צוגעקוקט צום ריזיקן קעסל, ווו ס'האָט פֿערמענטירט די פּאַריזער קונסט, אַלץ שטאַרקער איז געווען דער אײַנדרוק, אַז אין דעם קאָסמאָפּאָליטישן לעבן פֿון דער הויפּטשטאָט, הערשט די פֿרוי. זי האָט פֿאַרנומען אַ משונהדיקן אָרט, וואָס איז געווען איבער דער טבע. נישט גענוג, וואָס זי איז געווען די באַגלייטערין פֿון דעם מאַן. נישט גענוג וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט אַלע רעכט. אירע תּענוגים זענען געוואָרן אַ העכערער געזעץ פֿאַר איר און פֿאַרן מאַן. און דער מאַן האָט זיך צוגעוווינט דערצו. ווען אַ פֿאָלק ווערט אַלט, גיט ער איבער זײַן ווילן, זײַן גלויבן, זײַן לעבנס-ציל אין די הענט פֿון דער, וואָס שאַפֿט אים תּענוגים. — די מענער געשטאַלטיקן זייערע ווערק, און די פֿרויען געשטאַלטיקן די מענער (אויב זיי פֿירן זיך אַליין נישט אַרײַן אין די ווערק גופֿא, ווי ס'קומט פֿאָר אין פֿראַנקרײַך); און אויף די זאַכן, וואָס ווערן געשטאַלטיקט דורך דער פֿרוי, קאָן מען גיכער זאָגן, אַז עס ווערט פֿון זיי אַ תּל. די אייביקע ווײַבלעכקייט האָט בלי-ספֿק געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף די בעסערע מענער. אָבער פֿאַר דעם מיטלמעסיקן מענטשן אין אַן עפּאָכע פֿון מידקייט, איז פֿאַראַן — ווי אימעצער האָט שוין אַמאָל געזאָגט — אַן אַנדער כּח, וואָס שלעפּט מיט דעם מאַן מיט זיך באַרג-אַראָפּ. און אָט די אייביקע ווײַבלעכקייט איז געוואָרן די הערשערין איבערן פּאַריזער געדאַנק, איבער דער גאַנצער רעפּובליק.

קריסטאָף, וואָס האָט אַ דאַנק זיין ווירטואָזן טאַלענט און דער פאַרמיטלונג פון סילוועז קאָן געהאַט אַ צוטריט צו די סאַלאָנען, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו די פאַריזער פרויען. אָן רחמנות, ווי ס׳רוב אויסלענדער, האָט ער געזען אין אַלע פראַנצויזישע פרויען די שטריכן, וואָס ער האָט געפונען ביי צוויי אָדער דריי צופעליק-באַגעגנטע טיפן. דאָס זענען געווען יונגע פרויען פון מיטלן ווּקס, מיט נישט קיין איבעריקער פרישקייט, אָבער מיט שלאַנקע פיגורן, געפאַרבטע האָר, פיינע, אַ ביסל צו גרויסע קעפ, וועלכע ס׳פלעגן ס׳רוב פאַרדעקן ריזיקע היט; מיט העלע שטריכן, אַ ביסל אַן אָנגעשוואָלענער הויט, קורצע פיין-געשניצטע, על-פי-רוב נאָרמאַלע נעזער, אָבער שטענדיק אָן כאַראַקטער; מיט שטענדיק ווייכע אויגן, אָן טיפן לעבן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו זיין וואָס-גרעסער, און וואָס-שטאַרקער צו גלאַנצן; מיט פיין-געשניצטע ליפן, באַהערשט פונעם ווילן, מיט אַ פולן קין, וואָס האָט, ווי דער גאַנצער אונטערשטער טייל פונעם פנים, עדות געזאָגט אויף דעם גשמיותדיקן כאַראַקטער פון אָט די עלעגאַנטע ברואים, וואָס הערן זיך נישט אויף צו יאָגן נאָך ליבע און אינטריגעס און פאַרגעסן נישט גליכצייטיק וועגן דער געזעלשאַפט און דער באַלעבאַטישקייט. זיי זענען שיין, פאַרמאָגן אָבער נישט די איידלקייט פון דער ראַסע. כמעט ביי אַלע „וועלטלעכע דאַמען” האָט זיך געלאָזט פילן די פאַרדאָרבענע בירגערלעכע פרוי — אָדער, לפחות, די, וואָס האָט געזאָלט זיין פאַרדאָרבן, מיט אַלע אייגנשאַפטן פון איר שטאַנד: פאָרזיכטיקייט, קאַרגשאַפט, קאַלטקייט, פראַקטישער חוש און עגאָיזם. זיי האָבן געפירט אַ שלעכט לעבן. זייער יאָגעניש נאָך תענוגים האָט זיך גיכער גענומען פון אַ געדאַנקלעכער נייגעריקייט, איידער פון אַ חושים-באַדערפעניש. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ קלאָרן ווילן, הגם ער האָט זיך אויסגעלעבט נאָר אין מיטלמעסיקייט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אָנגעטון, פאַרמאָגט פיינע, מעכאַנישע באַוועגונגען; מיט אַ לייכטער, איידעלער באַוועגונג פון דער האַנט, מיט איר אינערלעכן אָדער אויסערלעכן טייל, פלעגן זיי זיך אַ גלעט-טון איבער די האָר. זיי פלעגן שטענדיק זיצן אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען זען די אייגענע פנימער און

די פֿנימער פֿון די איבעריקע אין דעם נאָענטן אָדער ווייטן שפּיגל, אָדער — אויב ס'איז געווען ביים עסן אָדער טיי־טרינקען — אין די לעפֿל, מעסער און זילבערנע, געשייערטע, גלאַנציקע קאַווע־גלעזער, ווי זיי פֿלעגן אויפֿכאַפּן די געשטאַלטן און זייער אייגן פּנים, וואָס האָט זיי אַלענפֿאַלס אינטערעסירט מער, ווי די איבעריקע. בעתן עסן פֿלעגן זיי אָפּהיטן די שטרענגסטע סאַניטאַרע געזעצן: געטרונקען נאָר וואַסער און זיך נישט צוגערירט צו קיין שום מאכל, וואָס האָט געקאָנט ברענגען שאָדן זייער אידעאַל — דער פּודער־ווייסער הויט.

אין די קרייזן, וואָס קריסטאָף פֿלעגט באַזוכן, זענען געווען ווייער אַ סך יידישע פּרויען, וואָס האָבן אים געצויגן, הגם זינט זיין באַגעגעניש מיט יהודית מאַנהיים, האָט ער נישט געהאַט וועגן זיי קיינע אילוזיעס. סילווען קאָן האָט אים אַריינגעפֿירט אין עטלעכע יידישע סאַלאָנען, ווו מ'האָט אים אויפֿגענומען מיט דער געוויינלעכער אינטעליגענץ פֿון דער דאָזיקער ראַסע, וואָס האָט בטבע ליב אינטעליגענץ. קריסטאָף האָט זיך דאָרט באַגעגנט בעתן עסן מיט פֿינאַנסיסטן, אינזשינירן, זשורנאַליסטן, אינטערנאַציאָנאַלע מעקלער, אַ מין הענדלער מיט אַלזשירער שקלאַפֿן — סאַמע אונטערנעמער פֿון דער רעפּובליק. זיי זענען געווען שאַרף און ענערגיש, גלייכגילטיק צו אַנדערע, פֿריינדלעך, ליב געהאַט צו שמועסן און געווען פֿאַרשלאָסן אין זיך. טיילמאָל האָט קריסטאָף געהאַט דאָס געפֿיל, ווי אונטער די דאָזיקע מאַסקעס, וואָלטן זיך באַהאַלטן פֿאַרגאַנגענע אָדער צוקונפֿטיקע פֿאַרברעכנס ביי אָט די מענטשן, וואָס זענען צוזאַמען געזעסן אַרום דעם פּרעכטיקן טיש, געדעקט מיט פֿלייש, בלומען און וויינען. כמעט אַלע זענען געווען מיאוס; דערפֿאַר אָבער האָבן די פֿרויען אין אַלגעמיין געמאַכט אַ שיינעם איינדרוק. מ'האָט זיי נאָר נישט באַדאַרפֿט באַטראַכטן צו נאָענט. ס'רוב האָבן זיי פֿאַרמאָגט אַ פּראָסטע הויט. זיי זענען אָבער געווען פֿול מיט פֿרישקייט, אויסערלעכן גלאַנץ, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַ זייער גוט לעבן; שיינע אַקסלען, וואָס האָבן שטאָלץ גערייצט די בליקן, און אַ נאַטירלעכן טאַלענט צו מאַכן פֿון זייער שיינקייט און אפֿילו פֿון זייער מיאוסקייט אַ פֿאַסטקע צו כאַפּן מענער. אין אַנדערע פֿלעגט דער קינסטלער געפֿינען דעם אַלטן רוימישן טיפּ, פֿרויען פֿון נעראָנס און אַדריאַנס צייטן. עס זענען אויך געווען פּיגורן אַלאַ פּאַלמאַ, וואָס האָבן אויסנעדריקט ווילן, מיט שווערע קינבאַקן און דיקע העלזער, — פֿנימער, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַ בהמישע

שיינקייט, אַנדערע האָבן פאַרמאָגט אָנגעדריוולטע און געקרייזלטע האָר און ברענענדיקע, שאַרפע אויגן; מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען ביטרע, איבערגעשפּיצט און גרייט אויף אַלץ; זיי האָבן פאַרמאָגט מער מענלעכע שטריכן, ווי די איבעריקע פרויען, און דאָך האָט אין זיי איבערגעוווגן די ווייבלעכקייט. פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט פלעגט דאָ און דאָרט אַרויסשפּראָצן אַ מער גייסטיק פּנים, מיט קלאָרע שטריכן, וואָס זיין יחוס האָט זיך געצויגן נאָך פון די רוימישע צייטן, פון די מזרח-לענדער, פון לבנס לאַנד: ס׳האָט געהערשט אין זיי דאָס געזאַנג פון שטילקייט, דאָס געזאַנג פון מדבר. אָבער ווען קריסטאָף האָט זיך דערנענטערט צו זיי און אויסגעהערט, ווי רבקה שמועסט מיט דער רוימישער פויסטינע אָדער מיט דער הייזיקער ווענעציאַנער באַרבאַרע האָט ער געזען, אַז דאָס איז אַ פּאַריזער פרוי, ווי אַלע אַנדערע, נאָך מער ווי די אמתע פּאַריזער, מער געקינסטלט און פאַלש, זי האָט רויק דערציילט וועגן שרעקלעכע זאַכן, אַראָפּשינדנדיק מיט אירע מאַדאָנע-אויגן די קערפּער און די נשמות פון די מענטשן.

קריסטאָף האָט אַרומגעבלאָנדזשעט פון גרופּע צו גרופּע, נישט קאָנענדיק בלייבן שטיין אויף קיין אָרט. די מענער האָבן גערעדט מיט התלהבות וועגן געיעג, ציניש וועגן ליבע, און נאָר וועגן געלט האָט מען גערעדט מיט ערנסטער, חוזקדיקער גלייכגילטיקייט. אין רויכער-זאַל האָט מען געשמועסט נאָר וועגן געשעפטן. קריסטאָף האָט געהערט, ווי מ׳רעדט וועגן איינעם אַן עלעגאַנטן הער מיט אַן ערע-באַנד אין לאַץ, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום די ווייבער און געטיילט זיי קאָמפּלימענטן. מ׳האָט געפרעגט:

— וואָס! ער איז נאָך נישט אַרעסטירט?

אין איינעם פון די זאַל-ווינקלען האָבן צוויי דאַמען געשמועסט וועגן די ליבע-ענינים פון אַ יונגער שוישפּילערין און פון אַ סאַלאָן-דאַמע. טיילמאָל פלעגט מען איינאָרדענען מוזיקאַלישע אָוונטן און בעטן קריסטאָפן, ער זאָל שפּילן עפּעס. בלייכע, דיקע און פאַרשוויצטע דיכטערינס האָבן מיט אַן אַפּאָקאַליפּטישן טאָן געלייענט די פערזן פון סילי-פּרודאָנס און אָגיוסט דאָרשען. אַ באַרימטער אַקטיאָר האָט נאָר-וואָס געענדיקט צו דעקלאַמירן אַ „מיסטישע באַלאַדע” ביי דער באַגלייטונג פון אַ פיסהאַרמאָניע. די מוזיק און די פערזן זענען געוועזן אַזוי נאַריש, אַז קריסטאָפן איז נישט-גוט געוואָרן. אָבער די רוימערינס זענען געוועזן אויפן זיבעטן הימל און געלאַכט פון גאַנצן האַרצן.

ווייזנדיק זייערע פּרעכֿטיקע צײַן. מ׳האָט אויך געשפּילט איבסענען·
דער גערשאַנגל פֿון אַ גרויסן מענטשן קעגן די יסודות פֿון דער גע-
זעלשאַפֿט האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ער איז געוואָרן שטאָף
פֿאַר פֿאַרווײַלונגען!
דערנאָך האָבן אַלע, נאַטירלעך, געהאַלטן פֿאַר נויטיק איבערצו-
געבן זייער מיינונג וועגן קונסט. ס׳איז געווען שרעקלעך. דער עיקר
האָבן די פֿרויען, מחמת פֿלירט, העפֿלעכֿקייט, לאַנגווייל אָדער פּשוטער
טפּשות, זיך אײַנגעשפּאַרט צו רעדן דווקא וועגן איבסענען, וואַגנערן
און טאָלסטאָיען. און קוים איז דער שמועס אַריבער צו אָט דעם ענין,
האָט מען אים בשום אופֿן נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. דאָס איז געווען
אַ מין אָנשטעקנדיקע קראַנקהייט. קריסטאָף האָט געמוזט, נעבעך, אויס-
הערן די געדאַנקען פֿון די באַנקירן און שקלאַפֿן-הענדלער וועגן קונסט.
אומזיסט האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען פֿון אַ תשובה און אַרויפֿ-
פֿירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין: זיי האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט
צו רעדן מיט אים דווקא וועגן מוזיק און דערהויבענער דיכֿטונג. ווי
בערליאָז האָט געזאָגט: „די דאָזיקע מענטשן באַנוצן אָט די אויסדרוקן
מיט דער גרעסטער גלײַכֿגילטיקייט: מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, כּ׳לעבן,
אַז זיי שמועסן וועגן ווײַן, פֿרויען און אַנדערע חזירייען״. אַ געוויסער
דאָקטאָר, אַ פּסיכֿיאַטאָר, האָט אין איינער פֿון איבסענס העלדינס דער-
קענט זײַנע אַ פּאַציענטין; נישט מער, וואָס די לעצטע איז געווען
נאָך נאַרישער פֿון יענער. אַ געוויסער אינזשיניער האָט פֿאַרזיכֿערט,
אַז די סימפּאַטישסטע געשטאַלט אין „נאָראַ״ איז דער מאַן. דער גרוי-
סער אַקטיאָר, אַ באַרימטער קאָמיקער, האָט געלאָזט הערן טיפֿע גע-
דאַנקען וועגן ניטשעס קאַרלײַלן; ער האָט דערציילט קריסטאָפֿן, אַז
ווען ער קוקט אויף אַ בילד פֿון וועלאַסקעז (דעם אָפּגאָט פֿון יענער
צײַט), „גיסן זיך אים איבער די באַקן טרערן, ווי די באָבעס.״ און
פֿונדעסטוועגן — האָט ער זיך מודה געווען פֿאַר קריסטאָפֿן — הגם ער
באַוווּנדערט די קונסט, באַוווּנדערט ער נאָכמער די קונסט פֿון לעבן,
די מענטשלעכֿע מעשים, און ווען ער וואָלט זיך אַליין געקאָנט אויס-
קלײַבן זײַן ראָל אין לעבן, וואָלט ער געוואָלט זײַן ביסמאַרק. — אָפּט-
מאָל פֿלעגט ער דאָרט אויך באַגעגענען אַ מענטשן, וואָס אַלע האָבן
אים אָנערקענט פֿאַר אַ גײַסטרײַכֿן און פֿאַר אַ גרויסן חכם, אָבער דער
שמועס פֿלעגט צוליב דעם זיך נישט דערהויבן. קריסטאָף האָט גע-
קאָנט אונטערשיידן, וואָס אַזאַ שטייגער מענטש זאָגט סתם אין דער

וועלט אַריין און וואָס ער זאָגט ערנסט. על־פּי־רוב האָבן די דאָזיקע באַרימטע לייט גאָרנישט געזאָגט; זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט אומגעריכטע נאַרישקייטן אָדער אַ געהיימניש פֿון שמייכל, זיי האָבן געלעבט אויפֿן חשבון פֿון זייער באַרימטקייט און זיך פּשוט נישט געוואָלט מטריח זיין. אַן אויסנאַם זענען געווען עטלעכע רעדנער, ס׳רוב פֿון דרום־פֿראַנקרייך. זיי האָבן גערעדט וועגן אַלץ און נישט פֿאַרמאָגט קיין שום חוש פֿאַר באַזונדערע ווערטן: אַלץ איז בײַ זיי געלעגן אויף איין פֿלאַך. פֿאַר זיי האָט שעקספּיר, מאָליער, פּאַסקאַל און אפֿילו יעזוס געהאַט דעם זעלבן ווערט. זיי האָבן פֿאַרגליכן איבסענען צו דיומאַ דעם זון, אָדער טאָלסטאָיען צו זשאָרזש זאַנד, און זיי האָבן געוואָלט, נאַטירלעך, אויפֿווייזן, אַז אין פֿראַנקרייך איז שוין אַלץ געווען פֿון פֿריער. קיין שום פֿרעמדע שפּראַך האָבן זיי, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקענט. אָבער דאָס האָט זיי נישט געשטערט. פֿאַר די צוהערער איז געווען וויכטיק דאָס, וואָס זיי זאָגן דעם אמת. פֿאַר זיי איז וויכטיק געווען, וואָס זייערע רייד האָבן דעם עולם געווילט און געחנפֿנט, ווי ווייט מעגלעך, דער נאַציאָנאַלער אייגנליבע. די אויסלענדער זענען געווען, אין זייערע אויגן, מענטשן מיט אַ גראָבער הויט — חוץ דעם אָפּגאָט פֿון טאָג; ווייל די מאָדע האָט זיך שטענדיק געבויטיקט אין איין געטש: אַלצאיינס, גריג צי וואַגנער, ניטשע, גאָרקי אָדער ד׳אַנונציאָ. אָבער לאַנג פֿלעגט עס נישט דויערן, און דער אָפּגאָט פֿון קונסט האָט געמעגט זיין זיכער, אַז אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן וועט ער זיך געפֿינען אין מיסטקאַסטן.

אין יענער צייט איז דער אָפּגאָט געווען בעטהאָווען. ווער וואָלט עס געגלויבט? בעטהאָווען — דער קעניג פֿון דער מאָדע. לכל־הפּחות אין די סאַלאָנען און צווישן שרייבער. ווייל די מוזיקער האָבן זיך שוין לאַנג פֿון אים אָפּגעזאָגט אין הסכּם מיטן טויש־סיסטעם, וואָס איז איינער פֿון די געזעצן פֿון דעם קינסטלערישן געשמאַק אין פֿראַנקרייך. כּדי צו וויסן, וואָס צו טראַכטן וועגן אַ קינסטלער, מוז דער פֿראַנצויז וויסן, וואָס עס טראַכט דערפֿון זיין שכן. ערשט דעמאָלט קלויבט ער אויס, צי זאָל ער טראַכטן, ווי ער, אָדער פֿאַרקערט. דעריבער האָבן די בעסערע מוזיקער, זעענדיק, אַז בעטהאָווען איז געוואָרן פּאָפּולער, געהאַלטן, אַז ער איז נישט גענוג עלעגאַנט פֿאַר זיי; זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי זענען באַשאַפֿן שטענדיק צו שטיין איבער דער עפֿנטלעכער מיינונג און קיינמאָל נישט צו לאָזן זיך מיטשלעפּן;

בעסער אײַנגאַנצן זיך אויסצודרייען, איידער נאָכצוגיין דער געזעלשאַפט. און דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן וועגן בעטהאָווענען, ווי וועגן אַ טויבן זקן, וואָס שרייט מיט אַ הייזעריקער שטים. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז ער איז אַ פיינער מאָראַליסט, אָבער אַ שלעכטער מוזיקער. די דאָזיקע אָפּגעשמאַקטע וויצן האָבן קריסטאָפן שאָקירט. אָבער אויך די התפעלות פון די סאַלאָן-מענטשן האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ווען בעטהאָווען זאָל אין יענער צייט קומען קיין פאַריז, וואָלט ער געוואָרן דער העלד פון טאָג; אַ שאָד נאָר, וואָס ער איז געשטאָרבן מיט הונדערט יאָר צוריק. אויסער דעם האָט מען געכאַפּט התפעלות נישט אַזוי פון זיין מוזיק גופא, ווי פון זיין אויסערגעוויינלעך, מער אָדער ווייניקער ראָמאַנטיש לעבן, וואָס איז באַרימט געוואָרן אַ דאַנק די סענטימענטאַלע, נאַיווע ביאָגראַפיעס. זיין התלהבותדיקע מאַסקע מיט זיין לייבן-מויל איז געוואָרן אַ פיגור פאַר ראָמאַנען. די דאַמען האָבן אים באַדויערט; זיי האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז בעטהאָווען וואָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק אומגליקלעך, ווען זיי קענען זיך מיט אים פערזענלעך, און זייער גוט האַרץ איז געווען גרייט זיך אים אָפּצוגעבן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין שום סכנה, אַז בעטהאָווען זאָל פאָדערן פון זיי צו האַלטן וואָרט: דער אַלטיטשקער האָט זיך שוין אין קיין זאַך נישט גענויטיקט. — און דעריבער האָבן די ווירטואָזן, קאַפּעלמייסטער און אימפּרעסאַריאָס אַרויסגעוויזן צו אים אָן אַ שיעור מיטלייד און, ווי בעטהאָווענס יורשים, געמאָנט דעם גאַנצן כבוד, וואָס איז אים געקומען — פאַר זיך. די קאָנצערטן, פאַר זייער הויכע פרייזן, האָבן געגעבן די סאַלאָן-מענטשן די געלעגנהייט אַרויסצווייזן זייער גוט האַרץ — און טיילמאָל אויך צו אַנטדעקן, אַז בעטהאָווען האָט געשריבן סימפאָניעס. קאָמיטעטן פון אַקטיאָרן, סתּם וועלטלעכע מענטשן און פּאָליטיקער, וואָס די רעפּובליק האָט זיי באַפולמעכטיקט צו פאַרנעמען זיך מיט קונסט-ענינים, האָבן צוויסן געטון דעם עולם, אַז זיי גייען שטעלן בעטהאָווענען אַ דענקמאָל: אויף דער רשימה, צוזאַמען מיט עטלעכע אָרנטלעכע לייט, וואָס האָבן געדינט פאַר אַ שילד, האָבן פיגורירט די נעמען פון די אויסוואָרפן, וואָס וואָלטן דעם לעבנדיקן בעטהאָווענען געטרעטן מיט די פיס אָדער — פון אים צעטרעטן געוואָרן.

קריסטאָף האָט געזען און געהערט. ער האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ציין נישט אַ זאָג צו טון קיין ביטער וואָרט. אַ גאַנצן אָוונט איז

ער געזעסן דענערווירט און איינגעקאָרטשעט. ער האָט נישט געקאָנט רעדן, אָבער שווייגן האָט ער אויך נישט געקאָנט. ס'האָט ביי אים אויסגעזען ווי אַ שאַנד און אַ בזיון צו רעדן וועגן קונסט סתם־אַזוי, אָן פאַרגעניגן אָדער אינערלעכער באַדערפעניש, נאָר בלויז צוליב דרך ארץ און ווייל ס'פּאַסט צו רעדן. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען. צו רעדן סתם אין דער וועלט אַריין איז ער בטבע נישט געווען פעיק, אָבער העפלעך שווייגן האָט ער אויך נישט געקאָנט. בעת ער האָט געקוקט אויף זיינע שכנים, איז זיין בליק געווען צו שאַרף און אָנגרייפנדיק: קעגן זיין ווילן האָט ער זיי געפאָרשט, און יענע האָבן זיך געפילט דערפון באַליידיקט. בעת ער האָט גערעדט, איז ער צו שטאַרק געווען איבערצייגט אין זיינע רייד. ער האָט זיך לחלוטין נישט גערעכנט מיט דער וועלט, אפילו מיט זיך אַליין אויך נישט. ער האָט גוט געפילט, אַז דאָ איז נישט דאָס ריכטיקע אָרט דערצו. ער איז געווען גענוג קלוג און עמפינדלעך צו זען, אַז זיין פאַרהאַלטן זיך שטערט די אַלגעמיינע האַרמאָניע; דעריבער האָט זיין אויפפירונג באַליידיקט אי אים אַליין, אי די באַלעבאַטים. ער איז בייז געווען אי אויף זיך, אי אויך זיי.

ווען ער איז נאָך האַלבער נאַכט ווידער אַרויס אין גאַס, האָט אים די לאַנגווייליקייט אַזוי אַ שפּאַר געטון צום האַרצן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו שלעפּן די פיס. ער האָט חשק געהאַט אַ פאַל צו טון אין מיטן גאַס אויף דער ערד, פּונקט ווי ער איז עס גרייט געווען צו טון צוואַנציק מאָל אין די קינדער־יאָרן, אַלס קליינער ווירטואָז, בעת ער פלעגט גיין אַהיים פונם פירשטלעכן שלאָס. אָפטמאָל, האָבנדיק נישט מער ווי אַ פינף אָדער זעקס פראַנק אויף אַ גאַנצער וואָך, האָט ער אויסגעגעבן צוויי פראַנק אויף דראָזשקעס, ער פלעגט גיך אַריינשפּרינגען און געוואָלט וואָס־מעגלעך שנעלער אַנטלויפן בעת די פערד האָבן אים געטראָגן אַהיים, האָט ער געקרעכצט פון אינערלעכער אויפרעגונג. ליגנדיק אין בעט, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן... דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלינג צעלאַכט: עפּעס אַ קאָמישער אויסדרוק איז אים געקומען אויפן זינען. ער איז געווען איבעראַשט, וואָס ער מאַכט נאָך אַזוי דאָס וואָרט און די באַוועגונגען פון יענעם מענטשן, דעם צווייטן טאָג און אין אַ סך שפּעטערדיקע טעג פלעגט טרעפן, אַז ער האָט פּלוצלינג גענומען ברומען, ווי אַ חיה... פאַרוואָס גייט ער צו די דאָזיקע מענטשן? פאַרוואָס

הערט ער נישט אויף צו גיין? צו וואָס צווינגט ער זיך נאָכצומאַכן זייערע גרימאַסן און באַוועגונגען, און צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז עס אינטערעסירט אים, בעת ער לאַנגווייליקט זיך שרעקלעך? — צי איז אים טאַקע באמת לאַנגווייליק? — מיט אַ יאָר צוריק וואָלט ער בשום אופן נישט פאַרטראָגן אַזאַ געזעלשאַפט. און איצט, פונדעסטוועגן, וויילט זי אים. צי האָט אים אָנגעשטעקט די פאַריזער גלייכגילטיקייט? טייל־מאָל פלעגט ער אומרויק פרעגן ביי זיך, צי איז ער שוין נישט אַזוי שטאַרק, ווי אַמאָל. אָבער פאַרקערט, ער איז געוועזן נאָך שטאַרקער. אין אַ פרעמדער סביבה איז זיין גייסט געוואָרן נאָך פרייער. קעגן זיין ווילן האָבן זיך אים פלוצלינג געעפנט די אויגן אויף דער גרויסער קאָמעדיע פון דער וועלט.

און אויסער דעם, צי ס'האָט אים געשמעקט אָדער נישט, האָט ער געמוזט דערווייל אַזוי לעבן, אויב ער האָט געוואָלט באַקענען מיט זיין קונסט די פאַריזער געזעלשאַפט, וואָס הויבט זיך אָן בטבע צו אינטערעסירן מיט ווערק ערשט דעמאָלט, ווען זי באַקאַנט זיך מיט זייערע שעפער. און ער האָט דאָך געוואָלט באַקאַנט ווערן און געמוזט באַזוכן די פיליסטערשע הייזער, אויב ער האָט געוואָלט האָבן מוזיק־לעקציעס, וואָס איז אים נויטיק געווען צום לעבן. און אַ חוץ דעם פאַרמאָגט דאָך דער מענטש אַ האַרץ, און דאָס האַרץ בינדט צו דעם מענטשן קעגן זיין ווילן; עס געפינט פאַרבינדונגען אין יעדער סביבה, ווי זי זאָל נישט זיין; ווען ער בינדט זיך נישט צו צו אַ סביבה, וואָלט ער פשוט נישט געקאָנט לעבן.

צווישן דער קליינער צאָל רייכע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי קריסטאָפן, איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רייכן אויטאָמאָבילן־פאַבריקאַנט און געהייסן האָט זי קאָלעט סטעוואַן. איר פאָטער איז געווען אַ בעלגיער, וואָס האָט זיך נאַטוראַליזירט אין פראַנקרייך, אַ זון פון אַן אַנגלאָ־אַמעריקאַנער, וואָס האָט געוווינט אין אַנטווערפן און פון אַ האָלענדערין; קאָלעטס מאַמע איז געוועזן אַן איטאַליענערין. דאָס איז געווען אַן אמתע פאַריזער משפחה. קריסטאָף האָט — פונקט ווי־

אַנדערע — געזעסן אין קאָלעט סטעוואַן דעם טיפּ פון אַ יונג פראַנ־צויזיש מיידל.

זי איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן, געהאַט שוואַרצע סאַמעט־אויגן, וואָס האָבן צערטלעך און פייכט געקוקט אויף יונגעלייט, און אַ פּאָר אַפּלען, וואָס האָבן, ווי ביי אַ שפּאַניערין, אויסגעפּילט מיט זייער שוואַרצן גלאַנץ דאָס גאַנצע אויג; איר נאָז איז געווען לענגלעך און פאַנטאַסטיש, און זי פלעגט אים קנייטשן און לייכט באַוועגן בעתן רעדן, באַטאָנענדיק אירע ווערטער; אירע האָר זענען געווען צעשוי־בערט, דאָס פּנים נישט רעגלמעסיק, איר הויט נישט איבעריק פריש, שטענדיק באַדעקט מיט פּודער, אַ ביסל אָנגעשוואָלן און ברייט. בכלל האָט זי אויסגעזען ווי אַן אָנגעבלאָזן קעצל.

זי האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינע פיגור און אָנגעטון זיך זייער שיין, מיט דער כוונה צו ווירקן אויף די חושים מיט איר עלעגאַנץ, קאָקעטישקייט און געמאַכטער נאַרישקייט; זי האָט געשפּילט די ראָל פון אַ קליין מיידעלע, פלעגט זיך וויגן גאַנצענע שעהן אין וויג־שטול, אַרויסלאָזנדיק קורצע אויסגעשרייען, ווי:

— באמת? אוממעגלעך!...

בעת מ'פלעגט דערלאַנגען צום טיש אַ מאכל, וואָס האָט איר געשמעקט, האָט זי געפּאַטשט מיט די הענט; אין סאַלאָן פלעגט זי רויכערן פּאַפּיראָסן, אַרויסגעוויזן אַ סך פריינדלעכקייט צו די מענער און אַן איבערגעטריבענע ליבשאַפט צו אירע חברטעס; פלעגט זיי פאַלן אויפן האַלז, גלעטן זיי איבער די הענט, שושקען זיי עפּעס אין אויער אַריין, פלוידערן נאַרישקייטן און אויף אַ וואונדערלעכן אופן, מיט אַ זיסער שטים און אמתן פאַרגעניגן, דערציילן אַ ביסל לשון־הרע. ביי אַ געלעגנהייט האָט זי ליב געהאַט מיט דער גאַנצער רוי־קייט צו זאָגן צווייידייטיקע וויצן און נאָך מער צו הערן אַנדערע דערציילן. איר פּנים האָט פאַרמאָגט דעם אויסדרוק פון אַ קליין, אומשולדיק מיי־דעלע, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון אונטער די שווערע וויעס. אָט די ביטרע, ליידנשאַפטלעכע אויגן, וואָס האָבן געוואָרפן שטאַרקע, קרומע בליקן, האָבן געלויערט אויף יעדעס רכילותל, דורשטיק גע־טרונקען אַלערליי ציניש מעשות און אַרומגעבלאָנדזעט דאָ און דאָרט צו כאַפּן עמעצן אויף דער ווענדקע.

קריסטאָף האָט פיינט געהאַט אָט די געצנגלעך פון אַ קליין הינטל, די מאַלפּישע מינעס און די פאַלשע קינדערישקייט. ער האָט געהאַט

אַ סך וויכטיקערע עניינים און איז נישט געווען גענויגט צו לייגן אַכט אויף די מאַנעוורעס פֿון עפּעס אַן איבערגעפּירט מיידל. ס'האָט אים אפילו נישט געוויילט. ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרדינען, זאָרגן פֿאַר זיך און היטן זיין טאַלענט. די סאַלאָן־פֿאַפּוגייען האָבן אים אינטערעסירט נאָר אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל זיי האָבן אים צוגעשטעלט די מיטלען, אין וועלכע ער האָט זיך גענויטיקט. זיין אַרבעט פֿלעגט ער אויספֿירן ערלעך, מיט אַ געקנייטשטן שטערן, אינגאַנצן איבערגעגעבן זיין פֿליכט, כּדי זיך נישט אונטערצוגעבן דער לאַנגווייליקייט, צוליב דער טעמפּקייט פֿון זיינע שילערינס, וואָס זענען ס'רוב געווען די זעלביקע קאָקאָטעס, ווי קאָלעט סטעוואַן. ער האָט כּמעט נישט געלעגט אויף איר מער אַכט, ווי אויף איר קליינער שוועסטער־קינד, אַ שווייגנדיק, שעמעוודיק צוועלף־יאָריק מיידעלע, וואָס די סטעוואַנס האָבן זי אַריינגענומען צו זיך, און וואָס קריסטאָף האָט זי אויך געלערנט שפּילן.

אָבער קאָלעט איז געווען גענוג קלוג און געפֿילט, אַז אַלע אירע חנדלעך האָבן לגבּי קריסטאָפֿן קיין שום ווערט נישט. זי איז געווען געשיקט און האָט זיך באַלד צוגעפּאַסט צו קריסטאָפֿס געשמאַק און כאַראַקטער. זי האָט זיך כּמעט נישט געדאַרפֿט אָנשטרענגען דערצו. איר נאַטירלעכער חוש האָט איר געוויזן דעם וועג. זי איז געווען אַ פֿרוי, ענלעך צו אַ פֿאָרמלאָזער כוואַליע. אַלע מענטשן, וואָס זי האָט אָנגעטראָפֿן אויף איר וועג, זענען געווען פֿאַר איר ווי וואַזעס, וואָס זי האָט צוליב נייגעריקייט און אפשר צוליב באַדערפֿעניש תּיכּף אָנגעפֿילט מיט זיך. איר גאַנצע פּערזענלעכקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי פֿלעגט זיך אָנאויפֿהער בייטן. זי פֿלעגט אָנאויפֿהער בייטן די וואַזעס. קריסטאָף האָט זי געצויגן צוליב פֿאַרשיידענע טעמים: ראשית דערפֿאַר, ווייל ער האָט אויף איר קיין אַכט נישט געלעגט, און אויך דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע אירע באַקאַנטע יונגעלייט. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געפּרוווט איינבייסן אַזאַ האַרטע נוס. דערצו איז איר קריסטאָף געפֿעלן געוואָרן דערפֿאַר, ווייל זי, ווי אַן אויסגעצייכנטע מענטשן־קענערין, וואָס באַלד ביים ערשטן בליק האָט זי דערקענט דעם אמתן ווערט פֿון מענטשן, פּונקט ווי פֿון פֿאַרצעלייענע כּלים, האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז דער אויסערלעך נישט עלעגאַנטער קריסטאָף פֿאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע שטאַרקייט, וועלכע קיין איינער פֿון אירע פֿאַריזער פּראַנטן פֿאַרמאָגט נישט.

ווי ס'רוב יונגע מיידלעך פון אונזער צייט, האָט זי זיך פאַרנו-
מען מיט מוזיק. זי האָט געשפּילט אי אַ סך אי ווייניק, דאָס הייסט:
געשפּילט האָט זי כּמעט שטענדיק, נאָר געקענט האָט זי כּמעט גאָר-
נישט. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געבאָמבלט אויפן פּאָרטעפּיאַן — מסתּמא
צוליב לאַנגווייליקייט, — זיצנדיק אין אַן אָנגעשטרענגטער פּאָזע. טייל-
מאָל פלעגט זי די מוזיק ווילן, ווי פאָרן אויף אַ וועליסאָפּעד. אַמאָל
פלעגט זי שפּילן שיין, זייער שיין, מיט געשמאַק, מיט געפיל (מ'האָט כּמעט
געקאָנט מיינען, אַז זי פאַרמאָגט אַ נשמה: פאַר איר איז גענוג געווען
מגולגל צו ווערן אין אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט אַ נשמה) איידער
זי האָט דערקענט קריסטאָפן האָט זי ליב געהאַט מאַסענען, גריגן,
טאָמען. אָבער זי איז אויך מסוגל געווען אויפצוהערן זיי ליב צו האָבן,
זינט זי האָט דערקענט קריסטאָפן. איצט האָט זי געשפּילט באַכן און
בעטהאָווענען און דווקא זייער שיין (הגם קיין גרויסן ווערט האָט עס
נישט פאַרמאָגט); אָבער דער עיקר איז, וואָס זי האָט זיי ליב געהאַט.
אייגנטלעך, האָט זי נישט ליב געהאַט קיינעם פון זיי, נישט בעטהאָ-
ווענען, נישט באַכן, נישט טאָמען, נישט גריגן, נאָר די קלאַווישן גופא,
די קלאַנגען, די פינגער, וואָס באַוועגן זיך איבערן אינסטרומענט, די
ציטערנדיקע סטרונעס, וואָס האָבן געגלעט אירע נערוון און איר
עמפּינדלעכע הויט.

קריסטאָף פלעגט אייביק טרעפן קאָלעטן פאַרן פּאָרטעפּיאַן, בעת
ער פלעגט אַריינקומען אין זאַל פונם אַריסטאָקראַטישן הויז, באַפּוצט
מיט בלייכע טאַפּעטן, אין מיטן זאַל אויף אַ געשטעל איז געשטאַנען
דער פּאָרטרעט פון דער דיקער מאַדאַם סטעוואַן. אַ מאָדערנער ציי-
כענער האָט זי געמאָלט האַלב פאַרחלשט, ווי אַ בלום אָן וואַסער, מיט
אויסגעלאָשענע אויגן און ספּיראַל-אויסגעבויגענעם קערפּער, כּדי אויף
אַזאַ אופן אויסצודריקן די אייגנאַרטיקייט פון איר מיליאָנערישער נשמה.
דורך די גלעזערנע טירן פון אַט דעם גרויסן זאַל האָט מען געזען
אַלטע, מיט שניי באַדעקטע בוימער, דאָ איז געזעסן קאָלעט און האָט
אָן אַ שיעור מאָל איבערגעחזרט די זעלביקע מעלאָדיעס און הנאה געהאַט
פון די ווייכע טענער, וואָס האָבן געגלעט אירע אויערן.

— אַך! — האָט קריסטאָף אויסגערופן, בעת זיין אַריינקומען —
אָט זיצט דאָ ווידער דאָס קעצל און ברומט.

— בייזער מענטש — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל,
און דערלאַנגט אים די פייכטלעכע האַנט:

— הערט נאָר אַ ווײַלע. איז עס נישט שיין?
— זייער שיין. — האָט ער גלײַכגילטיק געענטפערט.
— איר הערט נישט... — הערט זיך נאָר גוט איין.
— איך הער, ווידער דאָס זעלבע און אָבער דאָס זעלבע.
— אַך, איר זענט נישט מוזיקאַליש! — האָט זי אָנגעבלאָזן געזאָגט.
— אַנישט איז עס דען מוזיק?
— וואָס הייסט? ס'איז נישט קיין מוזיק?.. וואָס-זשע דען איז עס, איך בעט אייך?
— איר ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט, נאָר איך וועל עס אייך נישט זאָגן, עס איז נישט העפלעך.
— דווקא דערפאַר וויל איך עס וויסן.
— איר ווילט עס טאַקע וויסן?.. וועל איך אייך זאָגן. אַלזאָ, איר ווייסט, וואָס איר טוט מיט אייער אינסטרומענט? איר פלירטעוועט מיט אים.
— באמת?
— אוודאי. איר זאָגט צו אים: טייערער אינסטרומענט, זאָג מיר עטלעכע גוטע ווערטער, טו מיר אַ גלעט, גיב מיר אַ קוש!
— שווייגט שוין בעסער! — האָט קאָלעט געזאָגט מיט אַ געלעכטער, אָבער אויך מיט כעס, — איר פאַרמאָגט קיין ביסל העפלעכקייט נישט.
— אַבסאָלוט.
— איר זענט אַ חוצפּהדיקער מענטש... נאָר ווען עס זאָל אַפילו זיין אַזוי, איז עס נישט דער ריכטיקער וועג ליב צו קריגן די מוזיק?
— אָ, איך בעט אייך, נאָר די מוזיק מישט אַהער נישט אַריין!
— אָבער דאָס איז דאָך מוזיק! אַ שיינער אַקאָרד איז פונקט ווי אַ קוש...
— כ'האָב עס אייך קיינמאָל נישט געזאָגט...
— ס'איז נישט אמת? וואָס-זשע הויבט איר מיט די אַקסלען? וואָס קרימט איר זיך אַזוי?
— ווייל דאָס איז מיר דערווידער.
— איר ווערט אַלץ בעסער!
— איך קאָן נישט פאַרטראָגן, ווען מען רעדט וועגן מוזיק, ווי ייעגן אַ לידל... יאָ, איר זענט אין דעם נישט שולדיק. אייער סביבה

איז שולדיק. אָט די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס האָט נישט קיין גע־שמאַק, קוקט אויף דער קונסט, ווי אויף כּשרע אויסגעלאַסנקייט... אָבער געגוג געשמועסט! שפּילט אייער סאָנאַטע...

— ניין, ניין, לאָמיר נאָך שמועסן אַביסל.

— כ׳בין נישט געקומען אַהער שמועסן, נאָר לערנען אייך מו־זיק... אַלזאָ, ווייטער!

— אָ, איר זענט באמת העפלעך! — האָט קאָלעט געמאַכט זיך ברוגז, אָבער אין האַרצן איז זי געווען זייער צופרידן פון זיין גראָ־בער אויפפירונג.

זי האָט געשפּילט איר לעקציע און באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו שפּילן גוט; און אַזוי־ווי זי איז געווען פעיק, פלעגט עס זיך איר איינגעבן נישט שלעכט, טיילמאָל גאַנץ־גוט. קריסטאָף האָט קיין טעות נישט געהאַט, ער האָט געלאַכט אין האַרצן פון „דער דאָזיקער פאַר־שאָלטענער, וואָס האָט געשפּילט, פונקט ווי זי וואָלט געפילט עפּעס, נאָר באמת נישט געפילט גאָרנישט". פונדעסטוועגן האָט ער איר אַרויס געוויזן זיין צופרידנקייט. קאָלעט, פון איר זייט, האָט זיך באַמיט מיט כּלערליי תּחבולות צו באַנייען דעם שמועס, וואָס האָט זי אַ סך מער אינטערעסירט, ווי די מוזיק־לעקציעס. אומזיסט האָט זיך קריסטאָף גע־ווערט און געטענהט, אַז ער קען איר נישט זאָגן זיינע מיינונגען, וויל ער האָט מורא, טאָמער באַליידיקט ער זי. ס׳פלעגט איר שטענ־דיק געלונגען צו פאַרבינדן אַ שמועס. און וואָס־מער ער האָט זי באַ־ליידיקט, אַלץ מער האָט זי זיך געפילט געטראָפן. ס׳האָט זי געווילט, נאָר אַזוי־ווי זי איז געווען כּיטרע און האָט געפילט, אַז קריסטאָף האָט קודם־כּל ליב אויפריכטיקייט, פלעגט זי זיך מיט אים עקשנותדיק שפּאַרן. נאָר זיי האָבן זיך שטענדיק געזעגנט, ווי גוטע פריינט.

און דאָך האָט זיך קריסטאָף נישט געמאַכט קיין אילוזיעס בנוגע דער דאָזיקער סאַלאָן־פריינדשאַפט. ס׳וואָלט קיינמאָל נישט דערגאַנגען ביי זיי צו דער מינדעסטער אינטימקייט, ווען גישט קאָלעט, וואָס האָט מיט איר נאַטירלעכן חוש צו פאַנגען מענטשן, געוווסט אים צו אי־בעררעשן מיט אומגעריכטן צוטרוי.

אַ געוויסן אָוונט האָט מען ביי זיי אין שטוב איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע, קאָלעט האָט געלאַכט, געפּלוידערט און געוויצלט זיך; אָבער צומאָרגנס אין דערפרי, ווען קריסטאָף איז געקומען אויף דער לעקציע, האָט זי אויסגעזען מיד; אירע שטריכן זענען געווען אויס־געלאָשן, איר פּאַרב איז געווען גרוי און דאָס פּנים איינגעפאַלן. זי האָט קוים געזאָגט עטלעכע ווערטער. זי האָט אויסגעזען נידערגע־שלאָגן, געזעצט זיך ביים פּאָרטעפּיאַן, געשפּילט שוואַך און כּסדר זיך טועה געווען, געפּרווט נאָכאַמאָל און ווידער אַ טעות געהאַט. זי האָט איבערגעריסן אין מיטן און געזאָגט:

— איך קאָן נישט... זייט מוחל... אויב איר וועט דערלויבן, וועלן מיר צוואַרטן אַ ביסל...

ער האָט זי געפרעגט, צי זי איז קראַנק. זי האָט געענטפערט אַז נישט, קראַנק איז זי נישט, נאָר נידערגעשלאָגן... ס'טרעפן איר אַמאָל אַזעלכע מאָמענטן... ס'איז זייער לעכערלעך, נאָר ער דאַרף נישט זיין אין כּעס.

ער האָט איר פאָרגעלעגט, אַז ער וועט אַוועקגיין און קומען מאָרגן, אָבער זי איז אָנגעשטאַנען, ער זאָל בלייבן:

—אַ רגע נאָר... אפשר וועט מיר בעסער ווערן... ווי נאַריש איך בין, נישט אמת?

ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז זי אַנדערש, ווי שטענדיק, נאָר קיין חשק נישט געהאַט זי אויסצופרעגן. כּדי אַרויפצופירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין, האָט ער געזאָגט:

— דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס איר זענט נעכטן געווען אַזוי לוסטיק. איר פאַרשווענדט צופיל אייערע כּוחות.

אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַן איראָנישער שמייכל:

— וועגן אייך לאָזט זיך עס נישט זאָגן.

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

— דאַכט זיך, אַז איר האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעַ־רעדט, — האָט זי צוגעגעבן.

— קיין איין וואָרט נישט.

— און דאָך זענען דאָ געווען אינטערעסאַנטע מענטשן.

— יאָ, באַרימטע פּלאַפּלער, מענטשן פון גייסט. כ'פיל זיך פאַר־לוירן צווישן אָט די קליינקעפּלדיקע פראַנצויזן, וואָס אַלץ פאַרשטייען זיי, אַלץ ערקלערן זיי, אַלץ זענען זיי מוחל, נאָר פילן — פילן זיי

גאָרנישט. מענטשן, וואָס רעדן אָפּ גאַנצענע שעהן וועגן קונסט! איז עס נישט עקלהאַפט?

— אויב נישט די ליבע, האָט איך, לפּחות, געדאַרפט אינטערעסירן די קונסט.

— וועגן אַזעלכע זאַכן רעדט מען נישט, נאָר מען טוט.

— אָבער ווען מען קען זיי נישט טון? — האָט קאָלעט מיט אַ קרומער מינע געזאָגט.

— לאָזט מען עס איבער פאַר אַנדערע. נישט יעדערער איז באַשאַפן פאַר דער קונסט. — האָט קריסטאָף מיט אַ געלעכטער געענטפערט.

— און פאַר דער ליבע אויך נישט?

— פאַר דער ליבע אויך נישט.

— גאָט מיינער! וואָס-זשע איז אונז געבליבן?

— פירן די באַלעבאַטעשקייט.

— אַ שיינעם דאַנק. — האָט קאָלעט באַליידיקט געענטפערט.

זי האָט ווידער אַרויפגעלעגט די הענט אויפן פּאָרטעפּיאַן. געפּרוווט נעמען שפּילן, אָבער ווידער זיך פאַרפלאָנטערט. זי האָט אַ קלאַפּ געטון די קלאַווישן און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— איך קאָן נישט... ווייזט אויס, איך טויג שוין צו גאָרנישט. כ׳האָב מורא, אַז איר זענט גערעכט. די פרויען טויגן צו גאָרנישט.

— נאָך גוט, וואָס איר זענט עס מודה — האָט קריסטאָף גוטמוטיק געענטפערט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ ברוגז פּנים פון אַן אויסגעמוסרט מיידעלע און געזאָגט:

— זייט נישט אַזוי שטרענג!

— איך רעד נישט קיין בייז אויף די גוטע פרויען, — האָט קריסטאָף פריילעך געענטפערט. — אַ גוטע פרוי איז אַ גן-עדן אויף דער ערד. אָבער דער גן-עדן אויף דער ערד...

— יאָ, קיינער האָט אים נאָך נישט געזען.

— איך בין נישט קיין פּעסימיסט. כ׳קאָן נאָר זאָגן, אַז איך האָב אים נישט געזען, אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז ער איז דאָ. איך בין אַפילו גרייט צו גיין אים זוכן, אויב ער איז נאָר ערגעץ פאַראַן. ס׳איז אָבער נישט אַזוי לייכט, אַ גוטע פרוי איז פּונקט אַזאַ יקר-המציאות. ווי אַ געניאַלער מאַן.

— און די איבעריקע מענער און פרויען קומען גאָרנישט אין באַטראַכט?

— פאַרקערט! פאַר דער וועלט קומען נאָר זיי אין באַטראַכט.

— אָבער פאַר אייך?

— פאַר מיר עקזיסטירן זיי נישט.

— ווי שטרענג איר זענט! — האָט איבערגעחזרט קאָלעט.

—ס׳איז כמעט אמת. עס מוזן דאָך ערגעץ זיין עטלעכע שטרענגע מענטשן. כאָטש לטובת די איבעריקע. ווען עס וואָלטן נישט געווען אויף דער ערד, דאָ און דאָרט, עטלעכע שטאַרקע פעלזן, וואָלט די גאַנצע וועלט געווען איין גרויסער געמויזעכץ.

— יאָ, איר זענט גערעכט און גליקלעך, וואָס איר זענט אַזוי שטאַרק, — האָט קאָלעט אומעטיק געענטפערט. — נאָר זייט נישט אַזוי שטרענג פאַר די, וואָס זענען נישט אַזוי שטאַרק... איר ווייסט נישט, ווי שטאַרק עס דריקט אונז אונזער שוואַכקייט. איר זעט נאָר, ווי מיר לאַכן, פלירטעווען, טוען נאַרישקייטן, מיינט איר דעריבער, אַז חוץ דעם פאַרמאָגן מיר גאָרנישט, און דערפאַר פילט איר צו אונז אַ פאַראַכטונג. אָ, ווען איר זאָלט וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין די הערצער פון די קליינע פרויען פון פופצן ביז אַכצן יאָר, בעת זיי קומען אין דער געזעלשאַפט, און האָבן דעם דאָזיקן ערפאָלג, וואָס טרינקט זיי אָן מיט שפרודלדיקן, שטראָמענדיקן לעבן, — ווען איר וואָלט געזען די דאָזיקע פרויען נאָכדעם, ווי זיי טאַנצן זיך אָן, פלוידערן נאַרישקייטן, פאַראַדאָקסן און שטעכווערטלעך, פון וועלכע זיי לאַכן אַליין, ווייל אַלע מענטשן לאַכן; נאָכדעם ווי זיי פאַרשווענדן זייער גייסטיק ביסל אָרעמקייט און זוכן אַרום אין יעדערנס אויגן דאָס פאַרבאָרגענע ליכט, וואָס מ׳קאָן ביי קיינעם נישט געפינען, — ווען איר קאָנט זיי זען, בעת זיי קומען ביינאַכט אַהיים, פאַרשפאַרן זיך אין שטילן צימער און פאַלן אויף די קני אין יסורים פון איינזאַמקייט!...

— צי איז עס מעגלעך? — האָט קריסטאָף געפרעגט איבעראַשט. — וואָס רעדט איר? איר ליידט? איר ליידט אַזוי פיל?

קאָלעט האָט נישט געענטפערט, נאָר אין אירע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטון טרערן. זי האָט געפרוווט אַ שמייכל טון און אויסגעשטרעקט קריסטאָפן אַ האַנט. ער האָט זי האַרציק געדריקט.

— אָרעם קינד! — האָט ער געזאָגט, — אויב איר זענט אַזוי

אומגליקלעך, פֿאַרוואָס טוט איר גאָרנישט, פּטור צו ווערן פֿון אַזאַ לעבן?

— וואָס קאָנען מיר זיך העלפֿן? נישטאָ דערצו קיין עצה. איר, מענער, קאָנט זיך באַפֿרייען, איר קאָנט טון, וואָס איר ווילט. אָבער מיר זענען אויף אייביק פֿאַרשפּאַרט אין אַ קרייז פֿון פֿליכטן און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרוויילונגען. מיר וועלן זיך דערפֿון קיינמאָל נישט באַפֿרייען.

— ווער שטערט אייך דען זיך צו באַפֿרייען, פּונקט ווי מיר, אויסצוקלויבן זיך אַ געביט, וואָס אינטערעסירט אייך און וואָס וועט אייך פֿאַרזיכערן אַ פֿרייע עקזיסטענץ, פּונקט ווי אונז?

— ווי אייך, זאָגט איר? אָרעמער הער קראַפּט! אפילו איר אַליין האָט אויך נישט קיין פֿרייע עקזיסטענץ! אפשר געפֿעלט אייך, ווייניקסטנס, אייער געביט. אָבער צו וואָס פֿאַר אַן אַרבעט זענען מיר באַשאַפֿן געוואָרן? נישטאָ קיין איינע, וואָס זאָל אונז פֿאַראינטערעסירן. יאָ, איך ווייס, מיר פֿאַרנעמען זיך מיט אַלץ, מיר מאַכן זיך כּלומרשט פֿאַראינטערעסירט מיט אַ סך זאַכן, וואָס גייען אונז, אייגנטלעך, נישט אָן: מיטן גאַנצן האַרצן ווילן מיר מיט עפּעס זיך פֿאַרנעמען. און איך טו דאָס, וואָס עס טוען אַנדערע, כ׳פֿאַרנעם זיך מיט וווילטעטיקע ענינים, מיט צדקה־אינסטיטוציעס, כ׳הער לעקציעס אין דער סאָרבאָנע, די לעקציעס פֿון בערגסאָן, זשול לעמעטר, כ׳באַזוך היסטאָרישע קאָנצערטן, קלאַסישע פּרימאָרגנס און נאָטיר, נאָטיר... כ׳ווייס נישט, וואָס איך נאָטיר... כ׳וויל זיך דווקא איינרעדן, אַז דאָס אינטערעסירט מיך, אָדער אַז ס׳ברענגט מיר נוצן. אַך, ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט, ווי איך, אַז ס׳איז פּונקט פֿאַרקערט, אַז דאָס אַלץ גייט מיך לחלוטין נישט אָן, אַז עס לאַנגווייליקט מיך!... פֿאַראַכט מיך נישט, וואָס איך זאָג אייך אַזוי אָפֿן דאָס, וואָס יעדע פֿון אונז באַמיט זיך טיף צו באַהאַלטן. כ׳בין נישט נאַרישער פֿון אַנדערע, אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערט קאָן האָבן פֿאַר מיר פֿילאָזאָפֿיע, היסטאָריע און וויסנשאַפֿט? און די קונסט!... אָט זעט איר, כ׳גרימפּל אויפֿן פּאָרטעפּיאַן, כ׳מאָל אַקוואַרעלן, אָבער צי קאָן מען דערמיט אויספֿילן דאָס לעבן? מיר האָבן נאָר איין ציל — חתונה צו האָבן. אָבער צי מיינט איר, אַז ס׳איז פֿאַר אונז אַ פֿאַרגעניגן חתונה צו האָבן מיט איינעם פֿון די מענטשן, וואָס איך קען זיך אויף זיי אַזוי גוט, ווי איר? איך זע זיי אַזוי, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט. צום אומגליק בין איך

ניִשט אַזוי, ווי אייערע דייטשע גרעטכענס, וואָס קאָנען זיך מאַכי
אילוזיעס. איז עס נישט שרעקלעך? אַ מיידל קוקט זיך אַרום אַרום
זיך און זעט אירע חברטעס, וואָס האָבן חתונה געהאַט, און די מענטשן
מיט וועלכע זיי האָבן חתונה געהאַט, און זי ווייסט, אַז ווען־עס־איז
וועט זי אויך מוזן טון דאָס אייגענע, פאַרדאַרבן זייער קערפּער און
נשמה און ווערן אַזוי באַנאַל, ווי זיי!... איך פאַרזיכער אייך, אַז כּדי
צו לעבן אַזאַ לעבן און צו נעמען אויף זיך אַזעלכע פליכטן, מוז דער
מענטש זיך אַליין פאַרלייקענען. נישט אַלע פרויען זענען פעיק דער־
צו... און די צייט שטייט נישט. די יאָרן גייען. די יוגנט פאַרשווינדט,
— און ס׳איז דאָך פאָרט געווען אין אונז אַ סך שיינקייט, אַ סך
גײַטסקייט, וואָס איז אַוועק לאיבוד און איינגעגאַנגען פון טאָג צו
טאָג; וואָס מיר מוזן, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, פאַרשווענדן פאַר די
דאָזיקע שוטים, וואָס מיר פאַראַכטן זיי און זיי פאַראַכטן אונז!... און
קיינער פאַרשטייט אונז נישט! מ׳זאָגט, אַז מיר זענען פאַר אַלעמען
אַ רעטעניש. מ׳קאָן נאָך מוחל זיין די מענער, וואָס האַלטן אונז פאַר
לאַנגווייליקע און מאָדנע ברואים. אָבער די פרויען דאַרפן דאָך אונז
פאַרשטיין, זיי זענען דאָך אויך געווען אַמאָל, ווי מיר. ס׳וואָלט גע־
נוג געווען נאָר צו דערמאָנען זיך.... אָבער אומזיסט. זיי העלפן אונז
נישט. אפילו אונזערע מאַמעס האָבן נישט קיין שום באַגריף וועגן
אונז און טוען זיך נישט אָן די מי, אונז צו דערקענען באמת. זייער
איינציקע דאגה איז נאָר אונז חתונה צו מאַכן. אָבער אויסער דעם—
לעב, שטאַרב, טו וואָס דו ווילסט! ביי דער געזעלשאַפט זענען מיר
הפקר.

— פאַלט נישט אַראָפּ פון מוט, — האָט קריסטאָף געזאָגט. —
יעדערער מוז אַליין געפינען זיין וועג אין לעבן. אויב איר זענט
מוטיק, וועט איר זיך באַפרייען. זוכט אייער וועלט אויסער דער
סביבה, אין וועלכער איר פאַרקערט. עס זענען דאָך נאָך דאָ ערלע־
כע מענטשן אין פראַנקרייך.

— אוודאי. כ׳קען אַליין עטלעכע, אָבער זיי זענען אַזוי לאַנג־
ווייליק!... און אויסער דעם, וועל איך אייך זאָגן: די וועלט, אין
וועלכער איך לעב, געפעלט מיר נישט; אָבער איך גלויב נישט, אַז
איך זאָל שוין איצט קאָנען לעבן אַנדערש. כ׳בין שוין צוגעוווינט.
כ׳מוז האָבן אַ פריי לעבן, אויסערלעכן גלאַנץ און געזעלשאַפט, —
און נאָר דאָס געלט ערלויבט עס מיר צו האָבן, אָבער אָן דעם מוז

איך זיך דערפון אָפּזאָגן. ס׳איז נישט אַזוי גלענצנד, איך ווייס עס. אָבער כ׳ווייס אויך, אַז איך בין שוואַך. איך בעט אייך, דערוויטערט זיך נישט פון מיר דערפאַר, וואָס איך האָב פאַר אייך מודה געווען מיינע שוואַכקייטן. ס׳איז מיר אַזוי אָנגענעם צו שמועסן מיט אייך. הערט מיך אויס! איך פֿיל, אַז איר זענט שטאַרק, אַז איר זענט געזונט; כ׳האָב צו אייך צוטרוי. זייט מיין פריינט. גוט?

— מיטן גאַנצן האַרצן,—האָט קריסטאָף געענטפערט,—אָבער וואָס קאָן איך פאַר אייך טון?

— אויסהערן מיך, אַן עצה געבן, צוגעבן מוט. אָפט כאַפּט מיך אָן אַזאַ שטאַרקע פאַרצווייפלונג! איך ווייס דעמאָלט נישט, וואָס צו טון. איך טראַכט: „צו וואָס ראַנגלען זיך? צו וואָס פייניקן זיך? איז עס נישט אַלץ איינס? אַלץ איינס! אַלץ איינס!" ס׳איז אַ שרעקלעכער צושטאַנד. כ׳וויל נישט דערטרונקען ווערן. העלפט מיר! העלפט מיר!

איר פּנים האָט אויסגעזען דערשלאָגן, ווי מיט צען יאָר עלטער; זי האָט געקוקט אויף קריסטאָפן מיט דאַנקבאַרע אויגן, מיט הכנעה און מיט תחנונים. ער האָט איר אַלץ צוגעזאָגט. דעמאָלט האָט זי אויפגעלעבט, אַ שמייכל געטון און איז באַלד פריילעך געוואָרן.

און אין אָוונט האָט זי געלאַכט און געפּלוידערט, ווי שטענדיק.

זינט יענעם טאָג אָן האָבן זיי אָפט געפירט צווישן זיך אינטימע שמועסן. זיי זענען געווען אַליין אין צימער: זי האָט אים געקאָנט פאַרטרויען, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט; ער האָט זיך באַמיט זי צו פאַרשטיין און צו געבן אַן עצה; זי האָט אים געפאָלגט, טיילמאָל אויסגעהערט זיין מוסר ערנסט און אויפמערקזאַם, ווי אַ פאָלגעוודיק קינד: ס׳האָט זי געוויילט, אינטערעסירט און צוגעגעבן איר מוט; זי פלעגט אים דאַנקען מיט אַ גערירטן, קאָקעטישן בליק. איר לעבן האָט זיך אָבער לחלוטין נישט געענדערט, ס׳איז איר בלויז צוגעקומען אַ פרישע פאַרווײלונג.

איר טאָג איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע מעטאַמאָרפאָזן. זי פלעגט אויפשטיין זייער שפּעט, מיטאָג-צייט און ביינאַכט האָט זי נישט געקאָנט שלאָפן און אַנטשלאָפן ווערן ערשט פאַרטאָג. אַ גאַנצן טאָג

האָט זי גאָרנישט געקאָנט טון. זי האָט זיך כסדר דערמאָנט אָן עפּעס אַ פערז, אַ געדאַנק, אַ שטיקל פון אַ געדאַנק, אַ שמועס, אַ קאַפּיטל מו־זיק, אַ פּנים, וואָס איז איר געפעלן געוואָרן. ערשט אַרום פיר־פינף נאָכמיטאָג האָט זי זיך געפילט גענוג מונטער: ביז דעמאָלט זענען אירע וויעס געווען שווער, דאָס פּנים געשוואָלן, און זי איז אינגאַנצן געווען אָנגעבלאָזן און פאַרשלאָפן. ערשט ווען ס'פלעגן קומען אירע גע־טרייע חברטעס, פלוידערקעס און פלאַטערקעפּ, ווי זי, וואָס האָבן ליב געהאַט צו דערציילן פאַריזער רכילותלעך, ערשט דעמאָלט פלעגט זי לעבעדיק ווערן. זיי האָבן געשמועסט וועגן פאַרשידענע נאַרישקייטן, דער עיקר וועגן ליבע. די פּסיכאָלאָגיע פון דער ליבע איז צוזאַמען מיט די ענינים פון קליידער און שטילע לשון־הרע געווען די אייביקע טעמע פון זייערע שמועסן. זיי האָבן געהאַט אַ קרייז פון יונגעלייט, ליידיק־גייער, וואָס האָבן אַ צוויי־דריי שעה אין טאָג פאַרבראַכט צווישן קליידלעך און זענען אַליין ראוי געווען אָנצוטון קליידלעך, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט ווייבערישע נשמות. מ'קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז זייערע שמועסן האָבן נישט אויסגעזען אַנדערש, ווי זיי אַליין. קרי־סטאָפן האָט זי געווידמעט אַ באַזונדער שעה: די שעה פון ווידוי. דעמאָלט פלעגט קאָלעט ווערן ערנסט און קאָנצענטרירט. זי איז גע־ווען ענלעך צו יענער פראַנצויזין פון באַדלייס דערציילונג, וואָס האָט בעתן מתוודה זיין זיך פאַרן כהן „אַנטוויקלט אַ שטיל־צוגעגרייטע טע־מע, וואָס האָט געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער פון ריינקייט און ווו אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדנונג צעטיילט אויף קלאָרע קאַטע־גאָריעס". — דערנאָך פלעגט זי אָנהויבן צו הוליען, וואָס־שפּעטער ס'איז געוואָרן די שעה, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן איר יוגנט־קראַפט.
אין אָוונט פלעגט זי גיין אין טעאַטער; און אָט אַזוי פלעגט זיך כסדר איבערחזרן דער זעלבער פאַרגעניגן צו זען און צו דערקענען די זעלבע פּנימער; נישט די פאָרשטעלונג האָט זיי אַזוי הנאה געטון, נאָר די אַקטיאָרן, וועלכע זיי האָבן געקענט און וועגן וועלכע זיי האָבן אָן אויפהער דערציילט געשיכטעס פון זייער פּריוואַטן לעבן.
מיט די באַקאַנטע, וואָס האָבן זיי באַגלייט אין דער לאָזשע, פלעגן זיי רעדן לשון־הרע אויף די מענטשן פון די איבעריקע לאָזשעס אָדער אויף די אַרטיסטינס. מ'האָט געהאַלטן, למשל, אַז די „נאַיווע" אין דער דראַמע האָט אַ קול פון אַ בת־יענה און אַז די גרויסע שוישפּילערין טראָגט אַ קלייד, ווי אַן אַבאַזשור. אָדער זיי פלעגן אויף אַ פאַרוויי־

לונגס־אָוונט, ווו דער עיקר פאַרגעניגן פון די מיידלעך איז געווען צו באַווייזן זיך פאַר דער וועלט מיט זייער שיינקייט (שיינקייט איז אָפּהענגיק פונם טאָג: נישטאָ קיין קאַפריזנערע זאַך, ווי די פאַריזער שיינקייט); דאָרט פלעגט מען ווידער קריטיקירן מענטשן און פיזישע פעלערן. קיין שמועסן פלעגט מען בכלל נישט פירן. שפעט ביינאַכט איז מען געגאַנגען אַהיים. ס׳איז שווער געווען איינצושלאָפן: דווקא אין דער שעה פילט מען זיך מער וואַך, ווי שטענדיק. מען דרייט זיך אַרום טיש. מ׳בלעטערט עפעס אַ ביכל. מ׳לאַכט אין אין האַרצן, דערמאָנענדיק זיך עמעצנס אַ וואָרט אָדער באַוועגונג. ס׳איז לאַנגווייליק. מ׳פילט זיך אומגליקלעך. מ׳קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן און אין דער נאַכט פילט מען זיך פשוט פאַרצווייפלט.

קריסטאָף, וואָס האָט געזען קאָלעטן פון צייט צו צייט נאָר עטלעכע שעה און האָט געזען בלויז אייניקע ענדערונגען אין איר שטימונג, — האָט זיך פשוט נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן. ער האָט געפרעגט ביי זיך, ווען איז זי אייגנטלעך אויפריכטיק, צי איז זי אפשר שטענדיק אויפריכטיק אָדער קיינמאָל נישט. אָבער קאָלעט גופא וואָלט אויך אויף דעם נישט געקאָנט ענטפערן. זי איז געווען, פונקט ווי ס׳רוב יונגע מיידלעך, וואָס זענען ביינאַכט נישט מ,ער, ווי שטאַרקע, פאַרנעפלטע תאווה. זי האָט אַליין נישט געוווסט וואָס זי איז. ווייל זי האָט נישט געוווסט, וואָס זי וויל, און זי האָט עס נישט געקאָנט וויסן, ווייל זי האָט עס נאָך נישט איבערגעלעבט. און דעריבער האָט זי געפרווט איבערלעבן מיט דער גרעסטער פרייהייט און מיט דער קלענסטער שרעק פאַר אַ סכנה; און ס׳פלעגט זיך אויסלאָזן דערמיט, וואָס זי פלעגט זיך צופאַסן צו דער סביבה און אָננעמען איר מאָראַלישע מאָס, זי איז נישט געווען אויסקלויבעריש. ביי איר איז רעכט געווען צופרידנצושטעלן יעדערן, אַבי צו האָבן דערפון נוצן. — אָבער בנוגע אַזאַ פריינט, ווי קריסטאָף, איז עס נישט געווען אַזוי לייכט. ס׳האָט אים נישט געאַרט, אויב מ׳האָט די מענטשן, וואָס ער האָט נישט געשעצט אָדער פאַראַכט, געהאַלטן העכער פאַר אים. ער האָט נאָר נישט געוואָלט, מען זאָל אים שטעלן אויף איין הויך מיט זיי. יעדערער האָט זיך זיין געשמאַק, מ׳דאַרף אָבער לפחות האָבן איין געשמאַק.

דער עיקר פלעגט אים פלאַצן דאָס געדולד, בעת קאָלעט האָט מיט גרויס פאַרגעניגן פאַרבעטן צו זיך מיטאַמאָל אַלע מענטשן, וואָס

האָבן געקאָנט קריסטאָפֿן צום שטאַרקסטן אויפֿרעגן: סנאָבן אָן האַרץ, ס׳רובֿ רייכֿע און אין אַלע פֿאַלן — ליידיקגייער, אָדער אַזעלכֿע יונגע־לייט, וואָס האָבן כֿלומרשט געהאַט שטעלעס אין עפּעס אַ מיניסטעריום — אַזוי גוט ווי גאָרנישט. אַלע פֿלעגן שרייבן, על־כּל־פּנים געהאַט פּרעטענזיעס צו שרייבעריי, דאָס איז געווען אין דער דריטער רעפּובליק פּשוט אַ גייסטיקע קראַנקהייט. אָבער קודם כּל זענען זיי אַלע געווען גדלותדיק, איבערגעשפּיצט; קריסטאָפֿן האָט פֿאַרדראָסן, וואָס זיי פֿאַררופֿן זיך אויף גייסטיקע אַרבעט, וואָס איז שווער צו קאָנטראָלירן און גיט די בעסטע געלעגנהייט צו בלאָפֿן. זיי פֿלעגן דערמאָנען זייערע גייסטיקע אַרבעטן נאָר מיט עטלעכֿע באַשיידענע ווערטער אָבער פֿול מיט יראַת הכּבוד. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען דורכֿגענומען מיט דער וויכֿטיקייט פֿון זייער פֿליכֿט און געבויגן אונטער זייער משא. אין די ערשטע צייטן האָט זיך קריסטאָף געפֿילט אין אַ פֿאַרלעגנהייט, ווייל ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, נישט וועגן זייערע ווערק און נישט וועגן זייערע נעמען. ער האָט שעמעוודיק געפּרוווט זיך נאָכֿפֿרעגן אויף זיי; קודם כּל האָט אים אינטערעסירט צו וויסן וועגן די ווערק פֿון איינעם, וואָס פֿון זיינע רייד האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז ער איז אַ דראַמאַטישער קינסטלער. ער איז געווען איבעראַשט, בעת ער האָט זיך דערוווּסט אַז דער דאָזיקער גרויסער דראַמאַטורג האָט געשאַפֿן בלויז איין איינאַקטער, דערצו נאָך באַאַרבעט לויט אַ ראָמאַן, וואָס ער גופֿא איז אויך געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון באַזונדערע נאָוועלן אָדער, ריכֿטיקער געזאָגט, נאָטיצן וואָס זענען פֿאַרעפֿנטלעכֿט געוואָרן אין משך פֿון גאַנצע צען יאָר אין איינער פֿון זייערע צייטונגען. אויך דער באַגאַזש פֿון די איבעריקע איז געווען נישט שטאַרק וואָגיק: עטלעכֿע אַקטן, עטלעכע דערציילונגען, עטלעכֿע לידער. טייל פֿון זיי זענען באַרימט געוואָרן מיט איין אַרטיקל. אַנדערע מיט אַ בוך, „וואָס זיי האָבן ערשט געהאַט בדעה אָנצושרייבן”. צו ווערק מיט אַ לאַנגן אָטעם האָבן זיי געפֿילט אַ פֿאַראַכֿטונג. דאָס גרעסטע געוויכֿט האָבן זיי געלייגט, אַפּנים, אויף דער ווערטערפֿאַרבינדונג אינם זאַץ. דערפֿאַר, אָבער, האָט מען דאָס וואָרט „געדאַנק” געקאָנט הערן אין זייערע שמועסן זייער אָפֿט; נאָר דאָס וואָרט האָט משמעות געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג: ס׳האָט זיך באַצויגן אויף סטיליסטישע דעטיילן. און פֿונדעסטוועגן זענען געווען צווישן זיי גרויסע דענקער און גרויסע איראָניסטן, וואָס האָבן בעתן שרייבן

באַטאָנט און אונטערגעשטראָכן זייערע טיפּזיניקע סובטילע ווערטער כּדי דער לעזער זאָל זיי חלילה נישט איבערהיפּן און נישט פאַרמינערן זייער ווערט.

אַלע האָבן פאַרמאָגט אַ קולט פאַרן „איך”: ס'איז געווען זייער איינציקער קולט. זיי האָבן זיך באַמיט צו געווינען פאַר זיך אָנהענגער, אָבער צום אומגליק איז יעדערער געווען פול מיט זיין אייגענעם „איך”. אין זייער אַרט רעדן, אין זייער גאַנג, רויכערן, לייענען די צייטונג, באַגריסן זיך, אויפהויבן דעם קאָפּ און די אויגן, מיט איין וואָרט — אין זייער יעדער באַוועגונג זענען זיי אויסן געווען צו האָבן פאַר זיך אַן עולם פון צושויער און צוהערער. צו שפּילן, ווי אַקטיאָרן אויף דער בינע איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר יונגע לייט, בפרט ווען זיי פאַרמאָגן נישט קיין שום באַדייטונג, דאָס הייסט, זיי גייען אַרום ליידיק. דער עיקר באַמיען זיי זיך אויסצופיינען פאַר פרויען: ווייל זיי באַגערן זיי, און נאָך מער ווילן זיי דערוועקן אין די פרויען דעם באַגער צו זיך. אָבער אויך מיטן ערשטן בעסטן פאַרבייגייער פלעגן זיי קאָקעטירן — מיט יעדן פרעמדן, אין וועג-באַגעגנטן מענטשן, וואָס מ'האָט געקאָנט פון אים דערוואַרטן בלויז אַן ערשטוינטן בליק. קריסטאָף האָט נישט איינמאָל באַגעגנט די דאָזיקע קליינע פּאַוועס: בילדלעך-מאַכער, ווירטואָזן, יונגע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך געקעמט די האָר לויט באַרימטע פּאָרטרעטן. וואַן-דיק, רעמבראַנד, וועליאַזקער, בעטהאָווען, אָדער לויט דער ראָל, וואָס זיי האָבן בדעה געהאַט צו שפּילן: אַ באַרימטן מאָלער, אַן אָנגעזעענעם מוזיקער, אַן ענערגישן אַרבעטער, אַ טיפן דענקער, אַ ווילן יונג, אַ גראָבן נפש, אַ קינד פון דער נאַטור... גייענדיק פלעגן זיי וואַרפן בליקן אין אַ זייט, כּדי צו זען צי מען באַמערקט זיי. ווען קריסטאָף פלעגט זען, אַז זיי דערנענטערן זיך צו אים, פלעגט ער בייז און גלייכגילטיק אָפּקערן דעם בליק אין אַן אַנדער זייט. אָבער זייער פאַרדרוס פלעגט לאַנג נישט דויערן: אַ פּאָר טריט ווייטער האָבן זיי זיך שוין געבלאָזן פאַר אַ צווייטן פאַרבייגייער. — די מענטשן פון קאָלעטס סאַלאָן זענען געווען מער ראַפינירט: זיי פלעגן זיך פאַרמאַסקירן מיט זייער גייסט, קאָפּירט אַ צוויי דריי טיפּן, וואָס זענען אַליין נישט געווען אָריגינעל, אָדער מיט זייערע באַוועגונגען אויסגעדריקט אַ געוויסע אידעע: כּוח, פרייד, רחמנות, סאָלידאַריטעט, סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, גלויבן, פרייהייט: ס'האָט קיינעם נישט פאַרפעלט קיין ראָל. זיי האָבן פאַרמאָגט דעם טאַלענט

צו מאַכן פון יעדער וויכטיקער אידעע אַ ליטעראַרישן ענין און פון יעדער העלדישער נטיה פון אַ מענטשלעך האַרץ—אַ סאַלאָן דעקאָראַציע, אַ מאָדע קראַוואַט.

אָבער דער עיקר זענען זיי געווען קלאָר באַהאַוונט אין ליבע ענינים. די גאַנצע תענוג-קאַזואיסטיק האָט נישט פאַרמאָגט פאַר זיי קיין שום סודות; אַדאַנק זייער געשיקטקייט פלעגן זיי אויסזוכן פאַרשי־דענע נייע געלעגנהייטן, כדי שפעטער צו האָבן דעם כבוד זיי צו באַזינגען. דאָס איז שוין פון לאַנג געווען זייער באַשעפטיקונג, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער זאַך וואָס צו טון: נישט קאָנענדיק ליבן, האָבן זיי „געפירט ליבעס״, אָבער קודם כל קאָמענטירט די לי־בע אָן אויפהער. זייערע פרושים זענען געווען לענגער פון דעם טעקסט גופא, וואָס איז געווען ביי זיי זייער קליין. די סאָציאָלאָגיע האָט געמוזט שטיין אין דינסט דעם אויסגעלאַסענעם עראָטישן געדאַנק: אַלע פלעגן זיך דעמאָלט באַנוצן מיט די פייגנבלעטער פון דער סאָציאָ־לאָגיע. ביים גאַנצן תענוג, וואָס מ'האָט אַרויסגעצויגן פון די תאוות, האָבן זיי זיך דאָך איינגערעדט, אַז זיי אַרבעטן פאַר די צוקונפטיקע דורות. ס'איז געווען אַ מין ספעציעל-פּאַריזער סאָציאַליזם: דער עראָ־טישער סאָציאַליזם.

איינס פון די פּראָבלעמען, וואָס האָט דעמאָלט לײדנשאַפטלעך אינטערעסירט די דאָזיקע ליבע-געזעלשאַפט, איז געווען די גלייכהייט פון די פרויען און מענער אינם משפחה-לעבן און אין די רעכט פון ליבע. עטלעכע סקאַנדינאַווען אָדער שווייצאַריער, אָרנטלעכע יונגעלייט, מוטיקע פּראָטעסטאַנטן און אַ ביסל לעכערלעכע, האָבן געפּרעדיקט די גלייכהייט אין דער צניעות: די מענער מוזן אַרייַן אין פאַמיליען-לעבן פונקט אַזוי ריין, ווי די יונגפרויען. די פּאַריזער קאַזואיסטן האָבן גע־פאָדערט אַן אַנדער מין גלייכהייט, גלייכהייט אין אומריינעם לעבן: די פרויען דאַרפן אַרײַן אין פאַמיליען לעבן באַפלעקט, ווי די מע־נער, — דאָס רעכט צו האָבן געליבטע. די פּאַריזער איז נמאס גע־וואָרן אייביק צו פאַראַטן זייערע פרויען. אין דער ליטעראַרישער וועלט איז מען געקומען מיט אַ נייעם איינפאַל: פּראָסטיטוציע פון יונגע מיידלעך, דאָס הייסט: לעגאַליזירטע פּראָסטיטוציע, געזעלשאַפט־לעכע, כשרע, צניעותדיקע, רויקע און קודם כל סאָציאַלע. אַ טאַלענ־טירט בוך, וואָס איז נישט לאַנג דערשינען, איז געוואָרן דער אויטאָ־ריטעט אין די ענינים. אויף פירהונדערט זייטן האָט ער מיט באַרע־

ז׳עוודיקן פעדאַנטיזם באַהאַנדלט „אַלע כּללים פון דעם באַקאַנישן מע־טאָד״, וועגן דער „בעסטער באַפרידיקונג פון דער תאווה״. דאָס איז געווען אַ תורה פון פרייע ליבע, ווו ס׳האָט זיך אָן אויפהער געהאַנדלט וועגן עלעגאַנץ, ריינקייט, גוטן געשמאַק, איידלקייט, שיינקייט, אמת, בושה, מאָראַל. ס׳איז געווען אַ לערן־בוך פאַר יונגע סאַלאָן־דאַמען, וואָס האָבן געוואָלט קאַליע ווערן. — אָט דאָס דאָזיקע עוואַנגעליום האָט אין קאָלעטס סאַלאָן געהאַט גרויס ערפאָלג, מ׳האָט געכאַפּט דערפון התפעלות און צעלייגט יעדע זאַך אויף טעלערלעך. פאַרשטייט זיך, אַז פונקט ווי אַלע שילער, האָבן זיי זיך נישט געהאַלטן שטרענג ביים טעקסט, נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פּאַראַדאָקסן, סאָציאַלע אומ־מענטשלעכע אויפפאַסונג פון דעם פּראָבלעם, נאָר אויסגעקליבן דאָס פּסולת. פון אָט דעם בלומען־גאָרטן האָבן זיי געפליקט די פּאַרסמטע — אַפאָריזמען פון דעם מין: „דער געשמאַק פון דעם תענוג, פאַרשטאַרקט דעם פאַרגעניגן פון דער אַרבעט״. — „ס׳איז שרעקלעך, ווען אַ מיידל ווערט אַ מוטער איידער זי טרינקט אויס דעם תענוג ביזן דעק״; — „ווען אַ פרוי האָט אַ צניעותדיקן מאַן, האָט זי אַ נאַטירלעכע צוגריי־טונג צו אַ באַטראַכטער מוטערשאַפט״; — די ראָל פון אַ מוטער איז „צו אָרגאַניזירן די פרייהייט פון אירע טעכטער מיט דער זעלבער איידלקייט און זאָרגעוודיקייט, מיט וועלכע זי פאַרטיידיקט די פרייהייט פון אירע זין״; — און אַז ס׳וועט קומען אַ צייט „ווען די מיידלעך וועלן זיך נישט שעמען צו קומען אַהיים פון זייערע געליבטע, פונקט ווי זיי שעמען זיך נישט איצט צו קומען פון דער לעקציע אָדער אַ טיי־אויפנאַמע ביי אַ פריינדין״.

קאָלעט האָט מיט געלעכטער דערקלערט, אַז די דאָזיקע עצות זענען זייער ריכטיקע.

קריסטאָף איז געווען זייער פאַרביטערט אויף די פאַרשלאַגן. ער האָט איבערגעטריבן זייער ווילטיקייט און דאָס בייזע, וואָס זיי קאָנען גורם זיין. די פראַנצויזן זענען צו געשיקט צו פאַרוועגדן זייער לי־טעראַטור אין דער פּראַקטיק. אָט די אַלע קליינע דידעראָטן זענען אין זייער טאָגטעגלעכן לעבן, פונקט ווי זייער געניאַלער מוסטער, אָרנט־לעכע בירגער, נאָך פרומער ווי אַנדערע. דווקא דערפאַר, וואָס זיי זענען שעמעוודיק אין לעבן, איז פאַר זיי אַן אמתע פאַרוויילונג צו דערפירן אָט די מעשים אין דער פאַנטאַזיע, ביז די גרענעצן פון דער מעגלעכ־קייט, ס׳איז אַ שפּיל, ווו מ׳ריזיקירט גאָרנישט.

אָבער קריסטאָף איז נישט געווען קיין פראַנצויזישער דילעטאַנט.

צווישן די יונגע לייט, וואָס האָבן אַרומגערינגלט קאָלעטן, איז געווען איינער, וואָס איז, משמעות, געווען צום הארצן מער, ווי די איבעריקע. נאַטירלעך האָט קריסטאָף דווקא אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

ער איז געווען אַ זון פון אויפגעקומענע קליין-בירגערלעכע גבירים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַריסטאָקראַטישער ליטעראַטור און ווילן דווקא זיין פּאַטריצער פון דער דריטער רעפּובליק. זיין נאָמען איז געווען לוסיען-לעווי קער. זיינע אויגן זענען געווען דערווייטערטע איינס פון דאָס אַנדערע און פאַרמאָגט אַ שאַרפן בליק, זיין נאָז אויסגעבויגן, שטאַרקע ליפּן, אַ בלאָנד בערדל, פאַרשפּיצט אַלאַ וואַן-דיק, אויפן קאָפּ אַן אָנהויב פון אַ פּליך, וואָס האָט אים, אגב, גאַנץ גוט געקליידט; זיין אַרט רעדן איז געווען זיס און ווייך, זיינע באַוועגונגען — עלעגאַנט. ער האָט געהאַט ווייכע איידעלע הענט, וואָס זענען פשוט צעגאַנגען אין דיין האַנט. ער האָט שטאַרק מדקדק געווען אין ענינים פון העפלעכקייט, פון איבערגעטריבענער עלעגאַנץ, אַפילו לגבי די, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אָנקוקן און וואָלט זיי גערן דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער.

קריסטאָף האָט אים שוין אַמאָל געזען בעתן מימאָג פון די שרייבער, אויף וועלכן סילווען קאָן האָט אים געהאַט מיטגענומען; און הגם זיי האָבן דעמאָלט נישט אויסגעטוישט צווישן זיך קיין האַלבן וואָרט, האָט אָבער בלויז דער קלאַנג פון זיין שטים דערוועקט אין קריסטאָפן אַ געפיל פון עקל, וועלכן ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט דערקלערן, נאָר ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען זיינע טיפע סיבות. פאַראַן ליבע, וואָס קומט מיטן ערשטן בליק. פאַראַן אויך אַזאַ שנאה, אָדער — כדי נישט צו באַליידיקן די דאָזיקע מענטשן, וואָס אַזאַ וואָרט קאָן זיי, פּונקט ווי אַלע שטאַרקע ווערטער, איבערשרעקן — דער אינסטינקט פון אַ געזונטן מענטשן, וואָס דערפילט אַ שונא און פאַרטיידיקט זיך.

אין קריסטאָפס אויגן איז לעווי-קער געווען דער סימבאָל פון

חוזק און צערשטערונג, וואָס גראָבט אונטער פֿאַמעליעך, העפֿלעך, געלאַסן אַלץ, וואָס אין דער אונטערגייענדיקער אַלטער געזעלשאַפֿט איז פֿאַראַנען גרויסעס: פֿאַמיליע, חתונה. רעליגיע, פֿאטערלאַנד; און אין דער קונסט — אַלץ וואָס איז מענלעך, ריין, געזונט נאַציאָנאַל; אַ מענטש, וואָס מאַכט חרוב יעדן גלויבן אין אַן אידעע, אין געפֿילן, אין גרויסע לייד, אין דעם מענטשן. ער האָט געהאַט בלויז איין כּוונה: דעם מעכאַנישן פֿאַרגעניגן צו צערשטערן, חרוב צו מאַכן ביזן גרונט, אַמין בהמישע באַדערפֿעניש צו צעפֿרעסן דעם געדאַנק, אַ מין אינסטינקט פֿון אַ וואָרים. און צוזאַמען מיט אָט דעם אידעאַל פֿון אַ גייסטיקן שטשור, האָט ער פֿאַרמאָגט די חושמדיקייט פֿון אַ גאַסן-מיידל, אָבער פֿון אַ ליטעראַריש גאַסן-מיידל, ווייל ביי אים פֿלעגט אַלץ פֿאַרוואַנדלט ווערן אין ליטעראַטור. פֿאַר אים איז אַלץ געווען ליטעראַרישער שטאָף — זיין דערפֿאָלג ביי פֿרויען, זיינע חסרונות און די חסרונות פֿון זיינע חברים. ער האָט געשריבן ראָמאַנען און דראַמען, ווו ער האָט מיט פֿיל טאַלענט געשילדערט דאָס פּריוואַטע לעבן פֿון זיינע עלטערן, זיינע אינטימע אַוואַנטורעלעך, די אַוואַנטורעס פֿון זיינע פֿריינט און זיינע אייגענע אַוואַנטורעס, זיינע ליבע-באַציונגען, ווי אויך זיינע אַ באַציונג מיט דער פֿרוי פֿון זיין בעסטן פֿריינד. די בילדער זענען געווען געשילדערט קינסטלעריש, יעדער האָט געקרימט זיין פּינקטלעכקייט: דער עולם, די פֿרוי און די פֿריינט. ער האָט נישט געקאָנט געניסן פֿונם צוטרוי אָדער ליבע פֿון אַ פֿרוי, ער זאָל עס שפּעטער נישט דערציילן אין אַ בוך. — ס'וואָלט אויסגעקומען נאַטירלעך, ווען די אַנטפּלעקינג פֿון אָט די סודות שאַפֿט אַ בייז לעבן צווישן אים און די פֿריינד. אָבער דאָס פֿלעגט דווקא קיינמאָל נישט געשען: זיי האָבן זיך נאָר געפֿילט אַ ביסעלע שלעכט, לפֿנים פּראָטעסטירט, אָבער אין האַרצן שטאַרק צעפֿרידן געווען, וואָס מ'ווייזט זיי אַזוי נאַקעט פֿאַר דער וועלט; זייער געפֿיל פֿון בושה איז נישט געווען געטראָפֿן, אויב מען האָט זיי נאָר איבערגעלאָזט די מאַסקע אויפֿן פּנים. פֿון זיין זייט איז די דאָזיקע רכילות בשום אופֿן נישט געווען קיין נקמה-אַקט, און נאָך סקאַנדאַלן איז ער אויך נישט געווען שטאַרק להוט. ער איז נישט געווען קיין ערגערער ליבהאָבער פֿון אַלע איבעריקע מענטשן. אין יענע קאַפּיטלען פֿון זיינע ביכער, ווו ער האָט מיט חוצפּה אָפּגעדעקט די שאַנד פֿון זיין פֿאָטער, מוטער און געליבטע, זענען געווען זייטן, ווו ער האָט גערעדט פֿון זיי צערטלעך

מיט פּאָטישער שיינקייט. אין דער אמתן האָט ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן משפּחה־אינסטינקט, נאָר געהערט צו יענע מענטשן, וואָס אויב זיי ליבן עמעצן, קאָנען זיי פאַר אים קיין דרך ארץ נישט האָבן; פאַרקערט — וואָס מער ער האָט געקאָנט עמעצן פאַראַכטן, אַלץ מער האָט ער אים ליב געהאַט; דער אָביעקט פון זיין ליבע האָט אים דעמאָלט אויסגעזען נענטער, מענטשלעכער. אזעלכע סאלאָן־מענטשן זענען לחלוטין נישט פעיק צו באַגרייפן הערָאיזם און דער עיקר—ריינקייט. זיי זענען גרייט ביידן צו האַלטן פאַר אַ ליגן אָדער אַ מין שוואַכקייט. דערצו זענען זיי נאַטירלעך זיכער, אַז זיי פאַרשטייען די גרויסע קינסטלער צום בעסטן, און משפּטן זיי מיט אינטימער אַפּיטרופּסית.

לעווי־קער איז געווען אויסגעצייכט צוגעפּאַסט צו די פאַרדאָרבענע יונגע־לייט פון די רייכע, ליידיקגייערישע, קליין בירגערליכע קרייזן: ער איז געווען פאַר זיי אַ טרייער חבר, א מין אויסגעלאַסענע דינסט, נאָר פרייער און קלוגער. זיי פלעגן זיך אים אונטערגעבן, און ער האָט געטון מיט זיי וואָס ער האָט געוואָלט. פאַר אים האָבן זיי זיך נישט געשעמט, און מיט פּסיכעס לאָמפּ אין דער האַנט האָבן זיי נייגעריק שטודירט דעם גאַקעטן אנדרוגינוס, וואָס האָט געלאָזט טון מיט זיך, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

קריסטאָף האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קען זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט גוט פילן אַזאַ יונג מיידל, ווי קאָלעט, וואָס פארמאָגט, משמעות, איידעלע מעלות און אַ שטארקן ווילן צו אנטלויפן פון אָט דעם שמוציקן לעבן. קריסטאָף איז נישט געווען באהאוונט אין דער פאָרשונג פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. אין דעם פּרט האָט אים לוסיען לעווי־קער אָן אַן ערך איבערגעשטיגן. קאָלעט פלעגט זיך אָנפארטרויען קריסטאָפן, אָבער לוסיען לעווי־קער פלעגט זיך אָנפארטרויען קאָלעטן. דאָס האָט אים געגעבן די איבערוואָג. דער פרוי איז אָנגענעם צו וויסן, אז זי האָט צו טון מיט א מאן, וואָס איז שוואכער פון איר. דאָס באפרידיקט קודם כּל אירע נידעריקע אינסטינקטן. און גלייכצייטיק אויך דעם שענסטן איסטינקט: דעם מוטערלעכן. לוסיען לעווי־קער האָט זייער גוט געוווּסט: איינס פון די זיכערסטע מיטלען צו געווינען דאָס הארץ פון א פרוי איז אָנצורירן אין איר נשמה די דאָזיקע מיסטעריעזע סטרונע, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט קאָלעט געפילט, אז זי גופא פארמאָגט אינסטינקטן, מיט וועלכע זי האָט זיך נישט וואָס צו גרויסן, נאָר זי איז געווען שוואך, כּמעט

פּדנותדיק און האָט זיי אין זיך נישט דערשטיקט. דעריבער איז איר אָנגענעם געווען אויסצוהערן די ווידוייס פון אירע פריינד, וואָס האָבן איר אויפגעוויזן, אַז אויך אנדערע זענען, ווי זי, און אַז מען דאַרף שלום מאכן מיט דער מענטשלעכער נאַטור. זי האָט זיך פאַר־גונען דאָס פאַרגעניגן נישט צו ראַנגלען זיך מיט אירע אָנגענומענע נייגונגען, נאָר צו זאָגן זיך, אַז אזוי מוז זיין, אַז אזוי איז קלוגער, אַז מען דאַרף נישט זיין בייז דערויף, נאָר פאַרקערט, מען דאַרף מוותר זיין אויף אַ זאַך, וואָס מען קאָן זי נישט — „ליידער" — איינ־האַלטן. ס׳איז געווען אַזאַ מין חכמה, וואָס איז לייכט אויסצופירן אין דער פּראַקטיק.

ווער עס קוקט זיך רויק צו צום לעבן, פילט זיך שטאַרק אָנ־געריגט פון די אייביקע סתירות אין דער געזעלשאַפט, צווישן דער עקסטרעמער ראַפינירטקייט פון דער אויסערלעכער ציוויליזאַציע — און דער אינערלעכער חיהשקייט. אין יעדן סאַלאָן, אויב זיינע באַ־זיכער האָבן נאָר נישט קיין נשמות פון שטיין, קאָן מען באַמערקן צוויי שיכטן, וואָס ליגן איינע אויף דער אנדערער, צוויי מינים גע־שפּרעכן: איינער—ער איז אַלעמען באַקאַנט — קומט פאָר צווישן די אינטעליגענטן, דער צווייטער — וואָס נישט אַלע ווייסן וועגן אים און וואָס איז דאָך דער שטאַרקסטער — צווישן די חיות. אָט די צוויי געשפּרעכן זענען זיך אָפט מאָל סותר איינער דעם צווייטן. בעת די גייסטער טוישן אויס צווישן זיך, לויט אַן אָפּמאַך, קליינע מטבעות, רעדן די קערפּער וועגן ליידנשאַפט, אָפּשטויס, אָדער נאָך אָפטער וועגן נייגעריקייט, לאַנגווייל און עקל. די חיה אין מענטשן חלומט שטענדיק וועגן רויב, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז דרעסירט געוואָרן דורך דער הונדערטער יעריקער ציוויליזאַציע און איז פאַרטעמפּט געוואָרן, פּונקט ווי די לייבן אין שטייג. אָבער קריסטאָף האָט נאָך נישט דער־גרייכט אָט די דאָזיקע גייסטיקע גלייכגילטיקייט, וואָס קומט צוזאַמען מיט דער זיקנה און מיטן אָפּשטאַרבן פון אַלע ליידנשאַפטן. ער האָט זיך באַצויגן זייער ערנסט צו זיין ראָל — צו טרייסטן קאָלעטן. זי האָט ביי אים געבעטן הילף. און ער האָט געדאַרפט צוזען, ווי זי שטעלט זיך אַליין אין געפאַר. דעריבער האָט ער נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין פיינדלעכע באַציונג צו לוסיען לעווי קער. יענער האָט זיך תחילת באַצויגן צו קריסטאָפן מיט איבערגעטריבענער איראָנישער העפלעכקייט. ער האָט אויך דערפילט אַ שונא, נאָר נישט געהאַלטן עס פאַר קיין געפאַר: פלומרשט אָן שום כוונות פלעגט ער אים

דערפירן ביז לעכערלעכקייט. ער האָט מער נישט פאַרלאַנגט, נאָר קריסטאָף זאָל אים אַרויסווייזן אַביסל אָנערקענונג, און זיי וואָלטן זי־כער געבליבן אין גוטע באַציונגען, אָבער אויף דעם האָט ער זיך נישט געקאָנט ריכטן. ער האָט געפילט, אַז קריסטאָף קאָן זיך נישט באַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע. דעמאָלט איז לוסיען לעווי־קער אַריבער פון גאַנץ אַבסטראַקטער געדאַנקען־אָפּאָזיציע צו אַ פּערזענלעכן, פאַר־באַהאַלטענעם קאַמף איבער קאָלעט.

זי האָט אויפגעהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט צווישן אירע ביידע פריינד. קריסטאָף איז איר געפעלן געוואָרן מיט זיין טאַלענט און מאָראַלישער איבערוואָג; אָבער אויך די אַמוזאַנטע אוממאָראַלישקייט פון לוסיען קער זענען איר געוועזן צום האַרצן. און דעם אמת זאָגנ־דיק, האָט עס זי מער געוויילט, ווי קריסטאָף. קריסטאָף פלעגט איר זאָגן מוסר: זי פלעגט אויסהערן מיט אַ רירנדיקער הכנעה, וואָס האָט אים אַנטוואָפנט, זי איז געווען אַ גאַנץ ווויל מיידל, נאָר מחמת שוואַכ־קייט און גוטסקייט — נישט אויפריכטיק. טיילווייז האָט זי געשפּילט אַ קאָמעדיע: זי האָט זיך געוואָרט איינרעדן, אַז זי טראַכט פּונקט ווי קריסטאָף. זי האָט גוט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אַזאַ פריינד, אָבער קיין קרבן פאַר דער דאָזיקער פריינדשאַפט האָט זי נישט געהאַט בדעה צו ברענגען; פאַר קיין זאַך און פאַר קיין מענטשן וואָלט זי נישט געבראַכט קיין קרבן; זי האָט פשוט געטון דאָס, וואָס איז איר געווען באַקוועמער. דעריבער האָט זי פאַרהוילן פאַר קריסטאָפן, אַז זי נעמט שטענדיק אויף לוסיען לעווי־קערן; זי האָט ליגן געזאָגט מיט דער נאַטירלעכקייט פון די יונגע סאַלאָן־פרויען, וואָס האָבן זיך פון קינד־ווייז אָן איינגעאַרבעט אין דער דאָזיקער קונסט: זי איז בלי ספק נויטיק פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל איינהאַלטן אַלע פריינד צוזאַמען און יעדן איינעם צופרידנצושטעלן. פאַר איר אייגענעם געוויסן פלעגט זי זיך פאַרענטפערן, אַז זי וויל נישט קריסטאָפן אָנטון קיין צער; אָבער אין דער אמתן האָט זי געפילט, אַז ער איז גערעכט און אַז פונדעס־טוועגן טוט זי, וואָס איר געפעלט, נישט שפּאַרנדיק זיך לחלוטין מיט קריסטאָפן. קריסטאָף פלעגט טיילמאָל חושד זיין, אַז זי נאַרט אים אָפּ, און פלעגט זיך שטאַרק בייזערן. אָבער זי פלעגט ווייטער שפּילן, ווי אַ קליין צעפּיעשטשעט מיידעלע, וואָס איז אָנגעבלאָזן און פאַראומערט; זי פלעגט מאַכן צו אים חנדלעך — feminae ultima ratio. — דער געדאַנק, אַז זי קאָן פאַרלירן קריסטאָפס פריינדשאַפט, האָט זי באמת

ווי געטון, און דערפאַר האָט זי זיך באַמיט צו זיין גלייכגילטיק אי ערנסט אי רייצנד; אויף אַזאַ אופן פלעגט זי באמת אַנטוואָפנען קריסטאָפן אויף אַ געוויסע צייט. אָבער פריער אָדער שפעטער האָט זיך עס געמוזט ענדיקן מיט קריגערייען. צו קריסטאָפס אויפגעבראַכט־קייט האָט זיך אָן זיין וויסן צוגעמישט אַ ביסעלע אייפערזוכט, פונקט ווי אין קאָלעטס חניפהדיקער האַלטונג איז געווען אַ ביסעלע, אַ קליין ביסעלע ליבע. דער אויסברוך האָט געדאַרפט זיין זייער אַ שטאַרקער.

איינמאָל, ווען קריסטאָף האָט געכאַפּט קאָלעטן ביי אַ נייען ליגן, האָט ער עס געשטעלט אויפן שפיץ מעסער: אויסצוקלויבן צווישן לוסיען לעווי־קער און אים. זי האָט זיך באַמיט אויסצומיידן אַן ענטפער און פאַררופן זיך אויף איר רעכט, צו באַזיצן וויפיל פריינד זי וויל. זי איז געווען גערעכט, און קריסטאָף האָט אַ טראַכט געטון, אַז ער מאַכט זיך לעכערלעך; אָבער ער האָט אויך געוווסט, אַז ער שטעלט איר זיינע פאָדערונגען נישט נאָר צוליב אייגנליבע: אין האַרצן האָט ער געהאַט צו קאָלעטן אַן אויפריכטיק געפיל; ער האָט זי געוואָלט ראַטעווען אַפילו קעגן איר אייגענעם ווילן. דערפאַר איז ער אַזוי אומ־געלומפּערט צוגעשטאַנען, זי זאָל אויסקלויבן. זי האָט זיך גענוי אונצן.

זי האָט זישט געוואָלט ענטפערן. ער האָט געפרעגט:

— קאָלעט, צי ווילט איר, מיר זאָלן אויפהערן צו זיין פריינד?

זי האָט געענטפערט:

— ניין, ניין, איך בעט אייך, לאָמיר דערפון נישט רעדן. ס'וואָלט מיר זייער ווי געטון, ווען איר הערט אויף צו זיין מיין פריינד.

— אָבער איר ווילט דאָך פאַר אונזער פריינדשאַפט נישט מקריב זיין אַפילו דעם מינדעסטן קרבן.

— קרבן! ס'אַראַן אומזיניק וואָרט! — האָט זי געזאָגט. — צו וואָס מוז מען עס שטענדיק עפּעס מקריב זיין פאַר אַנדערע? דאָס זענען נאַרישע, קריסטלעכע אידעען. אייגנטלעך זענט איר, אָן אייער וויסן, אַן אַלטער קלעריקאַל.

— גאַנץ מעגלעך, — האָט ער געזאָגט — לויט מיין מיינונג. דאַרף זיין אָדער אינגאַנצן דער אָדער אינגאַנצן יענער. צווישן גוטס און שלעכטס איז אויך נישטאָ קיין שום פשרה.

— יאָ, איך וויס עס. — האָט זי געזאָגט. — דערפאַר האָב איך אייך ליב. כ'האָב אייך באמת ליב, נאָר....

— נאָר איר האָט ליב אויך יענעם?

זי האָט זיך צעלאַכט, אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ פּאָר צערט-לעכע אויגן און מיט איר סאַמער זיסטער שטים געזאָגט:

— בלייבט!

ער איז גרייט געווען אויך דאָסמאָל נאָכצוגעבן. נאָר גראָד איז אַריינגעקומען לוסיען לעווי-קער, און די זעלבע צערטלעכע אויגן און די זעלבע זיסע שטים האָבן אים אויך אויפגענומען. קריסטאָף האָט שווייגנדיק זיך צוגעקוקט אַ געוויסע צייט צו קאָלעטס קאָמעדיעלעך; שפּעטער איז ער אַוועק מיטן שטאַרקן באַשלוס איבערצורייסן מיט איר די באַציונגען. ס'איז אים געווען אומעטיק. ס'איז געווען אַזוי נאַריש, זיך אָן אויפהער צוצובינדן צו מענטשן און כסדר דורכצופאַלן!

ער איז אַוועק אַהיים און אויף אַ מעכאַנישן אופן איינגעלעגט די ביכער. צופעליק האָט ער געעפנט די ביבל און איבערגעלייענט:

„... און גאָט האָט געזאָגט: ווייל די טעכטער פון ציון גייען אַרום שטאָלץ, מיט פאַרריסענע העלזער, און ווינקען מיט די אויגן, און גייען מיט קליינע טריטעלעך, און זייערע פיס קלינגען מיט די שנאָלן. —

וועט גאָט דער האַר הויל מאַכן די קעפּ פון די טעכטער פון ציון. און גאָט וועט אַראָפּרייסן פון זיי זייערע טייערע קליידער...”

ער האָט זיך צעלאַכט, טראַכטנדיק וועגן קאָלעטס חנדלעך, און ער האָט זיך געלעגט שלאָפן אין אַ גוטער שטימונג. דערנאָך האָט ער געטראַכט, אַז פונדעסטוועגן איז ער שוין אַליין, מסתּמא, אָנגע-שטעקט מיט דער פּאַריזער פאַרדאָרבנקייט, אויב די ביבל איז געוואָרן פאַר אים אַ קאָמישע זאַך. דאָך האָט ער אין זיין בעט נישט אויפגע-הערט איבערצוחזרן די סענטענץ פון דעם גרויסן שפּאַסנדיקן שופט, און געפּרוווט זיך פאָרשטעלן אין דמיון די ווירקונג פון אָט דער שטראָף אויף זיין יונגער פריינדין. ער איז איינגעשלאָפן, לאַכנדיק ווי אַ קינד. ער האָט שוין פאַרגעסן וועגן זיין פרישן צער. איין דאגה מער, איין דאגה ווייניקער... ער איז שוין געווען צוגעוווינט.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען קאָלעט שפּילן, נאָר פון

יענעם טאָג אָן האָט ער מער נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס זי האָט אים פֿאָרגעלייגט, ווייטער צו פֿירן זייערע פֿריינדלעכע שמועסן. אומזיסט האָט זי זיך גענומען צום האַרצן, אומזיסט זיך באַליידיקט און געוואָלט ווירקן מיט אירע שטיקלעך: ער איז געווען פֿאַרעקשנט. אַ צייט זענען זיי געווען ברוגז. לסוף האָט זי געפֿינען אַן אויסרייד צו פֿאַרקלענערן די צאָל שעהן, און ער האָט אויך געפֿונען אַן אויסרייד זיך אַרויסצודרייען פֿון די איינלאַדונגען אויף די אָוונטן ביי די סטעוואַנס.

ער איז שוין געווען איבערגעפּרעסן מיט דער פּאַריזער געזעלשאַפֿט, נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן איר פּוסטקייט, ליידיקגייעריי, מאָראַלישע שוואַכקייט, נעווראַסטעניע, איבערגעטריבענער קריטיק אָן אַ גרונט און אָן אַ ציל, וואָס פֿרעסט זיך אַליין אויף. ער האָט געפֿרעגט ביי זיך, ווי אַזוי קען אַ פֿאָלק לעבן אין אַזאַ טויטער אַטמאָספֿער פֿון קונסט לשם קונסט און פֿאַרגעניגן צוליב פֿאַרגעניגן. און דאָך האָט דאָס פֿאָלק געלעבט, געווען אַמאָל גרויס און אויך איצט שפּילט עס אַ גרויסע ראָל אויף דער וועלט; לפּחות, אַזוי האָט אויסגעזען פֿון דערווייטן. פֿון וואַנעט האָט דאָס פֿאָלק געשעפּט כּוח צו לעבן? עס גלויבט דאָך נישט אין קיין זאַך, אויסער אין תּענוג...

ווען קריסטאָף האָט אַזוי געטראַכט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין גאַס אויף אַ המון מענער און יונגע פֿרויען, וואָס האָבן געשלעפּט אַ וואָגן, אין וועלכן ס׳איז געזעסן אַן אַלטער גלח, וועלכער האָט געטיילט ברכות אויף רעכטס און אויף לינקס. אַ ביסל ווייטער האָט ער געזען פֿראַנצויזישע זעלנער, וואָס האָבן מיט העק אין די הענט געמאַכט זיך אַ וועג דורך די טירן פֿון אַ קירכע, בעת אינווייניק האָבן הערן מיט אָרדערס זיך פֿאַרטיידיקט מיט אויפֿגעהויבענע שטולן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די פֿראַנצויזן גלויבן נאָך אין עפּעס, אָבער נאָך נישט פֿאַרשטאַנען אין וואָס. מ׳האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די מלוכה צעגייט זיך מיט דער קירכע נאָך אַ גאַנצן יאָרהונדערט שלום-בית. און אַזוי ווי די קירכע וויל נישט אָפּטרעטן מיט גוטן, ווייזט די מלוכה דעם כּוח פֿון איר געזעץ און פֿויסט ביי דער דאָזיקער טיר. קריסטאָף האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז זייער נישט העפֿלעך, נאָר ער איז געווען אַזוי אויפֿגעבראַכט אויף דעם אַנאַרכישן דילעטאַנטיזם פֿון די פּאַריזער קינסטלער, אַז ער האָט זיך געפֿרייט צו געפֿינען מענטשן, וואָס זענען גרייט

צו שפּאַלטן קעפּ, מעג זיין צוליב וואָס פאַר אַ סיבה עס איז, און אפילו אָן אַ סיבה.

בקרוב האָט ער דערזען, אַז אַזעלכע מענטשן זענען אין פראַנקרייך דאָ אַ סך. די פּאָליטישע צייטונגען ליפערן זיך מלחמות, פּונקט ווי האָמערס העלדן; יעדן טאָג רופן זיי צו אַ בירגער-קריג. דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז על פּי רוב פלעגט זיך עס ענדיקן מיט ווערטער, און נאָר אין זעלטענע פאַלן איז געקומען צו קלעפּ. דאָך האָבן נישט געפעלט קיין נאַיווע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט דווקא אויספירן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן. מ'האָט געקאָנט זען אינטערעסאַנטע בילדער: דעפּאַרטאַמענטן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּרייסן פון פראַנקרייך, אַנטלאָפענע רעגימענטן, פאַרברענטע פּרעפעקטורן, שטייער-מאָנער אויף פערד רייטנדיק, וואָס האָבן געפירט גרופּעס זשאַנדאַרן, פויערן, באַוואָפנטע מיט קאָסעס, האָבן געטראָגן אין די הענט קעסלען קאָכעדיק וואַסער צו פאַרטיידיקן די באַרויבטע קירכעס, וואָס די פרייזיניקע האָבן אין נאָמען פון דער פרייהייט געוואָלט חרוב מאַכן; מ'האָט געקאָנט זען פאָלקס-רעטער, וואָס זענען געזעסן אויף בוימער און פון דאָרטן געהאַלטן דרשות צו די אַרבעטער פון דרום-ווייגערטנער, וואָס האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן די צפונדיקע אַלקאָהאָל-פּראָווינצן, דאָ און דאָרט האָבן טויזנטער מענטשן געדראָט מיט די פויסטן, רויט פון שרייען, און געשלאָגן איינער דעם אַנדערן מכּות-רצח, די רעפּובליק האָט געחנפעט די מאַסן — און דערנאָך אַרויס קעגן זיי מיט געווער. דאָס פאָלק פון זיין זייט האָט געשפּאָלטן עטלעכע מענטשן די קעפּ— אָפיצירן און סאָלדאַטן. אָט אַזוי האָט איין זייט אויפגעוויזן דער אַנדערער, אַז איר איבערצייגונג איז ריכטיקער און—אַז איר פויסט איז שטאַרקער. בעת מ'האָט געקוקט אויף דעם פון דערווייטן, דורך די ברילן פון די צייטונגען, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די צייט האָט זיך אַ רוק געטון אויף צוריק מיט זייער פיל דורות. קריסטאָף האָט אַנטדעקט, אַז פראַנקרייך—דאָס סקעפּטישע פראַנקרייך, — איז אַ פאַנאַטיש פאָלק. נאָר ס'איז געווען אוממעגלעך צו וויסן אין וועלכן זין. זיי זענען קנאים — צי אויף דער זייט פון דער רעליגיע, צי קעגן איר? פאַרן שכל, צי קעגן אים? פאַרן פאָטערלאַנד, צי קעגן אים?—זיי זענען געווען קנאים אין יעדן זין. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען פאַנאַטיקער לשם פאַנאַטיזם.

איינמאָל אין אָוונט האָט ער זיך צערעדט מכוח אָט דער פראַ־
גע מיט אַ סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט. וועלכן ער פלעגט אָפטמאָל טרעפן
ביי די סטעוואַנס. הגם ער האָט מיט אים שוין נישט איינמאָל גע־
רעדט, האָט ער דאָך נישט געקענט דעם דאָזיקן מענטשן; ביז איצט
פלעגן זיי רעדן נאָר וועגן מוזיק. ער האָט זיך געחידושט, בעת מען
האָט אים דערציילט, אַז דער דאָזיקער סאַלאָן־מענטש איז אַן אָנפירער
פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אַכיל רוסען איז געווען אַ שיינער מענטש מיט אַ בלאָנדער באָרד,
הייזעריקער שטים, פרישער הויט, האַרציקע באַוועגונגען, אַ געוויסער
עלעגאַנץ, געמישט מיט וואולגאַריטעט. די באַוועגונגען פון אַ פויער
פלעגן פון צייט צו צייט אויסגעבן זיין אָפּשטאַמונג: ער האָט געהאַט
אַ באַזונדערע טבע צו רייניקן די נעגל אַלעמען אין די אויגן
און דערצו די פּאָפּולערע געוויינהייט אָנצוכאַפּן דעם מענטשן מיט
וועלכן ער רעדט, פאַרן לאַץ, פאַר אַ האַנט אָדער צו גלעטן אים אי־
בער די אָרעמס. ער איז געווען אַ גרויסער פרעסער, אַ גרויסער טרינ־
קער. אַ לעבעדיקער, אַ לאַכעדיקער, מיט אַפּעטיטן פון אַ פאָלקס־מענטש,
וואָס שטרעבט צו מאַכט; ער איז געווען בויגעוודיק, מיט אויסערגע־
וויינלעכער געשיקטקייט, געענדערט זיינע באַציונגען צו דער סביבה
און צוגעפּאַסט זיך צו יעדן מענטשן; ער פלעגט רעדן מיט ישוב־
הדעת, האָט ליב געהאַט יענעם אויסצוהערן און זיך צוגעפּאַסט צו
אַלץ, וואָס ער האָט געהערט; דערביי איז ער געווען אַ סימפּאַטישער,
אינטעליגענטער מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, הן צוליב
זיין נאַטירלעכער נייגונג, הן צוליב איינגערעדטער נייגונג און — צוליב
גדלות; ער איז געווען ערלעך, נאָר אויף וויפל זיינע אינטערעסן האָבן
נישט געפאָדערט דעם היפוך און וווּ ס'האָט אים נישט געדראָט קיין
שום סכנה.

ער האָט געהאַט אַ שיינע פרוי. וואָס איז געווען הויך, פיין
געבויט מיט אַן עלעגאַנטער טאַליע. נאָר אַ ביסל איינגעצויגן פון אירע
טייערע קליידער, וואָס האָבן בולט געמאַכט אירע געזונטע גלידער;
איר פּנים איז געווען אַרומגערינגלט מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר;
זי האָט פאַרמאָגט, שוואַרצע, גרויסע אויגן, אַביסל אַן אויפגעהויבענעם קין
און אַ ברייט פּנים, וואָס איז בכלל געווען גאַנץ שיין. נאָר די קליינע
גרימאַסן פון אירע איינגעשרומפּענע, קורצזיכטיקע אויגן און אירע
שנאָבל. ליפּן האָבן אַביסל מיאוס געמאַכט דאָס פּנים. זי האָט געהאַט

אַ שטייפֿן גאַנג און געמאָסטענע טריטלעך, ווי ביי געווויסע פֿייגל. זי פֿלעגט רעדן זיס, פֿאַרמאָגט חן און ליבנסווירדיקייט.

זי איז געווען אַ טאָכטער פֿון אַ סירישער קליינבירגערלעכער, רייכער משפחה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ערלעך־און גוטהאַרציקייט. זי האָט געהאַלטן פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן, און ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז זי פֿלעגט זיי דערפֿילן מיט אַ רע־ליגיעזער צוגעבונדנקייט; אויסער דעם, האָט זי גענומען אויף זיך פֿליכטן לגבי דער קונסט און געהאט אַ סאַלאָן; זי האָט געהאַלטן פֿאַר אַ חוב צו פֿאַרשפּרייטן קונסט אין די פֿאָלקס־אוניווערזיטעטן, צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿילאַנטראָפּיע און קינדער־דערציונג — אָן איבע־ריקער וואַרעמקייט און אָן איבעריקן אינטערעס, נאָר צוליב אַ גע־מיש פֿון נאַטירלעכער גוטסקייט, סנאָביזם און נאַיווער פּעדאַנטישקייט פֿון אַ יונגער געבילדעטער פֿרוי, וואָס זעט אויס, ווי זי וואָלט שטענ־דיק איינגעחזרט אַ לעקציע און וויל זי גוט קענען, כּדי צו האָבן מיט וואָס זיך צו באַווייזן. זי האָט געפֿילט אַ באַדערפֿעניש זיך מיט עפּעס צו באַשעפֿטיקן, אָבער אָן אַן אינערלעכן אינטערעס פֿאַר איר אַרבעט. דאָס איז געווען ענלעך צו דער היציקער אַרבעט פֿון יענע פֿרויען, וואָס האַלטן שטענדיק אין איין שטריקן און לייגן גאָרנישט אַוועק די שפּיזלען, פּונקט ווי די גאולה פֿון דער גאַנצער וועלט וואָלט געווען אָפּהענגיק פֿון אָט דער אַרבעט, וואָס אפֿילו זיי, די פֿרויען גופֿא, האָבן פֿון איר קיין נוצן נישט. אויסער דעם, האָט ביי איר, פּונקט ווי ביי די שטריקנדיקע פֿרויען, אַ וויכטיק אָרט פֿאַרנומען דאָס קליינלעכע גרויסן זיך פֿון אַן אָרנטלעכער אשת־חיל, וואָס איז אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע פֿרויען מיט איר אַרבעטזאַמקייט.

דער דעפּוטאַט האָט געפֿילט צו איר א מין צערטלעכע פֿאַר־אַכטונג. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ גוטע פֿרוי, אי כּדי הנאה צו האָבן, אי כּדי רויִק צו לעבן. ער האָט זיך געפֿרייט מיט איר שיינ־קייט און מער האָט ער פֿון איר נישט פֿאַרלאַנגט. און זי האָט פֿון אים אויך מער נישט געפֿאָדערט. ער האָט זי ליב געהאט און פֿלעגט זי פֿאַרראַטן. זי פֿלעגט דערצו מסכּים־זיין, אַבי ער זאָל נאָר אָן איר אויך נישט פֿאַרגעסן. אַפֿשר האָט זי אין דעם געפֿינען אַ באַזונדער פֿאַרגעניגען. זי איז געווען רויִק און זינלעך; אַ מין האַרעם־פֿרוי.

פֿאַר אירע צוויי שיינע קינדער, וואָס זענען אַלט געווען פֿיר און פֿינף יאָר, האָט זי געזאָרגט, ווי אַ גוטע פֿאַמיליען־מאַמע, מיט

דער זעלבער ליבלעכער און קאַלטער פּליסיקייט, וועלכע זי האָט אויך אָנגעווענדט צו איר מאַנס פּאָליטיק און צו די לעצטע מאַניפעסטאַציעס פון מאָדע און קונסט. און אָט אַזוי איז איר שטוב געווען אַ געמיש פון פּראָגרעסיווע טעאָריעס, אולטראַ־דעקאַדענטישער קונסט, געזעלשאַפטלעכער פאַרוויילונג און—קליינבירגערלעכע געפילן.

זיי האָבן איינגעלאַדן קריסטאָפן צו זיך. מאַדאַם רוסען איז געווען זייער מוזיקאַליש און גוט געשפּילט אויפן פּאָרטעפּיאַן; זי האָט פאַרמאָגט אַן איידלען און גלייכצייטיק שטאַרקן טאָן; מיט איר קליינעם קאָפּ, וואָס האָט פאַרביסן געקוקט אויף די קלאַווישן, און מיט אירע טאַנצנדיקע פינגער האָט זי אויסגעזען, ווי אַ הון, וואָס נישטערט מיטן שנאָבל. כאָטש זי איז געווען באַגאַבט און געקענט מוזיק בעסער, ווי אַנדערע פראַנצויזינס, איז זי דאָך געבליבן קאַלט, ווי אַ פיש, צום טיפן זין פון דער מוזיק: פאַר איר איז די מוזיק געווען אַ בלאַט נאָטן, ריטמען און ניואַנסן, וואָס זי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט אָדער געשפּילט; קיין נשמה האָט זי אין איר נישט געזוכט, ווייל זי האָט זיך נישט גענויטיקט אין איר. די ווילע, קלוגע, פּשוטע פרוי, וואָס איז געווען געוויגט יעדן איינעם באַהילפיק צו זיין, האָט אויפגענומען קריסטאָפן מיט דער זעלבער פריינדלעכקייט, וואָס אַלעמען. קריסטאָף האָט נישט געשפּירט צו איר קיין שום דאַנקבאַרקייט, זי איז אים נישט געווען שטאַרק סימפּאַטיש: ער האָט געפונען, אַז זי איז פּוסט. און אפשר האָט ער איר נישט געקאָנט מוחל זיין, אַליין דערפון נישט ווויסנדיק: למאַי זי דערלויבט דעם מאַן, וואָס זיין אויפפירונג איז איר גוט באַקאַנט, צו האָבן אַ סך געליבטע. אַזאַ מין גלייכגילטיקע פאַרגעבונג האָט ער בשום־אופן נישט געקאָנט מוחל זיין.

שטאַרקער האָט ער זיך צוגעבונדן צו אַכיל רוסען. רוסען האָט ליב געהאַט מוזיק, פּונקט ווי אַנדערע מינים קונסט, אויף אַ גראָבן אופן, אָבער אויפריכטיק. ווען אים איז געפעלן געוואָרן אַ סימפאָניע, איז עס געווען, פּונקט ווי ער וואָלט געלעגן מיט איר. ער האָט פאַרמאָגט אויבערפלעכלעכע קולטור; אָבער באַנוצט זיך דערמיט צו זיין גונסטן; אין דעם פּרט איז אים זיין פרוי שטאַרק באַהילפיק געווען. קריסטאָף האָט אים אינטערעסירט בכלל, ווייל ער האָט געזען אין אים אַ שטאַרקן פּלעבייער, ווי ער אַליין איז געווען. אגב, איז ער געווען נייגיריק צו אָבסערווירן פון דער נאָענט אַ מענטשן פון אַזאַ אָריגינעלן מין — (ער האָט מיט אומדערמידלעכער נייגיריקייט אָבסערווירט

מענטשן) — און צו דערגיין, וואָס פאַר אַן איינדרוק פאַריז האָט געמאַכט אויף אים. קריסטאָפס אָפנהאַרציקייט און שאַרפע מיינונגען האָבן אים געווייַלט, ער איז געווען געענוג סקעפטיש מודה צו זיין, אַז ער איז גערעכט. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס קריסטאָף איז אַ דייטש, אדרבה! ער האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס ער שטייט איבער די פאָראורטיילן פון זיין פאָטערלאַנד. ער איז, באמת, געווען אויפריכטיק, „מענטשלעך" — (ס׳איז געווען זיין הויפט-מעלה); — ער האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס איז מענטשלעך. און דאָך האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז די פראַנצויזן — די אַלטע ראַסע, די אַלטע ציוויליזאַציע — שטייען פיל העכער פון די דייטשן. ער פלעגט אָפט אָפלאַכן פון זיי.

ביי רוסענען האָט זיך קריסטאָף געטראָפן מיט עטלעכע פאָליטיקער מיניסטאָרן פון נעכטן אָדער פון מאָרגן. ער וואָלט געווען זייער צופרידן צו שמועסן און צו פאַרברענגען מיט יעדן איינציקן, ווען די דאָזיקע הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן וואָלטן אים געהאַלטן פאַר געענוג ראוי דערצו. אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיין-הערשנדיקער מיינונג, האָט ער איינגעפונען, אַז זייער געזעלשאַפט איז אַסאַך אינטערעסאַנטער פון זיינע איבעריקע באַקאַנטע פראַנצויזן. זייער אינטעליגענץ איז געווען אַסאַך לעבעדיקער, אָפענער אויפצונעמען אַלערליי ליידנשאַפטן און גרויסע פראָבלעמען פון דער מענטשהייט. ס׳רוב פון דרום פראַנקרייך, זענען זיי געווען אויסגעצייכנטע רעדנער און ביז דערשטוינט צו ווערן — דילעטאַנטן; אַן און פאַר זיך האָבן זיי ליב געהאַט די קונסט כמעט אַזוי, ווי די צייטונגס לייט. פאַרשטייט זיך, אַז אין די עניגים פון קונסט, דער עיקר פרעמדער קונסט, זענען זיי געווען אמתע עמי-ארצים; אָבער אַלע האָבן געטענהט, אַז זיי פאַרשטייען זי מער אָדער ווייניקער און אָפטמאָל זי באמת ליב געהאַט. עס זענען געווען מיניסטעריומס, ענלעכע צו קליינע צייטונגס-שרייבער: איינער האָט געשריבן טעאַטער-פיעסן; דער צווייטער האָט געגרימפלט אויף אַ פידל און איז געווען אַ פאַרברענטער וואַגנעריאַנער; דער דריטער האָט געשמירט מיטן פענזל. און אַלע צוזאַמען

האָבן זיי געזאַמלט אימפּרעסיאָניסטישע בילדער, געלייענט דעקאַדענטי-
שע ביכער, צוליב קאָקעטישקייט פֿאַרמאָגט אין דער קונסט אַן אול-
טראַ-אַריסטאָקראַטישן געשמאַק, וואָס איז געווען דער געפּערלעכסטער
שונא פֿון זייערע אייגענע אידעען. קריסטאָפֿן האָט אַריינגעפֿירט אין
אַ פֿאַרלעגנהייט, וואָס די דאָזיקע סאָציאַליסטישע אָדער ראַדיקאַל-סאָ-
ציאַליסטישע מיניסטאָרן, די דאָזיקע מליצי-יושר פֿון די אָרעמע, הונ-
געריקע קלאַסן, האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר מבינים אויף ראַפֿינירטע
תענוגים. זיי האָבן בלי-ספֿק געהאַט דאָס רעכט דערצו. אָבער ס׳האָט
נישט אויסגעזען אַזוי איבעריק אָרנטלעך.

אינטערעסאַנט איז געווען, בעת די דאָזיקע מענטשן, וואָס אין
זייער פּריוואַטן שמועס זענען זיי געווען סקעפּטיקער, סענסואַליסטן,
ניהיליסטן און אַנאַרכיסטן, זענען אַריבער צו מעשים: זיי זענען תּיכּף
געוואָרן פֿאַנאַטיקער. די גרעסטע דילעטאַנטן צווישן זיי, ווי נאָר זיי
פֿלעגן איבערנעמען די מאַכט, פֿלעגן זיי ווערן, ווי אָריענטאַלישע דע-
ספּאָטן; זיי האָבן געהאַט אַ מאַניע אַליין אַלץ אָנצופֿירן, נישט צו
לאָזן קיין שום זאַך פֿריי: זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַ סקעפּטישן גייסט
און אַן אַכזריותדיקן טעמפּעראַמענט, אין זייערע הענט איז איבערגע-
געבן געוואָרן דער וווּנדערלעכער מעכאַניזם פֿון אַדמיניסטראַטיווער
צענטראַליזאַציע, וואָס איז אַמאָל געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם גרעסטן
דעספּאָט, און ס׳איז גרויס געווען דער נסיון, נישט אויסצונוצן זי צום
שלעכטן. דערפֿון איז געוואָרן אַ מין רעפּובליקאַנישער אימפּעריאַליזם,
נאָך וועלכן ס׳האָט זיך אין די לעצטע יאָרן נאָכגעשלעפּט אַן אַטע-
איסטישער קאַטוילוציזם.

אין משך פֿון אַ באַשטימטער צייט האָבן די פּאָליטיקער פֿאַר-
שפּרייט זייער מאַכט נאָר איבערן גוף. דאָס הייסט — איבערן פֿאַר-
מעגן; די נשמות האָבן זיי צורו געלאָזן, ווייל מ׳האָט פֿון זיי קיין
געלט נישט געקאָנט מאַכן. די נשמות ווידער, פֿון זייער זייט, האָבן
זיך נישט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק; זי איז זיך געגאַנגען אָדער
איבער זיי אָדער אונטער זיי; אין פֿראַנקרייך ווערט פּאָליטיק געהאַלטן
פֿאַר אַ פֿיינעם אָבער נישט מיוחסדיקן צווייג פֿון האַנדל אָדער אינ-
דוסטריע; די גייסטיקע אַרבעטער פֿאַראַכטן די פּאָליטיקער און פֿאַר-
קערט. — אָבער מיט אַ קורצער צייט צוריק איז פֿאָרגעקומען צווישן
זיי אַ דערנענטערונג און באַלד נאָכדעם איז געשלאָסן געוואָרן אַן
אָפּמאַך צווישן די פּאָליטיקער און דעם ערגערן טייל פֿון די גייסט-

מענטשן. אויף דער אַרענע איז אַרויס אַ נייע מאַכֿט, וואָס האָט איבערגענומען די אַבסאָלוטע הערשאַפֿט איבער די געדאַנקען: דאָס זענען געווען די פֿריידענקער. זיי האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אַן אַנדער מאַכֿט, וואָס האָט געזען אין זיי אַן אויסגעצייכֿנטן טרייב־ראָד פֿון פּאָליטישן דעספּאָטיזם. נאָך מער, ווי זיי האָבן געוואָלט חרובֿ מאַכֿן די קירכֿע, האָבן זיי זי געוואָלט אויסטוישן אויף אַן אַנדערע, און, באמת, האָבן זיי געשאַפֿן אַ פֿריידענקערישע קירכֿע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט איר קאַטעכֿיזם און צערעמאָניעס, אירע טבֿילות, אירע ערשטע ברכֿות, חתונות, קאָנסיליומס, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע, אַפֿילו אין רוים גופֿא. דאָס איז געווען אַ מין אומגלויבלעכֿער שפּאַס, וואָס די טויזנטער אָרעמע בהמות האָבן געפֿילט די נויטווענדיקייט צו פֿאַרייניקן זיך אין סטאַדעס, כּדי „פֿריי צו טראַכֿטן״. אייגנטלעך, איז זייער פֿרייהייט פֿון געדאַנק באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אין נאָמען פֿון שׂכל פֿאַרוואָרט אַנדערע פֿריי צו טראַכֿטן: ווייל זיי האָבן געגלויבט אין שׂכל, ווי אַ ייִד אין משיחן, און זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז סיי דער שׂכל און סיי משיח זענען אַן און פֿאַר זיך וואָרנישט און אַז זייער מקור ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש, און פּונקט ווי די קאַטוילישע קירכֿע האָט געהאַט אין איר רשות מחנות נזירים און חבֿרות, וואָס זענען שטילערהייט אַרומגעקראָכֿן איבער די אַרטעריעס פֿון פֿאָלק, פֿאַרשפּרייט דעם גייסט פֿון דער קירכֿע און געמאַכֿט צונישט יעדער פֿרעמדע תּורה, — פּונקט אַזוי האָט די אַנטיקאַטוילישע קירכֿע געהאַט אירע פֿריי־מויערער, וואָס זייער גרויסע לאָזשע, זייער עלטערן־הויז, דער „גרויסער אָריענט״, האָט געהאַט ביי זיך אַ גענויע רשימה פֿון אַלע געהיימע ראַפּאָרטן, וואָס זענען צו זיי אָנגעקומען יעדן טאָג, דורך זייערע פֿרומע שליחים פֿון אַלע עקן פֿראַנקרייך. די רעפּובליקאַנישע מלוכה האָט געשטיצט אָט דעם כּשרן שפּיאָנאַזש פֿון די קבצנישע נזירים און שׂכל־יעזואיטן, וואָס האָבן טעראָריזירט די אַרמיי, דעם אוניווערזיטעט און אַלע מלוכהשע אָרגאַניזאַציעס; און זי האָט לחלוטין נישט באַמערקט, אַז בעת זיי האָבן, לפֿנים, געדינט אירע אינטערעסן, האָבן זיי זיך ביסלעכֿווייז צוגעגרייט צו פֿאַרנעמען איר אָרט, און אַז זי, די מלוכה, גייט אויפֿן וועג צו אַן אַטעיסטישער טעאָקראַטיע, וואָס האָט זיך נישט וואָס צו שעמען אַנטקעגן די יעזואיטן פֿון פּאַראַגוויי.

ביי רוסענען האָט זיך קריסטאָף באַגעגנט מיט עטלעכֿע גלחים.

זיי זענען אַלע געווען אמתע געטשן-דינער. אין דעם מאָמענט האָבן זיי געיובלט פֿאַר פֿרייד, וואָס מ׳האָט אַראָפּגענומען קריסטוסן פֿון די טריבונאַל-טישן. זיי האָבן געגלויבט, אַז דורך דעם, וואָס זיי צעברעכן הילצערנע אָדער ביינערנע פֿיגורן, מאַכן זיי חרוב די גאַנצע רעליגיע. אַנדערע האָבן גענומען אונטער זייערע פֿליגל זשאַן ד׳אַרק און איר פֿאָן מיט דער יונגפֿרוי, וואָס זיי האָבן אַרויסגעריסן פֿון די קאַטוילן. איינער פֿון די פּאָטערס פֿון דער נייער קירך, אַ גענעראַל, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אויף אַ מלחמה די פּראַנצויזן פֿון דער אַנדערער קירך, האָט געהאַלטן אַן אַנטיקלעריקאַלע רעדע לכּבוד ווערצינגעטאָריקסן: ער האָט גערימט דעם גאַלישן ברענוס, וואָס די פֿריידענקער האָבן אים אויפֿגעשטעלט אַ דענקמאָל, אָט דאָס קינד פֿון פֿאָלק און דעם ערשטן קעמפֿער פֿראַנקרייכס קעגן רוים (דאָס הייסט קעגן דער קאַטוילישער קירכע). די פֿלאָט-מיניסטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט אויסבעסערן דעם פֿלאָט און אויסדריקן זייער עקל צו מלחמה, האָבן זייערע פּאַנצער-שיפֿן אַ נאָמען געגעבן „דעקאַרט“ און „ערנעסט רענאַן“. די איבעריקע פֿריידענקער האָבן גענומען רייניקן די קונסט. זיי האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די קלאַסיקער פֿון זיבעצענטן יאָרהונדערט און נישט דערלויבט, מ׳זאָל אין נאָמען פֿון גאָט באַשמוצן לאַ פֿאָנטענס משלים, שפּעטער האָבן זיי זיך גענומען צו דער אַלטער מוזיק; און קריסטאָף האָט געהערט, ווי איינער פֿון זיי, אַן אַלטער ראַדיקאַל, — („זיין אויף דער עלטער אַ ראַדיקאַל, — זאָגט געטהע, — איז שוין דער סאַמער שפּיץ פֿון משוגעת“) — האָט זיך געבייזערט, וואָס מ׳האָט נאָך די העזה צו שפּילן אויף אַ פֿאָלקס-קאָנצערט בעטהאָווענס „רעליגיעזע לידער“. ער האָט געפֿאָדערט, מ׳זאָל עס, לפּחות, אַנדערש אָנרופֿן.

— ווי דען זאָל מען עס אָנרופֿן, — האָט זיך קריסטאָף אויפֿגערעגט — די רעפּובליק?

אַנדערע וואָס זענען נאָך געווען ראַדיקאַלער, האָבן נישט מסכּים געווען מיט אַזעלכע פּשרות און האָבן פּשוט געוואָלט, מ׳זאָל אינגאַנצן מבטל מאַכן די רעליגיעזע מוזיק, צוזאַמען מיט די שולן, וווּ זי ווערט געלערנט. אומזיסט האָט איינער אַ דירעקטאָר פֿון קאָנסערוואַטאָריום, וועלכן מ׳האָט אין דער דאָזיקער בעאַטיע געהאַלטן פֿאַר אַן אמתן אַטענער, געפּרוווט געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז זייער נויטיק צו לערנען מוזיק, ווייל — האָט ער מיט שטאַרקער חריפות געזאָגט — „ווען מען שיקט אַ סאָלדאַט אין קאַזאַרמע, לערנט מען אים בהדרגה

צו באַנוצן זיך מיטן ביקס און צו שיסן. פּונקט אַזוי קומט פֿאָר מיט אַ יונגן קאָמפּאָזיטאָר: זיין קאָפּ איז פֿול מיט געדאַנקען, וואָס זענען נאָך נישט גרופּירט און באַאַרבעט". און אַזוי ווי ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר זיין אייגענער דרייסטקייט, האָט ער פֿאַר יעדעס מאָל פֿאַרזיכערט, אַז „ער איז אַן אַלטער פֿריידענקער... אַן אַלטער רעפּובּליקאַנער" און מוטיק צווויסן געטון, אַז אים איז אַלץ איינס, צי די קאָמפּאָזיציעס פֿון פּערגאָליעז זענען אָפּערעס, צי תּפֿילות, אַבי זיי זאָלן זיין ווערק פֿון דער מענטשלעכער קונסט,—אָבער זיין קעגנער האָט מיט אומברחמנותדיקער לאָגיק געענטפֿערט דעם „אַלטן פֿריידענקער און רעפּובּליקאַנער", אַז ס'איז פֿאַראַנען צוויי מינים מוזיק: איינע, וואָס מען זינגט אין די קירכן, און די צווייטע, וואָס מען זינגט ערגעץ אַנדערש. די ערשטע איז אַ דם-שונא דעם שׂכל, און דער מלוכה, און דער שׂכל פֿון דער מלוכה דאַרף זי אומברענגען.

אָט די אַלע שוטים זענען געווען מער לעכערלעך, ווי נאַריש; אָבער הינטער זיי זענען געשטאַנען מענטשן פֿון אמת שטאַרקן ווערט, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געשטיצט און וואָס זענען, פּונקט ווי זיי— און אפֿשר נאָך מער—געווען פֿאַנאַטיקער פֿון שׂכל. טאָלסטאָי רעדט אין אַ געוויסן אָרט וועגן די „עפּידעמישע השפּעות", וואָס הערשן אין דער רעליגיע, אין דער פֿילאָזאָפֿיע, פּאָליטיק, קונסט, וויסנשאַפֿט; די דאָזיקע אומזיניקע השפּעות, וואָס מענטשן דערקענען זייער נאַרישקייט ערשט נאָכן באַפֿרייען זיך פֿון זיי, אָבער כּל-זמן זיי זענען זייערע אָנהענגער, זעען זיי אויס, די דאָזיקע השפּעות, אַזוי ווייט אמת, אַז זיי האַלטן אפֿילו נישט פֿאַר נויטיק צו פֿירן וועגן דעם אַ דיסקוסיע. צו די דאָזיקע השפּעות דאַרף מען פֿאַררעכענען די ליידנשאַפֿט צו האָדעווען טיולפּן, דעם גלויבן אין מכשפֿים און די פֿעלערן פֿון די ליטעראַרישע מאָדעס. איינע פֿון די דאָזיקע מאַניעס איז געווען אויך דער גלויבן אין שׂכל. די דאָזיקע מאַניע האָבן פֿאַרמאָגט אי אמתע שוטים, אי אמתע חכמים, ווי „וועטערינאַר-געהילפֿן" פֿון פֿאַרלאַמענט, ווי אייניקע זייער אינטעליגענטע אוניווערסיטעט-פּראָפֿעסאָרן. ביי די לעצטע איז זי נאָך געווען געפֿערלעכער, ווי ביי די ערשטע; ווייל דאָרט איז זי געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם נאַרישן אָפּטימיזם, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די שאַרפֿקייט פֿון זייער גלויבן; אָבער ביי די גייסטיק-שטאַרקערע איז די קראַפֿט פֿון דעם גלויבן פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן פּעסימיזם, וואָס האָט זיך

נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס, ווייל ער האָט גוט געקענט די טיפע סתירה צווישן דער נאַטור און דעם שׂכל, און דורך דעם נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאַמף צווישן דער אַבסטראַקטער פרייהייט, אַבסטראַקטער גערעכטיקייט, אבסטראקטן אמת—און דער בייזער נאַטור. אין דעם דאָזיקן גלויבן איז געווען טיף באַהאַלטן אַ מין קאַלוויניסטי-שער, זשאַנסעניסטישער, יאַקאָבינער אידעאַליזם, עפּעס אַ מין אַלטער גלויבן אין דער אבסאָלוטער מענטשלעכער פּערווערזיטעט, וואָס נאָר דער שטאַרקער אומדערשראָקענער און זעלטענער גייסט, דער גייסט פון גאָט, האָט זי געקענט צעברעכן און פאַרשקלאַפן. דאָס איז געווען אַן אמתער פראַנצויזישער טיפּ, יענער טיפּ פון די אינטעליגענטע פּראָוו-צויזן, וואָס איז נישט „מענטשלעך". אַ האַרטער שטיין, ווי אייזן; קיין זאַך האָט אים נישט געקאָנט אַדורכדרינגען, און ער האָט צעשמעטערט אַלץ, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג.

קריסטאָף איז געווען איבעראַשט פון די שמועסן, וואָס ער האָט געהאַט ביי אַכילן רוסען מיט די דאָזיקע משוגענע אָנהענגער פון שׂכל. זיי האָבן אַבסאָלוט אונטערגעגראָבן די מיינונגען וועגן פראַנק-רייך. לויט דער אָנגענומענער מיינונג, האָט ער געהאַלטן די פראַנ-צויזן פאַר אַ גלייכגעוויכטיק, געזעלשאַפטלעך און טאָלעראַנט פאָלק, וואָס האָט ליב די פרייהייט. לסוף האָט ער גאָר געפונען פאַנאַטיקער פון אבסטראַקטע אידעען מיט קראַנקע געדאַנקען, גרייט שטענדיק מקריב צו זיין די גאַנצע וועלט און אפילו זיך אַליין פאַר זייערע סילאָגיזמען. זיי האָבן אָן אויפהער גערעדט וועגן פרייהייט, און אויף דער גאַנצער וועלט איז נישט געווען נאָך איין מענטש, וואָס זאָל פאַרשטיין די פרייהייט אַזוי שלעכט און וואָס זאָל אַזוי ווייניק ליידן צוליב איר, ווי זיי. אין קיין אָרט זענען די מענטשן נישט געווען אַזוי קאַלט, אַזוי דעספּאָטיש פאַרביסן; קיינער האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ ליבשאַפט צו רעדן וועגן גייסטיקע ענינים, אַזאַ ליידנשאַפט שטענדיק גערעכט צו זיין.

און דאָס איז פאָרגעקומען נישט מיט איין פּאַרטיי, אַלע פּאַר-טייען זענען געווען די זעלבע. זיי האָבן נישט געקאָנט און נישט גע-וואָלט זען, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן, אויסער זייער פּאָליטישן אָדער רעליגיעזן נוסח, אויסער זייער פאָטערלאַנד, זייער פּראָווינץ, זייער גרופּע, אויסער זייער ענגן מוח. עס זענען געווען צווישן זיי אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געווידמעט זייער גאַנץ לעבן דער שטאַרקער

מבּאַהאָלפענער שנאה קעגן אַלע פּריווילעגירטע פונם גורל: ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט אַלע יידן, און מיטן נאָמען ייד האָבן זיי גערופן אַלעמען, וואָס זיי האָבן פיינט געהאַט. עס זענען געווען צווישן זיי נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן פיינט געהאַט אַלע אַנדערע פעלקער (בעת זיי זענען געווען גוט געשטימט, האָבן זיי אויסגעדריקט בלויז זייער פאַראַכטונג); אַפילו בנוגע זייער אייגענער נאַציע, האָבן זיי אָנגערופן רענעגאַטן די אַלע, וואָס האָבן געטראַכט אַנדערש, ווי זיי. עס זענען געווען אַנטיפּראָטעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז אַלע פּראָטעסטאַנטן זענען ענגלענדער אָדער דייטשן, און וואָלטן זיי מיטן גאַנצן האַרצן פאַרטריבן פון פראַנקרייך. עס זענען געווען אָנהענגער פון מערב, וואָס דאָס לעבן אויף דעם מזרח-ברעג פונם רהיין האָט פאַר זיי בכלל נישט עקזיסטירט; און אָנהענגער פונם צפון, וואָס האָבן נישט געוואָלט הערן און גערענקען וועגן דעם דרום-ברעג פון לואַר; און אָנהענגער פונם דרום, וואָס האָבן אַלע מענטשן פונם צפון-ברעג פונם לואַר גערופן באַרבאַרן; און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער גערמאַנישן יחוס; און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער גאַלישן יחוס; און די גרעסטע משוגעים זענען געווען די „רוימער", וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט דער מפּלה פון זייערע אבות; און עס זענען געווען ברעטאָנער און לאָטאַרינגער און פּראָוואַנסאַלער און אַלביגענזער; און מענטשן פון קאַרפּענטראַ, פון פאָנטואַז און פון קימפּער-קאָרענטען: און יעדערער האָט געהאַלטן נאָר פון זיך, זיך אַליין מכבד געווען מיט אַדל-טיטלען און ווייטער קיינעם נישט אָנערקענט. קעגן די דאָזיקע מענטשן איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו טון: זיי האָבן נישט געוואָלט הערן קיין שום טענות, אויסער זייערע אייגענע, און מסוגל געווען צו פאַרברענען די גאַנצע וועלט, אַפילו ווען זיי אַליין זאָלן ווערן דערביי פאַרברענט.

קריסטאָף האָט געטראַכט, ווי גליקלעך זיי זענען, וואָס זיי האָבן אַ רעפּובליק: ווייל אָט די אַלע קליינע דעספּאָטן ווערן אינם קעגנזייטיקן געראַנגל בטל בששים. אָבער ווען איבער זיי וואָלט געהערשט איין מלך, וואָלטן זיי זיך אַלע געמוזט מיאש זיין פון לעבן.

קריסטאָף האָט נישט געוווּסט, אַז די דאָזיקע פונם שכל געפּעבטעטע פעלקער פאַרמאָגן איין מעלה, וואָס ראַטעוועט זיי: — די אומקאָנסעקווענטקייט.

די פראַנצויזישע פּאָליטיקער האָבן אויך פאַרמאָגט דעם חסרון. זייער תּאווה איז אַביסל געמילדערט געוואָרן דורך אַנאַרכיזם; זיי האָבן זיך אָן אויפהער געוואַקלט צווישן איין עקסטרעמקייט און אַ צווייטער. אויב זיי האָבן זיך מיטן לינקן אָרעם געשטיצט אויף די פאַנאַטיקער פון געדאַנק, האָבן זיי זיך אין דער זעלבער צייט מיטן רעכטן אָרעם געשטיצט אויך די אַנאַרכיסטן פונם געדאַנק. ביי זייער זייט האָט מען געקענט זען אָן אַ שיעור סאָציאַליסטישע דילעטאַנטן און קליינע בעלי-חלומות, וואָס האָבן זיך טאַקע געהיט מיט די ביינער פאַר אַ מלחמה, כּל-זמן ס'איז זיי נישט קלאָר געווען, אויף וועמענס זייט עס איז דער נצחון; זיי זענען אָבער נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט נאָך דער מחנה פריידענקער, און נאָך יעדן נצחון זיך געוואָרפן אויפן רויב. באמת, האָבן די פריידענקער לחלוטין נישט געקעמפט פאַרן זיג פונם שכל... sic vos non vobis ... נייערט פאַר די קאָסמאָפּאָליטישע קליינבירגער, וואָס האָבן יובלדיק געטרעטן מיט די פיס אַלע טראַדיציעס פון זייער לאַנד און חרוב געמאַכט די אמונה, נישט כּדי אויף איר אָרט אויפצושטעלן אַן אַנדערע, נאָר כּדי זיך אַליין אומגעשטערט צו באַפּעסטיקן אויף דעם באָדן.

אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט קריסטאָף ווידער געטראָפן לוסיען לעווי-קער. ער האָט זיך נישט געוווּנדערט, דערוויסנדיק זיך, אַז לוסיען לעווי-קער איז אַ סאָציאַליסט. ער האָט נאָר געטראַכט, אַז סאָציאַליזם איז מסתּמא שטאַרק זיכער אין זיין נצחון, אויב לוסיען לעווי-קער איז זיינער אַן אָנהענגער. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז אַ דאַנק פאַרשידענע תּחבולות פלעגט ער אויך פון זיינע קעגנער ווערן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אַז ס'האָט זיך אים אפילו איינגעגעבן צו שליסן אַ פריינטשאַפטס-אָפּמאַך מיט די אַנטי ליבעראַלסטע און אפילו אַנטיסעמיטישע פּאָליטיקער און קינסטלער. ער האָט געפרעגט ביי אַכיל רוסען:

— ווי פאַרטראָגט איר אין אייערע רייען אַזעלכע מענטשן?

רוסען האָט געענטפערט:

— ער פאַרמאָגט אַזוי פיל טאַלענט! און אויסער דעם אַרבעט

ער פאַר אונזער זאַך, ער מאַכט חרוב די אַלטע וועלט.

— איך זע טאַקע, אַז ער מאַכט חרוב,—האָט קריסטאָף געזאָגט.— ער מאַכט זי חרוב אַזוי גוט, אַז איך ווייס נישט, מיט וואָס האָט איר זי בדעה אויפצובויען פון דאָס ניי, צי זענט איר זיכער, אַז ס'איז אייך געבליבן גענוג בוי-מאַטעריאַל פאַר אייער ניי הויז? און צי זענט איר זיכער, אַז די ווערים מערן זיך נישט אין דעם מאַטעריאַל פון אייער נייעם בנין?

און לוסיען לעווי-קער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט איינגעביסן דעם סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע בלעטער זענען פול געווען מיט די קליינע שרייבערלעך פון קונסט לשם קונסט, לוק-סוס-אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן פאַרנומען אַלע וועגן צו ערפאָלג. זיי האָבן פאַרנומען אַלע וועגן און אויסגעפּילט אַלע צייטונגען, וואָס האָבן זיך אַליין אָנגערופן פאָלקס-אָרגאַנען, מיט זייער דעקאַדענטישן דילעטאַנטיזם און פראַזן וועגן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ, ס'האָט זיי נישט באַפרידיקט צו האָבן שטעלעס. זיי האָבן געוואָלט זיין באַרימט. און קיין שום אַנדער צייט האָט מען נישט געקענט זען אַזוי פיל אין איילע-ניש אויפגעשטעלטע סטאַטועזן און נישט געקענט הערן אַזוי פיל לויב-געזאַנגען פאַר די גיפּס-גאונים. צום לעכערלעכסטן זענען געווען די באַנקעטן, וואָס מ'פלעגט פעריאָדיש איינאָרדענען לכבוד די גרויסע לייט פון יעדער פאַרטיי; די באַנקעטן פלעגן ווערן איינגעאָרדנט, כדי צו פאַרגרעסערן זייער פּרעסטיזש; נישט, חלילה, ביי אַ געלעגנהייט פון זייערס אַ ווערק, נאָר לכבוד איינער פון זייערע דעקאָראַציעס: ווייל דאָס איז געווען ביי זיי צום ווילכטיקסטן. עסטעטן, אויבער מענטשן, גאונים, סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, אַלע צוזאַמען פלעגן קו-מען פייערן דעם אריינטריט פון יעדן נייעם מיטגליד אין דער ערן-לעגיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם קאָרסיקאַנער אָפיציר.

רוסענען האָט געווילדט קריסטאָפס פאַרוונדערונג, ער האָט לחלוטין נישט איינגעפונען, אַז דער דייטש האָט אַ ריכטיקע מיינונג וועגן זיינע חברים. בעת זיי זענען געווען אַליין, האָט ער אויך גע-רעדט וועגן זיי אָן איבעריקן דרך-ארץ, ער האָט געקענט זייער נאַ-רישקייט און זייערע שפּיצלעך מער, ווי אַן אַנדערער; אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט זיי צו שטיצן, כדי צו האָבן זייער שטיצע. און אויב ער האָט אין אַן אינטימען שמועס, גערעדט מיט פאַראַכטונג און געשאָטן פעך און שוועבל אויפן פאָלק, איז ער אָבער געוואָרן אַן

אַנדער מענטש תּיכּף, ווי ער איז אַרויף אויף דער טריבונע. דעמאָלט פלעגט זיין שטים ווערן פּאַטעטיש, שאַרף, טיף, ער פלעגט ברומען, שרייען, מאַכן מיט די הענט, ווי מיט פליגל: ער האָט געוואָלט נאָכמאַכן מונע־סולין.

קריסטאָף האָט זיך געפּרוּווט קלאָר מאַכן, ווי ווייט רוסען גלויבט אין זיין אייגענעם סאָציאַליזם. עס איז געווען קלאָר, אַז ער גלויבט אינגאַנצן נישט אין אים: ער איז געווען דערצו צו סקעפּטיש. און דאָך האָט ער מיט איין טייל פון זיין געדאַנק פאָרט געגלויבט; און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז איין טייל (און אפשר נישט דער וויכטיקסטער), האָט ער אָבער לויט אים איינגעאָרדנט זיין לעבן און זיין אויפפירונג, ווייל אזוי איז געווען באַקוועמער. נישט נאָר זיין פּראַקטישער אינטערעס האָט אין דעם געווונען, נאָר אויך זיין לעבנס־אינטערעס, דער תּכלית פון זיין עקזיסטענץ און פון זיינע מעשים. זיין סאָציאַליסטישער גלויבן איז געווען פאַר אים אַ מין מלוכה־רעליגיע; די מערהייט מענטשן לעבן אַזוי: זייער לעבן שטיצט זיך אויף רעליגיעזע, מאָראַלישע, סאָציאַלע אָדער ריין־פּראַקטישע גלויבנס — גלויבן אין זייער באַרוף, אין זייער אַרבעט, אין דער נוצלעכקייט פון זייער ראָל אינם לעבן, — באמת, גלויבן זיי טאַקע נישט, נאָר זיי ווילן דערפון נישט וויסן, ווייל זייער לעבן נויטיקט זיך אין דער אילוזיע פון אַ גלויבן,—אין דער דאָזיקער „מלוכה־רע־ליגיע”, וואָס יעדער איינער איז איר פּריסטער.

רוסען איז נאָך נישט געווען פון די ערגסטע. פיל אַנדערע מענטשן פון דער פּאַרטיי האָבן זיך פאַרנומען מיט סאָציאַליזם, און ראַדיקאַליזם— מען קאָן אפילו נישט זאָגן, אַז זיי האָבן עס געטון צוליב יאָגן זיך נאָך כּבוד, ווייל די דאָזיקע יאָגעניש נאָך כּבוד איז געווען אַזוי קורצזיכטיק, אַז זי האָט זיך צופרידנגעשטעלט נאָר מיטן רויב, ביז די נייע וואַלן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געגלויבט אין דער נייער געזעלשאַפט. אפשר האָבן זיי אַמאָל גע־גלויבט אין דעם, און איצט שפּילן זיי זייער גלויבן, אָבער באמת האָבן זיי איצט נישט געהאַט מער וואָס צו טון, ווי צו לעבן מיט

די שיריים פון דער שטאַרבנדיקער געזעלשאַפט. אַ קורצזיכטיקער
אָפּאָרטוניזם איז געשטאַנען אין דינסט פון דעם דאָזיקן הנאה־ניהי־
ליזם. די גרויסע אינטערעסן פון דער צוקונפט זענען געפאַלן אַ
קרבן פון דער חיי־שעה־עגאָיזם. מ׳האָט צעריסן אויף שטיקער די
אַרמיי, אפילו דאָס פאָטערלאַנד האָט מען צעבראָקלט, כּדי נושא־חן
צו זיין ביי די וועלער. נישט דערפאַר, וואָס זיי האָט געפעלט אינ־
טעליגענץ: זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, וואָס זיי האָבן צו טון, זיי
האָבן עס אָבער נישט געטון, ווייל דאָס האָט געפאָדערט צו שטאַר־
קע אָנשטרענגונג, און צו אָנשטרענגונג זענען זיי נישט פעיק געווען.
זיי האָבן געוואָלט איינאָרדנען זייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פון
פאָלק מיט דער קלענסטער מי און מיט וואָס ווייניקער קרבנות. פון
די העכסטע ביז די נידעריקסטע שטאַפלען פון דעם געזעלשאַפטלעכן
לייטער — אומעטום האָט געהערשט די זעלבע מאָראַל: וואָס־מער
פאַרגניגנס פאַר דער מעגלעך־קלענסטער אָנשטרענגונג. אָט די אומ־
מאָראַלישע מאָראַל איז געווען דער איינציקער וועג־ווייזער אין דעם
פּאָליטישן מיש־מאַש, וואָס זיינע אָנפירער זענען אַליין געווען אַ מוס־
טער פון אַנאַרכיע, ווו מ׳האָט געפירט אַ לויזע פּאָליטיק, וואָס האָט
זיך נאָכגעיאָגט נאָך צען האָזן מיטאַמאָל און פון גרויס איילעניש
געלאָזט אַלעמען אַנטרונען ווערן; ווו ס׳איז געפירט געוואָרן אַ
קאַמף־לוסטיקע דיפּלאָמאַטיע האַנט־ביי־האַנט מיט אַ פּאַציפיסטישן
קריגס־מיניסטעריום; ווו די קריגס־מיניסטאָרן האָבן חרוב געמאַכט די
אַרמיי, כּדי זי אויסצובעסערן; ווו די פלאָט־מיניסטאָרן האָבן געבונ־
טעוועט די געווער־אַרבעטער און קריגס־אינסטרוקטאָרן, וואָס האָבן
געדרשנט וועגן דער געפאַר פון מלחמה; ווו די אָפיצירן זענען גע־
ווען דילעטאַנטן, פּונקט ווי די דילעטאַנטישע ריכטער, דילעטאַנטישע
רעוואָלוציאָנערן און פּאַטריאָטן. ס׳האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע פּאָ־
ליטישע דעמאָראַליזאַציע. יעדער איינער האָט זיך געריכט צו באַקו־
מען פון מלוכה שטעלעס, אויסצייכענונגען, פּענסיעס און דיעטע; און
די מלוכה האָט לאַנג נישט געוואַרט און געטיילט אירע גוטע־פריינט
אַלע גוטע זאַכן אויף רעכטס און אויף לינקס. מ׳האָט געטיילט אויס־
צייכענונגען און שטעלעס אַלע זין, ברידער־זין און שוועסטער איי־
ניקלעך און משרתים פון די מאַכט־באַזיצער; די פּאַרלאַמענט־דעפּו־
טאַטן האָבן אַליין אָנגענומען באַשלוסן וועגן העכערן זיי די געהאַלטן
מ׳האָט אויף אַ ווילדן אויפן צעוואָרפן אויף אַלע זייטן מלוכה־געלט.

שטעלעס, אויסצייכנונגען, און פאַרשווענדעט אַלע כוחות פון דער מלוכה. — און ווי אַ שרעקלעכער עכאָ פון דער אויבערשטער פּאָלי־טיק איז געקומען די צעשטערונג־אַרבעט אין די אונטערשטע שיכטן; לערער האָבן געלערנט, ווי צו פאַראַכטן יעדע אויטאָריטעט און ווי זיך צו בונטעווען קעגן פאָטערלאַנד; פּאָסט־באַאַמטע האָבן פאַר־ברענט בריוו און טעלעגראַמען; פאַבריק־אַרבעטער האָבן געלעגט זאַמד אָדער שטיינדלעך אין די רעדער פון די מאַשינען; אַרסענאַל־אַרבעטער האָבן חרוב געמאַכט געווער-פאַבריקן און אונטערגעצונדן שיפן; די אַרבעטער אַליין האָבן אויף אַ שרעקלעכן אופן אַ תּל גע־מאַכט פון זייער אַרבעט — ס'איז געווען אַ חורבן, נישט נאָר פון די רייכע, נאָר פונם גאַנצן וועלט־פאַרמעגן.

און כדי עס זאָל פול ווערן די מאָס פונם חורבן, האָבן די גייסטיקע אָנפירער געוואָלט אָט דעם מאַסן-זעלבסטמאָרד שטיצן אויף שכל און גערעכטיקייט. זיי האָבן געפּרעדיקט דאָס הייליקע מענטש־לעכע רעכט צו גליק. אַ קרענקלעכער הומאַניטאַריזם האָט ביי זיי אָפּגענומען די פעיקייט אונטערצושיידן פון גוטס ביז שלעכטס, און מיט אַ זקנהשן סענטימענטאַליזם באַדויערט די „אומפאַראַנטוואָרטלעכע הייליקע" פאַרברעכער: מ'האָט קאַפּיטולירט פאַרן פאַרברעכן און אים איבערגעלאָזן אין דער געזעלשאַפט.

קריסטאָף האָט געטראַכט:

— פראַנקרייך איז פאַרשיכורט מיט איר נצחון. ווען זי וועט זיך אײנגאַנצן פאַרכלינען וועט זי פאַלן אין שיכורער חלשות און וועט זיך אויפכאַפּן — אין תּפיסה.

צום שטאַרקסטן האָט קריסטאָפן פאַרדראָסן די דעמאַגאָגיע, די שלעכטע פּאָליטיק, וואָס האָט פאַרבלענדט די אויגן און איז געפירט געוואָרן קאַלטבלוטיק, דורך שוואַכע מענטשן. די דיספּראָפּאָרציע צווישן די זיך וואַקלענדיקע מענטשן און זייערע שטרענגע מעשים האָט אים שטאַרק אויפגערעגט. ס'האָט אויסגעזען, ווי אין זיי וואָלטן געלעבט צוויי סתירות: אַן אומזיכערער כאַראַקטער, וואָס גלויבט נישט אין קיין שום זאַך, און אַ רעזאָנירנדיקער שכל, וואָס צעשניידט,

פאַרקירצט און באַרויבט דאָס לעבן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף הינטן. קריסטאָף האָט געפרעגט ביי זיך, ווי איז עס מעגלעך, אַז די פרידלעכע קליינבירגער, די קאַטוילן, די שרעקלעך געפּייניקטע אָפּי־צירן, פאַרייניקן זיך נישט צוזאַמען צו פאַרטרייבן די דאָזיקע באַנ־דע. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט דאָס צו זאָגן רוסענען; נאָר אַזוי־ווי ער האָט בטבע קיין זאַך נישט געקאָנט באַהאַלטן, האָט רו־סען לייכט איבערגעלייענט זיינע געדאַנקען. ער האָט גענומען לאַכן און געזאָגט:

— בלי ספק, איר אָדער איך וואָלטן אַנדערש געטון, נישט אמת? אָבער זיי זענען נישט אין דעם קיין שום געפאַר. די דאָזיקע אָרעמע ברואים, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין מוט פאַר אַ גראָשן ענער־גיש זיך צו פאַרטיידיקן, זיי קאָנען זיך נאָר באַקלאָגן. אַ צעפוילטע פאַרמלאָזע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז פריער פאַרטעמפּט געוואָרן פונם קלוב־און ספּאָרט־לעבן, גיט זיך אָפּ מיט אַמעריקאַנער און יידן, און דריקט אויס איר מאָדערניזם דערמיט, וואָס זיי אַפּלאָדירן די פּאַר־שטעלונגען, ווו די דראַמאַטישע שרייבער שטעלן זיי פאַר עקלהאַפט און בזיונדיק. אַן אַפּאַטיש, נאַריש קליינבירגערטום, וואָס לייענט גאָרנישט, פאַרשטייט גאָרנישט, ווייל נישט פאַרשטיין, און קאָן זיך נאָר זידלען מיט סתם־שטעכווערטלעך אָן אַ שום נוצן, גלאַט אין דער וועלט אַריין, — וואָס פאַרמאָגט נאָר איין ליידנשאַפט: שלאָפן, פאַרפוילט ווערן, שלאָפנדיק אויף דעם געלט־זאַק, און צוזאַמען דער־מיט פיינט צו האָבן אַלע, וואָס שטערן זיי אין שלאָף אָדער וואָס ווילן עפּעס אַנדערש: ווייל די אַרבעט, וואָס אַנדערע טוען, בעת זיי שלאָפן, זעט אויס אין זייערע אויגן, ווי אַ שטערונג... ווען איר וואָלט געקאָנט די דאָזיקע מענטשן, וואָלט איר געזען, אַז מיר זענען נאָך סוף־כל־סוף סימפּאַטיש.

אָבער קריסטאָף האָט סיי צו די און סיי צו יענע געפילט אַ שטאַרקן עקל. ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון דער מיינונג, אַז די געמיינקייט פון די פאַרפאָלגטע גאַרעכטיקט די געמיינקייט פון די פאַרפאָלגער. ער פלעגט אָפטמאָל טרעפן ביי די סטעוואַנס די דאָ־זיקע קליינבירגערלעכע, רייכע און אַנגעבלאָזענע טיפּן, וואָס רוסען האָט זיי געשילדערט:

...l'anima triste di coloro.

che visser senza onfamia e senza lodi...

ער האָט גוט געקענט די סיבות, צוליב וועלכע רוסען און זיינע פריינט זענען געווען אַזוי זיכער, אַז לאַ־די וואָס זיי הערשן איבער די דאָזיקע מענטשן, נאָר זיי האָבן דאָס רעכט מיט דער דאָזיקער מאַכט צו מיסברויכן. קיין מיטלען דערצו האָבן זיי נישט געפעלט. טויזנטער באַאַמטע אָן ווילן, אָן יעדן סימן פון פערזענלעכקייט, זענען בלינד געשטאַנען גרייט צו זייערע באַפעלן. קורטיזאַנישע זיטן האָבן געהערשט אין אָט דער רעפובליק אָן רעפובליקאַנער; עס זענען געווען סאָציאַליסטישע צייטונגען, סאָציאַליסטישע דעפוטאַטן, וואָס זענען געקראָכן אויף די בייכער פאַר די דורכפאָרנדיקע קעניגן; מענטשן מיט קנעכטישע נשמות, וואָס האָבן זיך געבויגן אין דרייען פאַר אַלערליי טיטלען, מעדאַלן און אויסצייכנונגען: כּדי זיי צו פירן אויף אַ שטריק איז גענוג געווען זיי צוצוואַרפן אַביינדל, אָדער אַן אויסצייכנונג. ווען די קעניגן וואָלטן באַשאָנקען אַלע פראַנצויזישע בירגער מיט אויסצייכנונגען, וואָלטן אַלע פראַנצויזן געווען ראָיאַליסטן.

די פּאָליטיקער האָבן געהאַט פרייע הענט. פון די דריי שטאַנדן פון 89־טן יאָר, איז דער ערשטער חרוב געוואָרן, דער צווייטער האָט אויסגעוואַנדערט אָדער געלעבט אין אייביקן פאַרדאַכט, און דער דריטער איז, איבערגעפרעסן מיט זיין נצחון, געשלאָפן. און וואָס שייך דעם פערטן שטאַנד, וואָס האָט אין די לעצטע צייטן מיט פאַרביסענעם צאָרן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אים איז נישט שווער געווען צו באַהערשן. די דעקאַדענטישע רעפובליק האָט זיי באַהאַנדלט, פונקט ווי די דעקאַדענטישע רוים, און איז זיך אַזוי באַגאַנגען מיט די באַרבאַרישע מחנות, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון אירע גרענעצן: זי האָט זיי איינגעזאַפּט אין זיך, און זיי זענען בקרוב געוואָרן אירע טרייע הינט. די בירגערלעכע מיניסטאָרן, וואָס האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַר סאָציאַליסטן, האָבן מיט אַ שפּיצל אַריבערגעצויגן אויף זייער זייט די אינטעליגענטערע און מוטיקערע פון די אַרבעטער־פירער; זיי האָבן אָפּגעזונדערט די פירער פון די מאַסן, איינגעשפּריצט זיי פריש בלוט און אַלס באַלוינונג זיי געפיטערט מיט שלעכט־פאַרדייטער וויסנשאַפט און בורזשואַזער אידעאָלאָגיע.

איינס פון די אינטערעסאַנטסטע מיטלען אַריבערצוציען די מאַסן צו דער בורזשואַזיע, זענען געווען די פּאָלקס־אוניווערזיטעטן. דאָס זענען געווען קליינע וויסנשאַפטס־מערק, אַן ערב־רב פון אַלע צייטן אין אַלע לענדער. מ׳האָט צוגעזאָגט צו לערנען לויטן פּראָגראַם „אַלע צווייגן פון דער פיזיק, ביאָליאָגיע און סאָציאָלאָגיע: אַסטראָנאָמיע, קאָסמאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, עטנאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פּסיכיאַטריע, געאָגראַפיע, לינגוויסטיק, עסטעטיק, לאָגיק א. א. וו.". אַ מוח פון אַ גאון האָט געקאָנט פּלאַצן פון אַזוי פיל וויסנשאַפטן.

אוודאי, דאָס איז געווען אין אָנהויב, און אין אַ סך אַזעלכע פרווון איז נאָך היינט אויך פאַראַן אידעאַליזם, באַדערפעניש צו לערנען דעם מענטשן אמת, שיינקייט, מאָראַל, ס׳איז אַ פּראַכטפולער געדאַנק. די דאָזיקע אַרבעטער, וואָס פלעגן נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג קומען און אָנפילן די ענגע, שטיקנדיקע פאַרזאַמלונגס־זאַלן, וואָס זייער דורשט צו וויסנשאַפט איז געווען שטאַרקער פון זייער מידקייט און הונגער, האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ וווּנדערלעך, רירנדיק בילד. אָבער ווי האָט מען מיסברויכט מיט דער נאַיווקייט פון די דאָזיקע מענטשן! אויף יעדן אמתן, אינטעליגענטן און מענטשלעכן אַפּאָסטאָל, אויף יעדן גרויסמוטיק האַרץ, וואָס האָט געהאַט די בעסטע כוונות, זענען געווען אָן אַ שיעור שוטים, פּלוידערזעק, אינטריגאַנטן, שרייבער אָן לייענער, רעדנער אָן צוהערער, לערער, גלחים, רעציטאַטאָרן, פּיאַניסטן, קריטיקער, אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן פאַרפּלייצט די מאַסן מיט זייערע פּראָדוקטן! יעדער איינער האָט געזוכט אויסצוברענגען זיין סחורה. צום מערסטן בעלנים האָבן, נאַטירלעך, געהאַט די גרעסטע מאַרק־שרייער, די פילאָזאָפישע רעדנער, וואָס פלעגן אָנקלייבן אַ גאַנצן באַרג באַקאַנטע געדאַנקען, געפלאָכטן דאָ און דאָרט מיט פאַקטן, וויסנשאַפטלעכע קאָמענטאַרן און קאָסמאָלאָגישע אויספירונגען.

די פּאָלקס אוניווערזיטעטן זענען געווען אויך אַן אָבזאַץ־מאַרק פאַר די אולטראַ־אַריסטאָקראַטישע קונסט־ווערק, גראַפיק, פּאָעזיע און

דעקאַדענטישע מוזיק. מ׳האָט געוואָלט אָפּנאַרן דעם עולם, כּדי יינגער צו מאכן דעם געדאַנק און אָפּפרישן די ראַסע. מ׳האָט געוואָלט אויפ־וועקן די פאָלקס־נשמה דורך די ראַפינירטע תּענוגים פון דער בור־זשואַזיע. די פאָלקס־מאסן האָבן עס גיריק אויפגעכאַפּט, נישט דערפאַר, וואָס עס איז זיי געפעלן געוואָרן, נאָר דערפאַר, וואָס דער מאַכל איז געווען אַ בורזשואַזער. קריסטאָף איז איינמאָל מיט מאַדאַם רוסען געגאַנגען אין איינער פון די פאָלקס-אוניווערזיטעטן און געהערט, ווי מ׳שפּילט פאַר אַן אַרבעטער-עולם דעביוסי צוזאַמען מיט „Bonne Chanson" פון גאַבריעל פאָרע און איינעם פון בעטהאָווענס לעצטע קוואַרטעטן. קריסטאָף גופא האָט פאַרשטאַנען בעטהאָווענס לעצטע ווערק ערשט נאָך לאַנגע יאָרן, אַ דאַנק זיין אַרבעט און דער אַנטוויקלונג פון זיין געשמאַק; און דעריבער האָט ער מיט מיטלייד געפרעגט איינעם פון זיינע שכנים:

— אָבער צי פאַרשטייט איר עס?

יענער האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַ בייזער האָן, און געזאָגט:

— אוודאי. פאַרוואָס זאָל איך עס נישט פאַרשטיין אַזוי גוט, ווי איר?

און כּדי צו ווייזן אים, אַז ער פאַרשטייט באמת, האָט ער אַפּלאָדירט אויף ביס, קוקנדיק אויף קריסטאָפן מיט אַן אַרויספאָדערנ־דיקן בליק.

קריסטאָף איז אַן אומעטיקער פון דאָרטן אַנטלאָפן; ס׳איז קלאָר געווען, אַז די דאָזיקע חברה האָט זיך איינגעגעבן צום פאַרסמען דאָס פאָלק טיף ביז די וואָרצלען: ס׳איז שוין מער קיין פאָלק נישט געווען.

— איר זענט אַליין דאָס פאָלק! — האָט אַמאָל אַן אַרבעטער געזאָגט צו איינעם פון די מוטיקע מענטשן, וואָס האָט געפּרוווט צו שאַפן אַ פאָלקס-טעאַטער.—איך בין פונקט אַזאַ גוטער בירגער, ווי איר!

אין אַ שיינעם אָוונט, ווען דער הימל איז געלעגן אויסגעשפּרייט, ווי אַן אָריענטאַלישער טעפּיך מיט וואַרעמע, אַביסל מאַטע פאַרבן אי־בער דער טונקעלער שטאָט, איז קריסטאָף געגאַנגען דורך די בולוואַרן

פון דעם נאָטרדאַם צום אינוואַלידן־פּלאַץ. אין דער צופאַלנדיקער נאַכט האָבן זיך די טורעמס פון דער קאַטעדרע געהויבן צום טונקעלן הימל, ווי משהס אויפגעהויבענע אָרעמס בעת דער שלאַכט. צווישן די גע־דיכטע הייזער האָט געגלאַנצט די גאָלדענע געשניצטע קויל פונם סענט־שאַפּעל, ווי אַ בליענדיקער הייליקער דאָרן. אויפן צווייטן ברעג פון וואַסער האָט דער לוווער קעניגלעך געשטראַלט, און זיינע טרויע־ריקע אויגן האָבן געגלאַנצט אינם זון־אונטערגאַנג מיטן לעצטן פונק פון לעבן. טיף אויפן אינוואַלידן־פּלאַץ, הינטער די טיפע גראָבנס און הויכע מויערן, האָט זיך איינזאַם געהויבן דער טונקל־גאָלדענער, מאַ־יעסטעטיש־איינזאַמער קופּאָל, ווי אַ סימפאָניע פון ווייטע נצחונות. דער טריומף־בויגן איז געהאָנגען איבער בערגלעך, ווי אַ סימבאָל פון העל־דישן איבערמענטשלעכן גאַנג פון די קייזערלעכע לעגיאָנען.

און פּלוצלינג האָט קריסטאָף געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ טויטער ריז, וואָס זיינע קאָלאָסאַלע אברים האָבן פאַרדעקט דעם פּליין. צוזאַמענגעדריקט פון שרעק, איז ער געבליבן שטיין און שווייגנ־דיק באַטראַכט די גיגאַנטישע שיריים פון אַ לעגענדאַרער ראַסע, וואָס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער ערד און וואָס די גאַנצע וועלט איז פול געווען מיט אָפּקלאַנג פון אירע טריט, — אַ ראַסע, וואָס איז ווי אַ העלם געהאנגען איבערן אינוואַלידן־הויז און אַרומגעגאַרטלט דעם לוווער; אַ ראַסע, וואָס האָט מיט די טויזנטער אָרעמס פון אירע קאַ־טעדראַלעס אַרומגענומען דעם הימל, און געשטעלט אויפן נאַקן פון דער וועלט די צוויי זיגרייכע פיס פון נאַפּאָלעאָנס בויגן, וואָס אונ־טער אים ווימלען היינט קאַרליקעס.

אָן שום מי פון זיין זייט, איז קריסטאָף אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן באַרימט אין די פּאַריזער קרייזן, ווו סילוועך קאָן און גוזשאַר האָבן אים אַריינגעפירט. די אָריגינאַליטעט פון זיין פּערזאָן, וואָס מ׳פּלעגט אומעטום באַמערקן, צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע צוויי פריינד אויף אַלע טעאַטער־פּרעמיערעס און קאָנצערטן, זיין אויסדרוק־פולע מיאוסקייט, זיינע לעכערלעכקייטן, זיינע אומגעלומפּערטע, קאָמי־שע באַוועגונגען, די פּאַראַדאָקסאַלע ווערטלעך, וואָס פלעגן זיך אים

אָפּט אַרויסלאָפן, זיין שלעכט געשניצטע אָבער ברייטע און געזונטע אינטעליגענץ, און די ראָמאַנטישע מעשות וואָס סילוועץ קאָן האָט דערציילט וועגן זיין לעבן אין דייטשלאַנד, וועגן זיין קאָנפליקט מיט דער פּאָליציי און אַנטלויפן קיין פראַנקרייך, — דאָס אַלץ האָט אַרויס־גערופן צו אים די פוילע נייגעריקייט פון דעם גרויסן אינטערנאַציאָ־נאַלן האָטעל־סאַלאָן, וואָס פראַנקרייך איז געוואָרן אין יענער צייט. כל זמן ער האָט זיך געהאַלטן אין דער זייט, געקוקט, געהערט, גע־וואָלט פאַרשטיין און נישט אַרויסגעזאָגט קיין מיינונגען, כל זמן מ׳האָט נישט געקענט זיינע ווערק און טיפע געדאַנקען, איז מען געווען גוט געשטימט צו אים. די פראַנצויזן זענען אים געווען דאַנקבאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט בלייבן אין דייטשלאַנד. דער עיקר זענען די פראַנצויזישע מוזיקער געפעלן געוואָרן קריסטאָפס אומגערעכטע מיינונ־גען וועגן דער דייטשער מוזיק: — (באמת זענען עס געווען אַלטע מיינונגען, וואָס ער וואָלט על פּי רוב שוין אַליין מיט זיי נישט מסכּים געווען: דאָס זענען געווען אַלטע אַרטיקלען, וואָס זענען אַמאָל געדרוקט געווען אין אַ דייטשער צייטונג, און פאַראַדאָקסן, וואָס זענען אָנגעשריבן און באַפּוצט געוואָרן דורך סילוועץ קאָן). — קריסטאָף האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אָבער קיינעם נישט געשטערט, קיינעמס אָרט נישט פאַרנומען. ער האָט געהאַט די ברירה צו ווערן אין דער געזעלשאַפט אַ גרויסער מענטש. ער האָט נאָר געדאַרפט גאָרנישט שרייבן אָדער שרייבן וואָס ווייניקער, און דער עיקר נישט לאָזן אויספירן זיינע ווערק און אָפּגעבן אַ טייל פון זיינע געדאַנקען אַזעל־כע מינים גוזשאַרן און נאָך אַזעלכע פּירות, וואָס האָבן געהאַט דעם באַ־רימטן דעוויז:

— מיין כּוס איז נישט גרויס, אָבער ס׳מאַכט נישט אויס... איך טרונק פון מיין חברס.

אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט ווירקט שטראַלנדיק קודם כּל אויף יונגע מענטשן, וואָס זענען מער פאַרטון מיט פּילן ווי מיט טון. און אַזעלכע יונגע לייט האָבן נישט געפילט אַרום קריסטאָפן. בכלל האָבן זיי געהערט צו יענע ליידיקגייער אָן ווילן, אָן אַ צוועק און אָן אַ תּכלית, וואָס ציטערן פאַרן אַרבעטס טיש, האָבן מורא צו בלייבן אַליין מיט זיך, ליגן שטענדיק אויסגעצויגן אין די פאָטעלן, בלאָנדזשען אַרום פון קאַפעען אין טעאַטערן, און זוכן כּסדר אַן אויסרייד נישט צו גיין אַהיים, כּדי נישט צו טרעפן זיך מיט זיך אַליין פּנים אל פּנים. זיי

פלעגן קומען צוגיין, אויסציען זיך אין די שטולן, פאַרברענגען גאַנ־צענע שעהן אין באַנאַלע שמועסן און איבעררייסן צוליב איבערגע־פרעסנקייט, עקל, גלייכצייטיק הונגער, פילנדיק די באַדערפעניש צו־זאַמען מיטן עקל ווייטער צו פלוידערן. זיי האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום קריסטאָפן, ווי געטהעס הינט, ווי „לויערנדיקע נאַכט־רוחות״, וואָס זוכן צו פאַרכאַפן נשמות, כדי זיך אָנצוקלאַמערן אין לעבן.

אַ פוסטער שוטה וואָלט געקאָנט געפינען אין די דאָזיקע פאַ־ראַזיטן פאַרגעניגן; אָבער קריסטאָף האָט נישט ליב געהאַט צו שפּילן די ראָל פון אַן אָפּגאָט. אגב, האָט אים געשראָקן די אידיאָטישע עמ־פינדלעכקייט פון זיינע אָנהענגער, וואָס האָבן אין אַלע זיינע מעשים געזוכט די באַנאַלסטע כוונות. עפּעס רעגאַנישעס, ניטשעאַנישעס, הער־מאַפראָדיטישעס. ער האָט זיי פאַרטריבן פון זיך. ער איז נישט באַ־שאַפן געוואָרן פאַר אַ פּאַסיווער ראָל און האָט שטענדיק, מיט אַלע זיינע מעשים, געשטרעבט צום ציל. ער האָט געלערנט און געפּאָרשט כדי צו פאַרשטיין, און געוואָלט פאַרשטיין כדי צו טון. ער איז גע־ווען פריי פון יעדן שול־צוואנג און פון אַלערליי פּאָראורטיילן! ער האָט אַלץ אָבסערווירט, אלץ געלייענט, געלערנט אַלע געדאנקען־פאָרמען און אויסדריקס־אופנים פון אנדערע לענדער און אנדערע צייטן אויפן געביט פון קונסט. אין קעגנזאַץ צו די פראנצויזישע קינסטלער, וואָס ער האָט שטודירט, אָט די געשיקטע ערפינדער פון נייע פאָרמען, וואָס האָבן אָנאויפהער ערפינדן און דערוויייל פאַרלוירן זייערע ערפינדונגען, האָט ער זיך באמיט וויניקער צו באַנייען אין דער מוזיק, אָבער דערפאַר שטאַרקער אויסצודריקן; ער האָט נישט געוואָלט זיין אויסערגעוויינלעך נאָר שטאַרק. די דאָזיקע ליידנשאפט־לעכע קראפט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פראנצויזישן זשעני פון פיינקייט און מאָס. זי האָט נישט פאַרטראָגן דעם סטיל לשם סטיל און קונסט לשם קונסט. די בעסטע פראנצויזישע מוזיקער האָבן געמאכט אויף אים אַן איינדרוק ווי לוקסוס־אַרבעטער. איינער פון די בעסטע דיכטער אין פאַריז האָט זיך געוויילט דערמיט, וואָס ער האָט צונויפ־געשטעלט, „אַ רשימה פון מלאכות אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע פון אונזער צייט, יעדערער מיט זיינע סחורות פּראָדוקטן און הכנסות״, און ער האָט אויסגערעכנט: „קרישטאָל מנורות, פּערסישע דיוואַנען, גאָלדענע און בראָנזענע מעדאַלן, איידלשטיינער, שפּיצן פאַר אַלמנות פון דער העכערער געזעלשאפט, פילפאַרביקע סקולפּטן, בלומען־

פּאַיאַנס״, וואָס זענען אַרויס אין דער אָדער אין יענער פּאַבריק פון זיינע חברים. זיך אַליין האָט ער פאָרגעשטעלט, ווי אַ מענטש, „וואָס שטייט אין אַ ווינקל פון דער פּוסטער ליטעראַרישער אַטעליע און פאַרריכט אַלטע דעקאָראַציע־לייוונטן, אָדער ער רייניקט שווערטן, וואָס מען קאָן נישט באַנוצן״. די דאָזיקע אויפפאַסונג פון אַ קינסט־לער, ווי אַ גוטער אַרבעטער, וואָס זאָרגט נאָר צו פאַרפולקאָמענען זיין קונסט, האָט פאַרמאָגט אַ געוויסן ווערט, זי האָט אָבער קריסטאָפן נישט צופרידנגעשטעלט. און הגם ער האָט דרך ארץ געהאַט פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער זעלבסטווירדע, האָט ער געפילט אַ פאַראַכטונג צו דער לעבנס אָרעמקייט, וואָס ס׳האָט זיך באַהאַלטן הינטער איר. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קאָן מען עס שרייבן לשם שרייבן, אָדער רעדן לשם רעדן. ער האָט נישט גערעדט קיין ווער־טער, נאָר גערעדט — אָדער געוואָלט רעדן — ממשותדיקע זאַכן.

Ei dice cose, e voi dite parole...

נאָכן פּעריאָד פון רו, ווען קריסטאָף איז געווען פאַרנומען מיט איינזאַפּן אין זיך און באַאַרבעטן אַ נייע וועלט, האָט אים פּלוצ־לינג באַהערשט אַ דראַנג צו שאַפן, דער אַנטאַגאָניזם צווישן אים און פּאַריז, וואָס האָט אויפגערעגט זיין פעריזנלעכקייט, האָט פילפאַכיק פאַרשטאַרקט זיינע כּוחות. אַ שפע פון שטאַרקע געפילן האָט באַפעלע־ריש געמאָנט אַ תּיקון. דאָס זענען געווען געפילן פון פאַרשידענע מינים, אָבער אַלע האָבן געגליט מיטן זעלבן פייער. ער האָט געמוזט שמידן ווערק, באַפרייען זיך פון דער שווערער משא, וואָס האָט אָנ־געפילט זיין האַרץ איבער די ברעגעס: באַפרייען זיך פון ליבע און פון האַס, פון ווילן און פון פאַרצווייפלונג. ער האָט געמוזט פריי לאָזן אַלע בייזע רוחות, וואָס האָבן זיך אין אים געעאַמפּערט. ווייל זיי האָבן אַלע אין אַ גלייכער מאָס געהאַט דאָס רעכט צו לעבן און עקזיסטירן. ער האָט זיך נאָר וואָס באַפרייט פון איין ווערק — און טיילמאָל נישט געהאַט קיין געדולד עס צו פאַרפאָלקאָמענען — און שוין האָט אים באַהערשט אַ פרישע שטימונג, וואָס איז געווען דער היפּוך פון דער פריערדיקער; אָבער די דאָזיקע סתּירה איז

נאָר געווען לפּנים: ער האָט זיך טאַקע אָן אויפֿהער געביטן און דאָך געבליבן דער אייגענער, אַלע זיינע ווערק זענען געווען פֿאַרשידענע וועגן, וואָס האָבן געפֿירט צו איינעם און דעם זעלביקן ציל. זיין נשמה איז געווען ענלעך צו אַ באַרג: ער האָט אַלץ העכער געקלעטערט איבער די שטעגלעך. אַנדערע שטעגן האָבן זיך געלאָזן און בנעימותדיק געשלענגלט אין שאָטן, אַנדערע ווידער זענען האַסטיק געגאַנגען באַרג אַרויף, געברענט פֿון דער זון. אָבער אַלע וועגן האָבן געפֿירט צו גאָט, וואָס האָט געקעניגט אויפֿן שפּיץ באַרג. ליבע, האַס, ווילן, יאוש, אַלע מענטשלעכע כּוחות, מיטגעריסן פֿונם פּאַראָקסיזם זענען געגאַנגען אויפֿן וועג צו דער אייביקייט, כּדי זיך מיט איר צו באַהעפֿטן. יעדער מענטש טראָגט זי אין זיך: דער גאָטספּאָרכטיקער און דער כּופֿר; דער, וואָס זעט דאָס לעבן אומעטום, און דער, וואָס פֿאַרלייקנט עס, און אויך דער, וואָס צווייפֿלט סיי אין לעבן און סיי אין דער פֿאַרלייקענונג, — און אויך קריסטאָף, וואָס האָט געטראָגן אין נשמה אַלע סתּירות צוזאַמען, אַלע קעגנזאַצן צעשמעלצן זיך אין דער אייביקער קראַפֿט. דער עיקר איז געווען פֿאַר קריסטאָפֿן צו וועקן אין זיך און אין אַנדערע דעם דאָזיקן כּוח, צוצולייגן האָלץ צום פֿייער, כּדי די אייביקייט צו צעפֿלאַקערן. אַ גרויסער פֿלאַם האָט זיך אַ הויב געטון פֿון זיין האַרץ אַרויס אינמיטן דער פּאַריזער פֿאַרוויילונגס-נאַכט. ער האָט זיך געזען פֿריי פֿון יעדן גלויבן, און דאָך איז ער געווען איין גרויסער פֿאַקעל פֿון גלויבן.

קיין שום אַנדער זאַך קאָן נישט געבן דער פֿראַנצויזישער איראָניע אַזאַ ברייט פֿעלד אָנצוגרייפֿן. דער גלויבן איז איינס פֿון יענע געפֿילן, וואָס די מער־ראַפֿינירטע געזעלשאַפֿט קאָן בשום-אופֿן נישט מוחל זיין, ווייל זיי אַליין האָבן דעם גלויבן פֿאַרלוירן, ווילן זיי נישט, אַז אַנדערע זאָלן אים האָבן. אין דער איינגעהאַלטענער שפּאָטישער שנאה פֿון אַ סך מענטשן צי יוגנט־חלומות שטעקט אין אַ גרויסער מאָס דער ביטערער געדאַנק, אַז זיי זענען אויך אַמאָל אַזוי געווען, אויך געהאַט אַמאָל אַמביציעס, נאָר זיי נישט רעאַליזירט. אָט די אַלע, וואָס האָבן פֿאַרלייקנט זייער נשמה, אַלע, וואָס האָבן פֿאַרטראַכט אין זיך אַ ווערק און עס נישט אויסגעפֿירט, כּדי צו באַקומען דערפֿאַר אַ לייכט, באַקוועם לעבן, אָט די אַלע טראַכטן זיך אין האַרצן:

— צו וואָס טוען זיי דאָס, וואָס איך האָב געטרוימט צו טון און נישט געקאָנט אויספירן? איך וויל נישט, זיי זאָלן עס טון.

וויפיל העדדאַ גאַבלערס זענען פאַראַן צווישן די מענטשן! ס׳אַראַ שווערער קאַמף עס קומט פאָר קעגן די נייע, פרישע כּוחות, וויפיל וויסנשאַפט עס ווערט פאַרשווענדט דערויף, כּדי זיי אומצו־ברענגען דורך פאַרשווייגן, איראָניע, מיסברויך, מוטלאָזיקייט אָדער אונטערשטעלן אַ פיסל אין אַ פּאַסיקן מאָמענט!...

אין אַלע לענדער — דער זעלבער טיפּ. קריסטאָף האָט אים געקענט, ער האָט אים שוין געהאַט באַגעגנט אין דייטשלאַנד. קעגן אַזעלכע מענטשן איז ער געווען גוט באַוואָפנט. זיין פאַרטיידיקונגס־מעטאָד איז געווען אַ פּשוטער: ער פלעגט זיי אָנגרייפן דער ערש־טער; זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוטרעטן, האָט ער זיי שוין אַרויסגערופן צום קאַמף; ער האָט געצווונגען אָט די דאָזיקע געפער־לעכע פריינט צו ווערן זיינע שונאים. אָבער אויב אָט די אויפריכ־טיקע פּאָליטיק איז געווען בכּוח צו פאַרטיידיקן זיין פּערזענלעכקייט, האָט זי אים אָבער אָן אַ שיעור שווערער געמאַכט דעם גאַנג אויף זיין קינסטלערישן וועג. קריסטאָף איז באַגאַנגען די זעלבע פעלערן, וואָס אין דייטשלאַנד. זיין נאַטור האָט אים גובר געווען. בלויז איין זאַך האָט זיך געענדערט: ער איז געווען פריילעך און פול מיט הומאָר.

יעדן איינעם, אַבי ער האָט נאָר געוואָלט הערן, פלעגט ער איבערגעבן זיינע קריטישע מיינונגען וועגן די פראַנצויזישע אַרטיסטן. דערמיט האָט ער זיך געקויפט אַסאַך שונאים. ער איז אַפילו נישט געווען אַזוי פאָרזיכטיק, צו שאַפן זיך, ווי אַלע באַרעכנטע מענטשן, אַ קליינע גרופּע חברים, אויף וועלכע זיך צו שטיצן. ס׳איז לייכט געווען צו געפינען אין זיין סביבה קינסטלער, וואָס וואָלטן גערן פון אים געהאַלטן, אַבי ער זאָל האַלטן פון זיי. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים באַוואונדערט צייטווייליק אָן שום שׂכר, אָבער מיטן מיין צו באַקומען שפּעטער. אויף אַ מענטשן, וואָס זיי האָבן געריימט, האָבן זיי געקוקט, ווי אויף אַ בעל־חוב, וואָס מען קאָן פון אים אין יעדער צייט איינמאָנען דעם חוב, ווייל יעדער טאָג איז דערצו פּאַסיק. לויט זייער מיינונג איז עס געווען אַ משכּון אין גוטע הענט. אָבער קריסטאָף איז געווען אַ שווערער בעל־דבר. ער האָט נישט געצאָלט קיין גראָשן, פאַרקערט, זיין חוצפּה איז געווען אַזוי

גרויס, אַז ווערק פון מענטשן וואָס האָבן פון אים גופא שטאַרק געהאַלטן, האָט ער געקאָנט ערקלערן פאַר זייער שלעכט. דעריבער האָבן זיי אין האַרצן געטראָגן צו אים אַ שנאה, נאָר בשעת־מעשה גאָרנישט גערעדט און באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אָפּצוצאָלן אים מיט דער זעלביקער מטבע.

צו די אומגעלומפּערטקייטן, וואָס קריסטאָף האָט אפגעטון, האָט אויך געהערט דער קאַמף, וואָס קריסטאָף האָט אָנגעהויבן קעגן לוסיען לעווי־קער. ער פלעגט אים שטענדיק באַגעגענען אויפן וועג און נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין אויסערגעוויינלעכן ווידערווילן צו דער דאָזיקער ווייכער, העפלעכער בריאה, וואָס האָט, לפנים, קיין שלעכטס נישט געטון, האָט אויסגעזען אַפילו בעסער פון אים און פאַרמאָגט אָן אַ שיעור מער טאַקט. ער פלעגט אים אַרויספאָדערן אויף אַ דיסקוסיע, און הגם דער ענין איז שטענדיק געווען אַ לייכטער, פלעגט ער אָבער, אַ דאַנק קריסטאָפן, באַקומען אַ באַזונדערע, שאַרפקייט, וואָס האָט פאַרחידושט אַלע צוהערער. ס'האָט אויסגעזען, ווי קריסטאָף וואָלט שטענדיק געזוכט אַן אויסרייד אָנצופאַלן מיט אַ פאָרויסגעבוירגענעם קאָפּ אויף לוסיען לעווי-קער. אָבער דער אָנגריף פלעגט אים קיינמאָל נישט געלינגען. אַפילו בעת עס איז קלאָר געווען, אַז לוסיען לעווי-קער איז אומגערעכט, האָט ער אויף אַ געשיקטן אופן געשפּילט די ראָל פון אַ זיגער. ער האָט זיך פאַרטיידיקט מיט אַ באַזונדערער העפלעכקייט, וואָס האָט בולטער געמאַכט קריסטאָפס נישט העפלעכע האַלטונג. קריסטאָף האָט גערעדט אַ שלעכטן פראַנצויזיש, געמישט מיט גאַס־אויסדרוקן, אָפּטמאָל פּשוטע ווערטער, וואָס ער האָט געוווסט זייער פּשט, נאָר ווי אַ סך אויסלענדער באַנוצט זיי נישט אויפן ריכטיקן אָרט. ער איז דעריבער נישט געווען מסוגל צו פירן אַ קאַמף מיט לעווי־קערס טאַקטיק און האָט זיך בייז געוווערט קעגן זיין איראָנישער העפלעכקייט. קיינער האָט אים נישט געגעבן גערעכט, ווייל קיינער האָט נישט באַמערקט דאָס, וואָס קריסטאָף האָט טיף געפילט— די צביעות פון דער דאָזיקער העפלעכקייט, וואָס האָט באַגעגנט אַ שטאַרקערן כּוח און געוואָלט אים דערשטיקן אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט באַמערקן. לעווי־קער האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט פּונקט ווי קריסטאָף פיינט געהאַט זיין צייט; נאָר ער האָט אין זינען געהאַט, חרוב צו מאַכן, בעת קריסטאָף האָט געמיינט צו בויען. מיט ווייניק אָנשטרענגונג איז לעווי־קערן געלונגען צו צעשיידן קריי־

סטאָפּן פון סילוועך קאָן און גוזשאַרן, פּונקט ווי ער האָט אים פּאַר דעם ביסלעכווייז פאַרטריבן פון די סטעוואַנס. ער האָט געשאַפן אַרום קריסטאָפן אַ פּוסטן חלל.

קריסטאָף איז געווען דערפון צופרידן. אַזוי־ווי ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי אָדער, בעסער געזאָגט, געווען קעגן אַלע פּאַרטייען, האָט ער קיינעם נישט געקאָנט צופרידנשטעלן. ער האָט נישט ליב געהאַט די יידן, אָבער נאָך ווייניקער האָט ער ליב געהאַט די אַנטיסעמיטן. אָט די פּחדנות פון די מאַסן, וואָס האָבן זיך געבוגטעוועט קעגן דער דאָזיקער שטאַרקער מינדערהייט, נישט צוליב איר שלעכטסקייט נאָר דווקא צוליב איר שטאַרקייט, די אַנטיסעמי־טישע אויפרופן, וואָס האָבן געערעדט צו די נידעריקע אינסטינקטן פון קנאה און האַס — האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך. אַזוי אַרום האָבן אים די יידן געהאַלטן פאַר אַן אַנטיסעמיט און די אַנטיסעמיטן פאַר אַ יידן־פריינד. אויך די קינסטלער האָבן געפילט אין אים אַ שונא. אין דער קונסט האָט קריסטאָף אינסטינקטיוו אַרויסגעוויזן מער דייטשע עלעמענטן, ווי ער האָט באמת פאַרמאָגט. ער האָט באַקעמפט די תאווהדיקע, גייסטיקע שוואַכקייט פון דער פּאַריזער מוזיק, און דעריבער איבערגעטריבן די באַדייטונג פונם שטאַרקן ווילן, פונם גע־זונטן מענלעכן פעסימיזם. ווען אין זיינע ווערק פלעגט זיך דורכ־רייסן די פרייד, האָט זי נישט פאַרמאָגט קיין טעם, און איז געווען המוניש און ענטוזיאַסטיש, אַזוי, אַז זי האָט אויפגעבראַכט אי די פּאַטראָנען פון דער פאָלקס־קונסט. זי האָט פאַרמאָגט אַ וויסנשאַפטלע־כע נישט געשליפענע פאָרם, טיילמאָל האָט זי צוליב קאָנטראַסט פאַר־נאַכלעסיקט, לפנים, דעם סטיל און אַרויסגעוויזן אַבסאָלוטע גלייכגילטי־קייט צו אויסערלעכער אָריגינאַליטעט, וואָס פלעגט אויפרעגן די פּאַ־ריזער מוזיקער. די, צו וועלכע ער האָט געשיקט עטלעכע פון זיינע ווערק האָבן זיי דעריבער, נישט איבערלייענענדיק זיי ווי עס דאַרף צו זיין, אַריינגעוואָרפן אין דעם קאָרב פון דער אַלגעמיינער פאַראַכטונג, וואָס די פראַנצויזן האָבן געפילט צום פאַרשפּעטיקטן וואַגנעריאַניזם, פון דער דעמאָלטיקער פראַנצויזישער שול. קריסטאָף האָט דערויף כמעט קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט געלאַכט אין האַרצן און איבערגעחזרט פאַר זיך די פערזן פונם פראַכטפולן מוזיקער פון דעם פראַנצויזישן רענעסאַנס, וואָס ער האָט צוגעפּאַסט צו זיין לאַגע:

Va, va, ne t'esbahy de ceux la qui diront:
Ce Cristophe n'a pas d'un tel le contrepoint,
Jl n'a pas de cestuy la pareille harmonie.
J'ai quelque chose aussi que les autres n'ont point.

. . . .

גיי גיי, פאַל נישט אַראָפּ פון מוט, אויב עמעצער זאָגט:
קריסטאָף פאַרמאָגט נישט אַזאַ קאָנטראַפּונקט,
אַזאַ מין האַרמאָניע, ווי דער אָדער יענער.
איך פאַרמאָג עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער פאַרמאָגט נישט.

אָבער בעת ער האָט געפּרוווט איבערגעבן זיינע ווערק צו קאָנצערטן, האָט ער געטראָפן פאַרמאַכטע טירן. ס'איז געווען עד־בלי־די, וואָס זיי שפּילן נישט — אָדער זיי שפּילן נישט — אויף דער בינע די ווערק פון פּראָוינציזישע מוזיקער. זאָלן זיי נאָך לעגן אַכט אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטן דייטש?

קריסטאָף האָט זיך נישט איינגעעקשנט. ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער און זיך ווידער פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. ס'האָט אים נישט געאַרט, צי די פאַריזער וועלן הערן זיין מוזיק אָדער נישט; ער האָט געשריבן פאַר זיין הנאה וועגן און נישט כדי צו האָבן ערפאָלג. דער אמתער קינסטלער זאָרגט נישט פאַר דער צוקונפט פון זיין ווערק. ער איז פּונקט ווי די רענעסאַנס־מאָלער, וואָס האָבן גערן געמאָלט שטוב־פאַסאַדן, הגם זיי האָבן געוווסט, אַז אין צען יאָר אַרום וועט דערפון קיין סימן נישט בלייבן. אָט אַזוי האָט קריסטאָף געאַרבעט רויק, און מיט פעסטן גלויבן געוואַרט אויף בעסערע צייטן. נאָר אומגעריכט איז אָנגעקומען די הילף.

קריסטאָפן האָט אין יענער צייט געצויגן די נייע פאָרם. ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין מוט זיך פריי איבערצוגעבן דעם שטראָם פון זיין אינערלעכן ליריזם. ער האָט געפילט אַ באַדערפניש איינצוהאַלטן דעם שטראָם אין באַשטימטע גרענעצן. און ס'איז בלי ספק אַ מעלה פאַר אַ יונגן טאַלענט, וואָס קאָן זיך נישט באַהערשן און קאָן

נאָך נישט געגוי זיין אייגענעם וועג, איינצושפּאַרן אין ענגע גרענעצן זיין גייסט, וואָס גליטשט זיך אים אַרויס. דאָ זענען נויטיק שלוזן, וואָס לאָזן רעגולירן דעם שטראָם פון געדאַנק. — צום אומגליק האָט קריסטאָפן געפעלט אַ פּאָעט. ער איז דעריבער געצוווּנגען געווען אויסצוקלויבן אַליין דעם שטאָף אין לעגענדעס און אין דער געשיכטע.

צווישן די טעמעס, וואָס האָבן זיך אין אים, זינט עטלעכע חדשים גערעגט, זענען געווען אויך ביבלישע בילדער. די ביבל, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אויף זיין וואַנדער־וועג איז געוואָרן פאַר אים אַ קוואַל פון חלומות. הגם ער האָט זי נישט געלייענט מיט דער רעליגיעזער כוונה, איז אים די דאָזיקע מאָראַלישע אָדער, בעסער געזאָגט, לעבנס ענערגיע פון דעם העברעישן איליאַס, געוואָרן אַ קוואַל, ווו ער האָט יעדן אָוונט געטובלט זיין נאַקעטע נשמה, וואָס איז געווען איינגעשמירט אין די פּאַריזער ב׳אָטעס און נעפּלען. אויף דעם הייליקן זין פון אָט דעם ספר האָט ער נישט געלעגט קיין אַכט; ער איז אָבער במילא געוואָרן פאַר אים הייליק מיכן אָטעם פון זיין ווילדער נאַטור און מיט זיינע פּרימיטיווע אינדיווידואַליטעטן. ער האָט געזויגן די הימנען פון אָט דער ערד, וואָס איז אויפגעפרעסן געוואָרן פון גלויבן, פון די טאַנצנדיקע בערג, פון די לאַכנדיקע הימלען און פון די מענטשן, ווי די לייבן. איינס פון די בילדער, וואָס איז אים געווען שטאַרק צום האַרצן, איז געווען די געשטאַלט פון יונגן דוד. ער האָט נישט געקוקט אויף אים מיט אַן איראָנישן שמייכל, ווי אויף אַ פלאָרענטינער גאַסן־יינגל און נישט מיט קיין טראַגישער שפּאַנונג, ווי ווערָאָקיאָ און מיקל אַנדזשעלאָ האָבן אים פאָרגעשטעלט אין זייערע דערהויבענע ווערק: ער האָט זיי נישט געקענט. זיין דודן האָט ער געזען, ווי אַ קליין פּאָעטיש פאַסטוכל מיט אַ יונגפרײלעך האַרץ, ווו ס׳האָט געדרימלט העלדנמוט, אַ מין זיגפריד פון דרום, פון אַן איידעלערער ראַסע, שענער, האַרמאָנישער אין קערפּער און גייסט.—ווייל וואָס מער ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם לאַטייניש גייסט אַלץ שטאַרקער האָט דער דאָזיקער גייסט, קעגן זיין ווילן, גענומען אין אים אַדורכדרינגען. די קונסט ווערט באַאיינפלוסט נישט נאָר פון קונסט אַליין און נישט בלויז פונם געדאַנק, נאָר פון אַלץ, וואָס דעם מענטשן רינגלט אַרום:— מענטשן, זאַכן, זשעסטן, באַוועגונגען, ליניען, דאָס ליכט פון

יעדער שטאָט; די פּאַריזער אַטמאָספער איז געווען זייער שטאַרק: זי האָט געפאָרמירט די עקשנותדיקסטע גייסטער. און אַ גערמאַנישער גייסט איז בטבע ווייניקער מסוגל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, ווי אַן אַנדערער: אומזיסט פאַרשלייערט ער זיך מיט נאַציאָנאַלער גאווה; זי טוט זיך אויס פון איר נאַציאָנאַליזם גיכער ווי אַנדערע אייראָפּעישע גייסטער. קריסטאָפס גייסט האָט שוין געגומען איינזאַפּן אין זיך, אַליין נישט וויסנדיק דערפון, אַ מין קלאָרקייט און דורכזיכטיקייט פון דער לאַטייגישער קונסט, איר חוש פאַר געפילן, און אין אַ געוויסער מאָס אויך איר פּלאַסטישע שיינקייט, וואָס זי וואָלט אָן די אויבנדערמאָנטע מעלות קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. זיין דוד איז געווען די בעסטע ראיה דערצו.

ער האָט געוואָלט שילדערן עטלעכע עפּיזאָדן פון זיין יוגנט: די באַגעגעניש מיט שאולן, די מלחמה מיט גליתן. ראשית האָט ער אָנגעשריבן די ערשטע סצענע און אויפגעפּאַסט זי, ווי אַ סימפאָניש בילד פון צוויי פּערזאָן.

אויף אַן איינזאַם בערגל, צווישן בליענדיקע ערבות, ליגט אַ קליין פּאַסטעכל און חלומט אויף דער זון. דאָס בלענדענדיקע ליכט, די זשומעריי פון די פליגן. דער לייכטער שאָרך פון די געוויגטע גראָזן, ווייטע זילבער קלאַנגען פון די סטאַדע־גלעקלעך, דער אָטעם פון דער פרישער ערד—שלעפערן איין דאָס ייִנגל, וואָס איז פאַרזונקען אין חלומות און ווייס נאָך נישט פון זיין געטלעכער שליחות. ער גיסט צונויף זיין זיסע שטים מיט די קלאַנגען פון אַ פּייפל אין אַ שטילער האַרמאָניע; און די מוזיק איז אַזוי רויק און הויל דורכזיכטיק, אַז דער צוהערער פאַרגעסט זיין פרייד און זיין צער און טראַכט, אַז נאָר אַזוי דאַרף זיין און נישט אַנדערש.— פּלוצלינג באַדעקט זיך דער הימל איבער די ערבות מיט שווערע וואָלקנס; אין דער לופט איז שטיל; פּונקט ווי דאָס לעבן וואָלט צוריק אַנטרינען געוואָרן. נאָר דאָס פּייפל שפּילט מיט דער זעלביקער רויקייט, וואָס פריער. און אָט קומט אָן דער מלך שאול געפּלאָגט פון ווילדע זעאונגען. דער וואַנזיניקער מלך, וואָס איז אַ שפּיל אין די הענט פון דעם גאָרנישט ברענט, ווי אַ פייער, וואָס פרעסט זיך אַליין אויף און צעפלאַקערט זיך ווי אַ שטורם. ער בעט זיך ביי דער פּוסטקייט, ביי דעם חלל, וואָס רינגלט אים אַרום און פילט אָן זיין נשמה, ער שעלט אים און ווערט זיך קעגן אים. און בעת ער פאַלט מיט אַ

קורצן אָטעם אויף דער ערד, גייט אויף אין דער שטילקייט, ווי אַ רויק שמייכעלע, דאָס געזאַנג פון דעם פּאַסטעכל, ווי אַן אייביק שפּרודלענדיקער קוואַל. שאול באַהערשט זיך, גייט צו שטיל צום ליגנדיקן יינגל און קוקט אים שווייגנדיק אָן. דערנאָך זעצט ער זיך צו און לייגט אַרויף זיין הייסע האַנט אויפן פּאַסטעכלס קאָפּ. דוד הויבט אויף זיין פּנים צום מלך און קוקט אים אָן מיט אַ זיסן שמייכל, נישט אויפהערנדיק צו זינגען. ער שפּאַרט אָן זיין קאָפּ אויף שאולס קאָפּ און זינגט ווייטער. דער טאָג איז פאַרגאַנגען, דוד איז איינגעשלאָפן און שאול וויינט מיט ביטערע טרערן. און אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט, הויבט זיך ווידער אויף דער פרייד־הימן פון דער אויפגעלעבטער נאַטור צוזאַמען מיט אַ ליבּ־ליד פון אַן אויסגעהיילטער נשמה.

בעת קריסטאָף האָט געשריבן די דאָזיקע סצענע, איז ער געווען פאַרנומען נאָר מיט זיין אייגענער פרייד; אויף די סצענישע מיטלען האָט ער בכלל נישט געלעגט קיין אַכט, און ס'איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ס'איז מעגלעך די זאַך אויפצופירן. ער האָט זי באַשטימט פאַר אַ קאָנצערט און געוואַרט ביז די קאָנצערטן וועלן עס אָננעמען.

איינמאָל האָט ער גערעדט וועגן דעם מיט אַכיל רוסען און אויף זיין פאַרלאַנג געשפּילט עטלעכע שטעלן פון דער קאָמפּאָזיציע; צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט די קאָמפּאָזיציע רוסענען שטאַרק אַנטציקט. און ער האָט געזאָגט קריסטאָפן, אַז מען דאַרף זי שפּילן אויף אַ פאַריזער בינע פאַר יעדן פּרייז. ער האָט צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען דערמיט. קריסטאָפס פאַרוווּנדערונג איז נאָך גרעסער געוואָרן, בעת ער האָט אין עטלעכע טעג אַרום געזען, אַז רוסען האָט טאַקע בדעה אויסצופירן זיין פּלאַן, און ער האָט זיך צו זיין גרויסער איבעראַשונג דערוווּסט, אַז סילוואַן קאָן, גוזשאַר און אפילו לוסיען לעווי־קער לעגן זיך אַריין אין דער זאַך. מען מוז מודה זיין, אַז די פּערזענלעכע שנאה פון די דאָזיקע מענטשן האָט אָפּגעטרעטן דער ליבע צו קונסט. קריסטאָף האָט זיך געחידושט. ווייניקער פון אַלעמען האָט ער אַליין געזאָרגט פאַר דער אויפפירונג פון זיין ווערק. זי איז לחלוטין נישט געמאַכט געוואָרן פאַר טעאַטער. ס'איז געווען לויט זיין מיינונג, אַ גרויסע נאַרישקייט און אפילו אַ חרפּה עס צו טון. אָבער רוסען איז געווען אַזוי פאַרעקשנט, סילוואַן

קאָן האָט אים אַזוי פיל איינגערעדט, און גוזשאַר האָט זיך געהאַלטן אַזוי פעסט ביי דער מיינונג, אַז קריסטאָף האָט זיך געלאָזט איבער-רעדן. ער איז געוואָרן שוואַך, אַזוי שטאַרק האָט ער חשק געהאַט צו הערן זיין מוזיק!

פאַר רוסענען האָבן קיין מניעות נישט עקזיסטירט. דירעקטאָרן און אַרטיסטן האָבן זיך באַמיט אים אָנצוטון אַ נחת-רוח. איין צייטונג האָט איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן פרימאָרגן לטובת אַ צדקה־זאַך און באַשלאָסן צו שפּילן „דוד". מ'האָט צונויפגעשטעלט אַ גוטן אָרקעסטער און וואָס שייך זינגער, האָט רוסען פאַרזיכערט, אַז צו דודס ראָל האָט ער געפונען אַן אידעאַלן אינטערפּרעטאַטאָר.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציעס. דער אָרקעסטער האָט צום ערשטן מאָל געשפּילט גאַנץ גוט, הגם ס'האָט אים, לויטן פראַנ־צויזישן שטייגער, געפעלט אַביסל דיסציפּלין. שאול האָט געזונגען, וואָס אַן אמת, מיט אַ מידער שטים, אָבער גאַנץ גוט; ער האָט גע־קאָנט זיין פאַך. די ראָל פון דוד האָט געשפּילט אַ שיינע, הויכע, דיקע, פיין־געבויטע אַרטיסטין, אָבער מיט אַ סענטימענטאַלער וווּלגאַרער שטים, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין שווערע טרעלן און געמאַכט חנדלעך, ווי אין די קאַפע-קאָנצערטן. קריסטאָף האָט זיך פאַרקרומט. ער האָט תיכף נאָך די ערשטע טאַקטן איינגעזען, אַז מען קאָן זי נישט לאָזן שפּילן די ראָל ביזן סוף. בעת דער ערשטער הפסקה פונם אָרקעסטער, איז ער צוגעגאַנגען צום אימפּרעסאַריאָ, וואָס האָט גענומען אויף זיך די מאַטעריעלע זייט פונם קאָנצערט, און צוזאַמען מיט סילווען קאָן געקומען אויף דער רעפּעטיציע. ווען דער אימפּרע-סאַריאָ האָט אים דערזען פון דער וווייטן, האָט ער זיך מיט אַ שטראַלנדיק פּנים אָנגערופן:

— נו, איר זענט צופרידן?

— יאָ, — האָט קריסטאָף געענטפערט. — איך גלויב, עס וועט גיין גוט. נאָר איין זאַך איז מיר נישט ניחא: די זינגערין. מ'מוז זי פאַרבייטן אויף אַ צווייטע. זאָגט עס איר העפלעך, איר זענט געוווינט דערצו.... ס'וועט אייך אָנקומען לייכט צו געפינען אַן אַנדערע.

דער אימפּרעסאַריאָ האָט אויסגעזען איבעראַשט; ער האָט אַ קוק געטון אויף קריסטאָפן, ווי ער וואָלט נישט געוווסט, צי מיינט ער עס ערנסט אָדער אין שפּאַס, און געזאָגט:

— אָבער ס'איז אוממעגלעך!

— פאַרוואָס איז דאָס אוממעגלעך? — האָט קריסטאָף געפרעגט.
דער אימפּרעסאַריאָ האָט באַדייטונגספול אַ קוק געטון אויף סילווען קאָן און געזאָגט:
— זי פאַרמאָגט דאָך אַזוי פיל טאַלענט!
— זי פאַרמאָגט נישט קיין שום טאַלענט. — האָט קריסטאָף געזאָגט.
— ווי? אַזאַ שיינע שטים!
— זי פאַרמאָגט נישט קיין שטים.
— און אויסער דעם איז זי זייער שיין!
— איך שפּיי אויף דעם.
— עס קאָן דאָך נישט שאָדן, — האָט זיך סילווען קאָן מיט אַ געלעכטער אָנגערופן.
— איך דאַרף האָבן אַ דוד, און אַ דוד, וואָס קאָן זינגען. איך דאַרף נישט קיין שיינע העלענע. — האָט קריסטאָף געזאָגט.
דער אימפּרעסאַריאָ האָט זיך מיט פאַרלעגנהייט געקראַצט אין נאָז:
— ס'איז זייער נישט אָנגענעם, זייער נישט אָנגענעם, — האָט ער געזאָגט. — זי איז דאָך אַן אויסגעצייכנטע אַרטיסטין... כ'פאַרזיכער אייך. אפשר האָט זי היינט צופעליק נישט איבעריק גוט געזונגען. מ'דאַרף פּרוּוון נאָכאַמאָל.
— אַדרבה, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — נאָר ס'איז אַ שאָד די צייט.
די רעפּעטיציע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. ס'איז נאָך ערגער געוואָרן. קריסטאָף האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט דערוואַרטן ביזן סוף און ער האָט זיך אויפגערעגט. אין אָנהויב האָט ער דער זינגערין געמאַכט קאַלטע אָבער העפלעכע באַמערקונגען, וואָס זענען באַלד געוואָרן טרוקן און בייסנדיק. ס'האָבן נישט געהאָלפן אירע אָנשטרענגונגען אים צופרידנצושטעלן און די אויגלעך, וואָס זי האָט צו אים געמאַכט. דער באַרעכנטער אימפּרעסאַריאָ האָט איבערגעריסן די רעפּעטיציע אין אַ מאָמענט, ווען די זאַך איז געוואָרן געפערלעך. כדי צו פאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק פון קריסטאָפס באַמערקונגען, האָט ער גענומען זאָגן דער אַרטיסטין קאָמפּלימענטן. קריסטאָף, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון זיי און נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין אומגעדולד, האָט אים געגעבן אַ צייכן צוצוגיין און אים געזאָגט:

— איבעריקע רייד. איך וויל נישט די דאָזיקע אַרטיסטין׳ ס׳איז נישט אָנגענעם, איך ווייס עס, אָבער נישט איך האָב זי אויס־געקליבן. פירט עס דורך, ווי איר פאַרשטייט.

דער אימפּרעסאַריאָ האָט זיך מיט אַ ברוגז פּנים פאַרנייגט און גלייכגילטיק געזאָגט:

— איך קאָן גאָרנישט העלפן, ווענדעט זיך צום הער רוסען.

— וואָס גייט עס אָן דעם הער רוסען? — האָט קריסטאָף גע־פרעגט, — איך וויל אים נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַזעלכע לאַנגווייליקע זאַכן.

— דער ענין איז פאַר אים נישט לאַנגווייליק, — האָט איראָ־ניש אַריינגעוואָרפן סילווען קאָן, אָנווייזנדיק אויף רוסענען, וואָס איז נראָד אַריינגעקומען.

קריסטאָף איז צו אים צוגעגאַנגען. רוסען איז געווען גוט גע־שטימט און האָט פריילעך אויסגערופן:

— וואָס! שוין געענדיקט? כ׳האָב גערעכנט, אַז איך וועל נאָך עפּעס הערן. נו, טייערער מייסטער, וואָס זאָגט איר, איר זענט צופרידן?

— עס גייט זייער גוט, — האָט געזאָגט קריסטאָף. — כ׳בין אייך זייער דאַנקבאַר...

— מען דאַרף נישט! מען דאַרף נישט!

— נאָר איין זאַך שטעלט מיך נישט צופרידן.

— זאָגט, זאָגט. מיר וועלן עס זען פאַרריכטן. איך וויל זייער איר זאָלט זיין צופרידן.

— אַלזאָ, עס גייט וועגן דער זינגערין. צווישן אונז גערעדט, זינגט זי שרעקלעך.

רוסענס שטראַלנדיק פּנים איז פּלוצלינג פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט ערנסט געזאָגט:

— איר איבערראַשט מיך, מיין טייערער.

— זי טויג נישט, זי טויג צו גאָרנישט. — האָט קריסטאָף ווײַ־טער גערעדט. — זי פאַרמאָגט נישט, נישט קיין שטים, נישט קיין געשמאַק. נישט קיין שום ידיעה אין מוזיק, און נישט קיין שום סימן פון טאַלענט. איר האָט מזל, וואָס איר האָט זי נישט געהערט זינגען...

רוסען, וואָס זיין כעס איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט, האָט קריסטאָפן איבערגעשלאָגן די רייד און געזאָגט מיט אַ שאַרפן טאָן:

— איך קען גוט פריילן סענט-איגרען. זי איז אַן אַרטיסטין מיט אַ סך טאַלענט. איך בין פּשוט נתפּעל פון איר. אַלע מענטשן מיט געשמאַק אין פּאַריז האָבן די זעלביקע מיינונג, ווי איך.

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו קריסטאָפן מיטן רוקן. קרי-סטאָף האָט געזען, ווי ער דערלאַנגט דער זינגערין אַן אָרים און ער גייט אַרויס מיט איר צוזאַמען. ער איז געבליבן שטיין איבעראַשט. סילוועז קאָן, וואָס האָט זיך מיט הנאה צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע, האָט אים אָנגענומען, פּאַרן האַנט, און אַרויסגייענדיק מיט אים צו-זאַמען פון טעאַטער, געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— דו ווייסט נישט, אַז זי איז זיין געליבטע?

קריסטאָף האָט פּאַרשטאַנען. דאָס האָט מען פּאַר אירעטוועגן אָרגאַניזירט די פּאָרשטעלונג, און נישט פּאַר זיינעטוועגן. ער האָט זיך איצט דערוווּסט, פּאַרוואָס רוסען איז געווען אַזוי אָנגעברענט, געמאַכט אַזוי פיל הוצאות, און פּאַרוואָס זיינע מיטהעלפער האָבן אַזוי פיל אַרומגעטאַנצט אַרום אים. סילוועז קאָן האָט אים דערציילט די לעבנס געשיכטע פון סענט-איגרען. זי איז געווען אַ פּשוטע זינגערין אין אַ קאַפע און געהאַט ערפּאָלג אין די קליינע טעאַטערן, ביז ס׳האָט זיך איר פּאַרשמעקט, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע מיידלעך, צו זינ-גען אויף אַ בינע, וואָס איז מער פּאַסיק פּאַר איר טאַלענט. זי האָט זיך פּאַרלאָזט אויף רוסענען, אַז ער וועט איר שאַפן אַ שטעלע אין אַן אָפּערע אָדער אין אַ קאָמישער אָפּערע; און רוסען, וואָס האָט עס אויך געוואָלט פון גאַנצן האַרצן, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנ-הייט צו לאָזן איר שפּילן די ראָל פון דודן, אַ טראַגישע ראָל, וואָס האָט נישט פּאַרמאָגט כמעט קיין דראַמאַטישע האַנדלונג און געגעבן איר די מעגלעכקייט צו באַווייזן איר שיינקייט.

קריסטאָף האָט אויסגעהערט די מעשה ביזן סוף. דערנאָך האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון סילוועז קאָנס אָרימס און זיך שטאַרק צע-לאַכט. ער האָט געלאַכט אַ לאַנגע צייט. ווען ער האָט זיך גוט אָנ-געלאַכט, האָט ער געזאָגט:

— איר דערוועקט אין מיר עקל. איר זענט אַלע עקלהאַפטע ברואים. נישט די קונסט איז ביי אייך דער עיקר. אומעטום איז פּאַראַן אין מיטן אַ פרוי. איר שטעלט אויף דער בינע אַן אָפּערע צוליב עפּעס אַ זינגערין, אַ געליבטער פון דעם הער אָדער אַ געליבטן פון יענער דאַמע. אייך ליגן אין זינען נאָר איירע חזירייען. כ׳האָב צו

אייך קיין טענות נישט. ס'איז שוין אייער טבע. איר קאָנט זיך טון ווי אייך געפעלט, אַפילו נישטערן אין מיסט. לאָמיר זיך צעגיין. מיר זענען נישט באַשאַפן געוואָרן לעבן צוזאַמען. אַ גוטע נאַכֿט.

ער האָט זיך מיט אים געזעגנט, און קומענדיק אַהיים, אָנגעשריבן צו רוסענען, נישט באַהאַלטנדיק די גענויע סיבות, אַז ער ציט צוריק זיין ווערק.

אַזוי אַרום האָט ער איבערגעריסן די באַציונגען מיט רוסענען און זיין חברה. די קאָנסעקווענצן דערפון האָבן זיך באַלד געלאָזט פילן, די צייטונגען האָבן געמאַכֿט אַ גרויסן טומל אַרום דער פּראָיעקטירטער פאָרשטעלונג, און דער קאָנפליקט צווישן דעם קאָמפּאָזיטאָר און דער זינגערין איז געוואָרן אַן ענין פון אַלגעמיינער רכילות. איין קאָנצערט-דירעקטאָר האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט און אויסגעפירט קריסטאָפס ווערק אויף אַ מוזיקאַלישן זונטיק-פרימאָרגן. אָט דאָס גליק האָט זיך פאַרוואַנדלט פאַר קריסטאָפן אין אַ מפּלה. דאָס ווערק איז אויסגעפירט געוואָרן און — אויסגעפייפט.

אַלע פריינט פון דער זינגערין האָבן אָפּגעמאַכֿט צווישן זיך אָנצולערנען דעם חוצפּהדיקן מוזיקער, און די איבעריקע צוהערער, וואָס די סימפאָנישע פּאָעמע איז זיי געווען לאַנגווייליק, האָבן גערן מסכּים געווען מיט דער מיינונג פון די געניטע קריטיקער. צו די צרות האָט נאָך קריסטאָף אָנגענומען דעם פאָרשלאַג אַליין צו שפּילן בעתן קאָנצערט זיינע אַ פאַנטאַזיע אין דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער, כּדי צו ווייזן זיין ווירטואָזן טאַלענט אויפן געביט פון טעכניק. די בייזוויליקייט פון די צוהערער, וואָס האָבן בעת דער פאָרשטעלונג פון „דוד" איינגעהאַלטן זייער אויפרעגונג, כּדי נישט צו פאַרשעמען די אַרטיסטן, האָט זיך איצט, בעת פאַר זיי איז געשטאַנען דער קאָמפּאָזיטאָר גופא, אַרויסגעריסן מיטן גאַנצן כּוח. אויך זיין שפּילן איז נישט געווען אין גאַנצן קאָרעקט. קריסטאָפן האָט אַזוי אויפגעבראַכֿט דער טומל אין זאַל, אַז ער איז פּלוצלינג שטיין געבליבן אין מיטן. ער האָט מיט איראָניע באַטראַכֿט דעם עולם, וואָס איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער געשפּילט: "Marlbrough s'en va-t-en guerre" און שאַרף אַ געשריי געטון:

— דאָס איז אַקוראַט פאַר אייך!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען.

ס'איז געוואָרן אַ טומל. מ'האָט געשריגן, אַז ער האָט באַליידיקט

דעם עולם און ער זאָל תּיכּף אַרויסגיין איבערבעטן. די צייטונגען, וואָס זענען אַרויס אויף מאָרגן, האָבן אַלע באַדויערט דעם משונהדיקן דייטש, וואָס דער פּאַריזער גוטער געשמאַק האָט אַרויסגעגעבן אויף אים אַזאַ האַרבן פּסק.

דערנאָך האָט אים ווידער באַהערשט אַן אַבסאָלוטע פּוסטקייט. קריסטאָף איז געבליבן איינזאַם אין דער גרויסער, פרעמדער, פּיינטלעכער שטאָט, איינזאַם ווי שטענדיק. ער האָט אָבער דערויף קיין אַכט נישט געלעגט. ער האָט גענומען גלויבן אַז זיין מזל איז שוין אַזאַ און אַזוי וועט עס שוין בלייבן שטענדיק.

ער האָט נישט געוווּסט, אַז דער גייסט פון אַ גרויסן מענטשן איז קיינמאָל נישט איינזאַם, ווייל אַפילו אויב דער גורל רויבט אַוועק פון אים זיינע פריינט, שאַפט ער אים נייע; ווייל דער דאָזיקער גייסט פאַרשפּרייט זיינע שטראַלן ווייט אַרום זיך. אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט געגלויבט, אַז ער בלייבט איצט איינזאַם אויף אייביק, איז ער געווען רייכער אין ליבע, ווי די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט.

י

ביי די סטעוואַנס אין שטוב איז געווען אַ דרייצן-פערצן-יאָריק מיידל, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט קאָלעטן געלערנט ביי קריסטאָפן מוזיק. זי איז געווען קאָלעטס אַ שוועסטער-קינד און געהייסן גראַציאַ ביאָנטאַמפּי. זי האָט געהאַט אַ גאָלד-הויט, רויטלעכע, פולע, געזונטע באַקן, ווי אַ דאָרפס מיידל, אַ קליין פאַרריסן נעזל, אַ גרויס פיינגעצייכנט מויל, שטענדיק האַלב אָפן, אַ קיילעכדיקן, זייער ווייסן קין, רויִקע אויגן, וואָס האָבן צאַרט געשמייכלט, אַ קיילעכדיקן שטערן, און אַ ראַם פון לאַנגע זיידענע לאָקן, וואָס זענען איר אַראָפּגעפאַלן אויף די באַקן, ווי לייכטע שטילע כוואַליעס. אַ קליינע מאַדאָנע פון אַנדרעאַ דעלסאַרטאָ, מיט אַ ברייט פּנים און אַ שיינעם, שטילן בליק.

זי איז געווען אַן איטאַליענערין, אירע עלטערן האָבן כּמעט אַ גאַנץ יאָר געוווינט אין אַ דאָרף, אין אַ גרויסן גוט אין צפון איטאַליען, צווישן לאָנקעס, פליינען און קליינע קאַנאַלן. פון דער טעראַסע אויפן דאַך האָט מען געקאָנט זען די גאָלד היפּנס פון די וויינגערטנער

צופוסנס, זייער הויז, און דאָ און דאָרט שוואַרצע ציפּרעס. ווייטער האָבן זיך געצויגן פעלדער נאָך פעלדער. ס'איז געווען שטיל, מ'האָט געהערט דאָס ריטשען פון די אָקסן ערגעץ טיף און געשרייען פון די פויערים, וואָס האָבן געאַקערט דאָס פעלד:

— Jhi !... Fat inanž!...

די ציקאַדן האָבן געזונגען אויף די ביימער, און די זשאַבעס האָבן געקוואַקעט אויפן ברעג פונם טייכל. און ביינאַכט אונטער זילבער כוואַליעס פון דער לבנה, האָט מען גאָרנישט פאַרנומען אויסער אַ שטילקייט אָן אַ סוף. אין דער ווייט האָבן די היטער פון די גערטנער, וואָס האָבן געדרימלט אין די ביידלעך, פון צייט צו צייט געשאָסן פון ביקסן, כּדי צו וואָרענען די גנבים, אַז זיי וואַכן. פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געהערט די שאָסן פון שלאָף איז עס געווען, ווי דער קלונג פון זייגער, וואָס ציילט אויס פון דערווייטן די שעהן פון דער נאַכט. און ווידער פלעגט די שטילקייט איינהילן די נאַכט אין די ווייכע פאַלדן פון איר מאַנטל.

אַרום דער קליינער גראַציאַ האָט דאָס לעבן געדרימלט, מ'האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. זי איז רויק אויפגעוואַקסן אין דער שיינער שטילקייט, וואָס האָט זי שטענדיק געגלעט. אָן היץ, אָן איילעניש. זי איז געווען פויל, האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן און צו שלאָפן לאַנג. לאַנגע שעהן פלעגט זי ליגן אויסגעצויגן אין גאָרטן און ווי געשוועבט איבער דער ערד, ווי אַ פליג איבער אַ זומער טייכל. און פלוצלינג פלעגט זי אָן אַ שום סיבה נעמען לויפן. זי איז געלאָפן ווי אַ קליין חיהלע, בעת איר קאָפּ און ברוסט האָבן זיך לייכט געבויגן אויף רעכטס. לייכט, פלינק, ווי אַ האָז, וואָס שפּרינגט איבער שטיינער מיט פרייד. זי פלעגט זיך צונויפשמועסן מיט די הינט און זשאַבעס, מיט די ביימער און גראָזן, מיט די פויערים און חיות אין הויף. זי האָט ליב געהאַט אַלע קליינע בריאים אַרום איר; די גרויסע אויך, נאָר מיט זיי פלעגט זי זיך נישט אָפּגעבן אַזוי פיל. זי פלעגט זען ווייניק מענטשן, דאָס גוט איז געווען ווייט פון שטאָט און איז געשטאַנען איינזאַם. נאָר זעלטן־ווען האָט מען געהערט אויפן פאַרשטויבטן וועג שווערע טריט פון אַ פויער, אָדער טריטלעך פון אַ שיין דאָרפס מיידל מיט לייכטנדיקע אויגן און אַן אָפּגעברענט פּנים, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און הויכן בוזים, וועלכע האָט זיך מיט אַ וואַקלענדיקן ריטם געשלעפּט איבערן וועג. גאַנצע טעג האָט גראַציאַ געלעבט אַליין אין דעם פאַרשוויגענעם פּאַרק. קיינעם נישט געזען,

קיינמאָל נישט געפילט קיין לאַנגווייליקייט, פאר קיין זאך נישט מורא געהאט.

אַמאָל איז געקומען אין דעם פּאַרק אַ שלעפּער גנבענען אַ הון. ער איז געבליבן שטיין דערשראָקן פארן קליינעם מיידעלע, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן גראז מיט אַ שטיק ברויט מיט פּוטער און געזונגען זיך א לידל. זי האָט אים רויק אָנגעקוקט און געפרעגט אים, וואָס ער וויל. ער האָט געזאָגט:

— גיב מיר עפּעס, וואָרעם אז נישט ווער איך בייז.

זי האָט אים דערלאנגט איר ברויט און מיט אירע שמייכלענדיקע אויגן געזאָגט:

— מ׳טאָר נישט ווערן בייז.

און ער איז אַוועק.

איר מאמע איז געשטאָרבן. איר טאטע, זייער אַ גוטער און זייער א שוואכער מענטש, איז געווען אַן אַלטער איטאַליענער פון אַ שיינער ראַסע, געזונט, גראָב, פריינדלעך, נאָר אַ ביסל קינדעריש. ער איז נישט געווען פעיק צו קערעווען מיט דער טאָכטערס דערציונג. די שוועסטער פון דעם אַלטן ביאַנטאמפּי, מאַדאַם סטעוואַן, וואָס איז געקומען צו דער לויה, האָט נישט געקאָנט צו זען די איינזאמקייט פון קינד און באשלאָסן מיטצונעמען עס מיט זיך אין פּאַריז, כּדי עס זאָל פארגעסן דעם טרויער. גראַציאַ האָט געוויינט, און דער אַלטער טאַטע האָט אויך געוויינט; נאָר אויב מאַדאַם סטעוואַן פלעגט באשליסן עפּעס אויסצופירן, האָבן זיך אַלע געמוזט אונטערגעבן. די גאנצע פאמיליע האָט געמוזט מבטל מאכן איר ווילן פאר דעם ווילן פון מאַדאַם סטעוואַן, און ביי זיך אין פּאַריז האָט זי איבער אַלעמען געהערשט: איבער איר מאַן, איבער דער טאָכטער און אפילו איבער אירע געליבטע. זי האָט זיך אַלץ דערלויבט. זי האָט אין דער זעלבער צייט אָפּגעגעבן זיך אירע פליכטן און אירע פּארוויילונגען, אַ פּראַקטישע און גלייכצייטיק ליידנשאפטלעכע פּרוי — אגב, אַן אָנגעזעענע דאַמע, זייער אַ טעטיקע.

איבערגעפלאַנצט אין פּאַריז, האָט זיך די דאָזיקע גראַציאַ מיטן גאַנצן האַרצן צוגעבונדן צו איר שיינער קוזינע קאָלעט. קאָלעטן פלעגט עס וויילן. מ׳האָט ארייַנגעפירט דאָס מיידל אין דער געזעלשאפט, מיטגענומען מיט זיך אין טעאטער, מ׳האָט זיך אַלץ באַצויגן צו איר, ווי צו אַ קינד, און זי אַליין האָט אויך אויף זיך געקוקט, ווי אויף

אַ קינד, בעת זי איז עס שוין לאַנג נישט געווען. זי האָט איבערגע־לעבט פאַרבאָרגענע געפילן, פאַר וועלכע זי האָט מורא געהאַט: שטאַר־קע אויסברוכן פון בענקשאַפט נאָך עפּעס אַ זאַך אָדער מענטשן. באַ־האַלטענערהייט איז זי געווען פאַרליבט אין קאָלעטן, זי פלעגט ביי־איר צוגנבענען אַ באַנד, אַ טיכלעכע און טיילמאָל אין איר קעגנוואַרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. בעת זי פלעגט אויף איר וואַרטן, בעת זי פלעגט וויסן, אַז זי וועט זיך באַלד מיט איר זען, פלעגט זי אינגאַנצן ציטערן פון אומגעדולד און גליק. אין טעאַטער, בעת זי האָט געזען, ווי איר שיינע דעקאָלטירטע קוזינע גייט אַריין אין דער לאָזשע און ווי אַלע בליקן ווענדן זיך צו איר, האָט זיך אויף איר פּנים באַוויזן אַ גוט, עניוותדיק, צאַרט שמייכעלע, פול מיט ליבע, און דאָס האַרץ פלעגט איר פּשוט צעגיין, ווען קאָלעט פלעגט זיך צו איר ווענדן מיט אַ וואָרט. אין אַ ווייס קליידל, מיט די שיינע שוואַרצע געקרייזלטע האָר אויף די ברוינע אַקסלען, פלעגט זי ציפּן די פינגער פון איר זיידענער הענטשקע, אָדער אַריינשטעקן פון לאַנג־ווייליקייט אירע פינגער; און אַלע ווילע, בעת דער פאָרשטעלונג, פלעגט זי זיך אויסדרייען צו קאָלעטן, כדי צו כאַפּן פון איר אַ פריינדלעכן בליק, צו טיילן זיך מיט איר דעם פאַרגעניגן און צו זאָגן איר מיט די ברוינע, גלאַנצנדיקע אויגן:

— כ'האָב דיך זייער ליב.

בעתן שפּאַציר אין די וועלדער אין פּאַריז, פלעגט זי גיין אין קאָלעטס שאָטן, זעצן זיך איר צופוסנס, לויפן פאָרויס, ברעכן די צווייגן, וואָס האָבן געקאָנט איר שטערן אין וועג, און לעגן שטיינער אויף די קליינע זומפּן. און ווען איינמאָל, בעת ס'איז געווען קאַלט אין גאָרטן, און קאָלעט האָט זי געבעטן איר שאַל, האָט גראַציאַ אַ געשריי געטון, פון פרייד — דערנאָך זיך פאַרשעמט; — וואָס איר געליבטע האָט ביי איר עפּעס גענומען און עס שפּעטער אָוועקגעגעבן, דורכ־געזאַפּט מיטן ריח פון איר קערפּער.

עס זענען אויך געווען ביכער, געוויסע ערטער אין די ווערק פון דיכטער (מ'האָט איר נאָך אַלץ געגעבן צו לייענען קינדער־ביכ־לעך), וואָס האָבן דערוועקט אין איר אַן אָנגענעמע אויפרעגונג. נאָך שטאַרקער פלעגט אויף איר ווירקן אַ באַשטימטע מוזיק, הגם מ'האָט איר איינגערעדט, אַז זי הויבט עס נישט אָן צו פאַרשטיין; זי האָט אַ״ך אַזוי געטראַכט—און דאָך איז זי געווען בלייך און גערירט. קיינער

האָט נישט געוווּסט, וואָס אין איר קומט דעמאָלט פאַר.

אָבער בכלל איז זי געווען אַ פֿאָלגעוודיק, פֿאַרטרוימט, פֿויל מיידעלע, וואָס האָט ליב געהאַט אַביסל צו נאַשן; פֿון יעדער קליינִי-קייט פֿלעגט זי רויט ווערן, טיילמאָל געשוויגן גאַנצע שעהן, דערנאָך אַ לאַנגע צייט אָן אויפֿהער געפּלוידערט אין פּלוצלינג זיך צעכליפּעט, אָדער זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ קינדערישן געלעכטער. זי האָט ליב גע-האַט צו לאַכן און הנאה געהאַט פֿון אַלץ. זי האָט קיינמאָל נישט גע-פּרוּווט שפּילן די ראָל פֿון אַ דאַמע. זי איז שטענדיק געבליבן קינד, זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גוטהאַרציקייט, נישט געקאָנט קיי-נעם קיין שלעכטס טון און אַליין מורא געהאַט פֿאַר אַ שלעכט וואָרט. זי איז געווען באַשיידן, באַהאַלטן, גרייט ליב צו האָבן און צו באַ-וווּנדערן יעדע זאַך, וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן שיין און גוט, געפֿונען אין אַלעמען מעלות, וואָס זיי האָבן נישט פֿאַרמאָגט, און אַלעמען געמשפּט צום גוטן.

מיט דער צייט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען מיט איר אָפּגעלאָזענער דערציִונג, און אָט אַזוי איז עס געשען, וואָס קרי-סטאָף האָט זי גענומען לערנען מוזיק.

צום ערשטן מאָל האָט זי אים געזען אין אַ גרויסע געזעלשאַפֿט, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ פֿאַרווייַלונגס-אָוונט צו איר מומען. קריסטאָף, וואָס איז בטבע נישט געווען צוגעפּאַסט צו די פֿאָ-דערונגען פֿון פּובליקום, האָט געשפּילט זייער אַ לאַנגן אַדאַדזשיאָ, ביז דער עולם האָט גענומען גענעצן: בעת ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט ענדיקט ער, האָט ער ווידער אָנגעהויבן פֿון סנײַ. יעדערער האָט געטראַכט, אַז מסתמא וועט עס שוין קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. מאַדאַם סטעוואַן האָט פּשוט געברענט פֿון אומגעדולד. קאָלעט האָט זיך אויסערגעוויינלעך געווײַלט מיט דער לעכערלעכקייט פֿון דער סי-טואַציע און האָט אין האַרצן מוחל געווען קריסטאָפֿן, וואָס ער פֿילט עס נישט. ער איז געווען אין אירע אויגן אַ העכערער מין מענטש און דערפֿאַר איז ער איר ליב געווען, אָבער גלײַכצײַטיק איז די זאַך געווען זייער קאָמיש, און זי האָט אים נישט געוואָלט פֿאַרטיידיקן. בלויז די קליינע גראַציאַ איז געווען גערירט ביז טרערן פֿון דער דאָזיקער מוזיק. זי דאַט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פֿון זאַל און איז לסוף אַנטלאָפֿן, כּדי צו באַהאַלטן איר אויפֿרעגונג און כּדי נישט צו-צוזען, ווי מ'מאַכט חוזק פֿון קריסטאָפֿן.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מאַדאַם סטעוואַן, סתם אַזוי, ביים מיטאָג געזאָגט, אז ס׳וואָלט כּדאי געווען, גראציא זאָל זיך נעמען לערנען ביי קריסטאָפן מוזיק. גראַציאַ איז אַזוי צוטומלט געוואָרן, אז דער לעפל איז איר אַרויסגעפאלן אין טעלער זופּ: און פארשפריצט איר אַליין און איר קוזינע. קאָלעט האָט געהאלטן, אז קודם־כּל וואָלט מען איר געדארפט לערנען אַביסל דרך ארץ, ווי זיך צו האלטן ביים טיש. מאַדאַם סטעוואן האָט צוגעגעבן, אז אין דעם פאל וואָלט מען זיך גראָד געדארפט ווענדן צו אַן אַנדערן, נישט צו קריסטאָפן. גראציא איז געווען גליקלעך, וואָס מ׳האָט איר נאָמען פארבונדן מיט קריסטאָפן.

קריסטאָף האָט זי גענומען לערנען. זי איז געווען שטייף און פארגליווערט, פונקט ווי די אָרימס וואָלטן איר געווען צוגעשמידט צום גוף. זי האָט נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. און בעת קריסטאָף האָט אַרויפגעלייגט זיין האנט אויף איר הענטל, כּדי צו פארריכטן אירע פינגער אויף די קלאווישן, האָט זי געפילט, אז אָט־אָט פאלט זי אין חלשות, זי האָט מורא געהאט, טאָמער שפּילט זי נישט, ווי ס׳דארף צו זיין. אָבער ווי לאנג זי זאָל זיך נישט איינחזרן איר לעקציע, אליין זיך קראנק מאכן און פשוט משוגע מאכן איר קוזינע—האָט זי אין קריסטאָפס קעגנווארט שטענדיק געשפּילט שלעכט; זי האָט נישט געקאָנט אָפּכאפּן דעם אָטעם, אירע פינגער זענען געוואָרן שווער, ווי שטיקער האָלץ, אבער ווייך ווי וואטע. זי האָט זיך פארהאקט ביי יעדן טאָן און געמאכט פעלערן; קריסטאָף פלעגט זיך בייזערן און אוועקגיין אין כּעס. און זי האָט פשוט געוואָלט שטארבן.

ער האָט אויף איר קיין שום אכט נישט געלעגט. ווייל ער איז געווען פארנומען מיט קאָלעטן. זי האָט מקנא געווען איר קוזינע, וואָס זי איז מיט קריסטאָפן אזוי אינטים; אָבער כאָטש זי האָט געליטן דערפון, האָט זיך איר גוט הארץ געפרייט מיט זייער פרייד. זי האָט געהאלטן, אז קאָלעט שטייט אַ סך העכער פון איר, און ס׳האָט איר אויסגעוויזן גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אַלע פארנעמען זיך מיט איר,— נאָר ווען זי האָט געדארפט אויסקלויבן צווישן קריסטאָפן און איר קוזינע, האָט זי געפילט, אז עפּעס בונטעוועט זיך אין איר קעגן דער לעצטער. מיט דער אינטואיציע פון אַ פרוי האָט זי געפילט, אַז קריסטאָףליידט א סך פון קאָלעטס קאָקעטישקייט און פון לעוויקערס אַרומטאנצן אַרום איר. לעווי־קערן האָט זי נישט געקאָנט

פֿאַרטראָגן צוליב אַן אינערלעך געפֿיל, און זינט זי האָט זיך דערוווּסט, אַז קריסטאָף פֿאַרטראָגט אים אויך נישט, איז זי אים געוואָרן אַן אמתער שונא. זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַרא פֿאַרגעניגן קאָלעט פֿילט דערפֿון, וואָס לעווי קער איז קריסטאָפֿס אַ קאָנקורענט. זי האָט אין דער שטיל שטרענג געמשפּט איר קוזינע, האָט זי געכאַפּט ביי עטלעכע קליינע ליגנס און פֿלוצלינג געביטן איר באַציונג צו איר. קאָלעט האָט עס געפֿילט, הגם נישט געוווּסט, צוליב וואָס די ענדערונג איז געשען. זי האָט זיך געמאַכט פֿלומרשט, ווי דאָס וואָלט געווען גראַציאַס אַ קינדערשער קאַפּריז. ס׳איז אָבער קלאָר געווען, אַז זי האָט איבער גראַציאַן פֿאַרלוירן איר מאַכט: זי האָט געהאַט אַ ראַיה דערצו פֿון אַ קליינעם פֿאַקט. איינמאָל, ווען זיי האָבן ביידע שפּאַצירט פֿאַרנאַכט אין גאָרטן, האָט קאָלעט מיט קאָקעטישער צערטלעכקייט געוואָלט צודעקן גראַציאַן מיט איר מאַנטל, ווייל ס׳איז געפֿאַלן אַ קליין רעגנדל. אָבער גראַציאַ, וואָס וואָלט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געהאַלטן פֿאַר אַן אומבאַשרייבלעך גליק זיך צוצוטוליען צו דער ברוסט פֿון דער טייערער קוזינע, האָט זיך קאַלט אָפּגערוקט אין אַ זייט און שווייגנדיק געבליבן שטיין עטלעכע טריט ווייטער. און ווען קאָלעט האָט געזאָגט, אַז אַ געוויסער מוזיקאַלישער פֿראַגמענט, וואָס גראַציאַ שפּילט, איז מיאוס, האָט עס איר נישט געשטערט צו שפּילן ווייטער און אַפֿילו עס ליב צו האָבן.

די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט האָט זי געווענדט אויף קריסטאָפֿן. זי האָט מיט איר צאַרטקייט געפֿילט, אַז ער ליידט, און געוווּסט פֿאַרוואָס, הגם ער האָט עס איר נישט געזאָגט. זי האָט, אמת, שטאַרק מגזם געווען, אַדאַנק איר אומרויִקער קינדערשער אויפֿמערקזאַמקייט. זי האָט געגלויבט, אַז קריסטאָף איז פֿאַרליבט אין קאָלעטן, בעת ער האָט געפֿילט צו איר בלויז פֿאָדערנדיקע פֿריינדשאַפֿט. זי האָט געטראַכט, אַז ער איז אומגליקלעך, און האָט אַליין דערפֿון געליטן. אָבער דאָס מיידל האָט נעבעך נישט באַקומען קיין שׂכר פֿאַר איר מיטגעפֿיל: בעת קאָלעט האָט אויפֿגעבראַכט קריסטאָפֿן, פֿלעגט עס אויסגיין צו גראַציאַס קאָפּ. בעת ער איז געווען שלעכט געשטימט, פֿלעגט ער אויסלאָזן זיין כּעס צו דער קליינער שילערין, בייזערנדיק זיך אומגעדולדיק אויף אירע פֿעלערן. איינמאָל אינדערפֿרי, ווען קאָלעט האָט אים אויפֿגערעגט מער ווי שטענדיק, האָט ער זיך געזעצט ביים פֿאָרטעפּיאַן אַזוי בייז, אַז גראַציאַ האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, וואָס זי האָט

געקענט. זי האָט געשפּילט בלינדערהייט, נישט זעענדיק די קלאַווישן. ער האָט זיך שרעקלעך געגומען בייזערן; ער האָט זיך געוואָרפן, געפּאַטשט איר איבער די הענט, געשריגן, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט קענען, אַז זי דאַרף זיך בעסער פאַרנעמען מיט קאָכן, נייען, מיט וואָס איר האַרץ גלוסט, נאָר צו אַלדי רוחות, נישט מיט מוזיק! ס'איז נישט כדאַי צו מאַטערן דעם מענטשן מיט אירע פאַלשע טענער. און ער איז אינמיטן דער לעקציע אַרויס אַ צעקאָכטער. די אָרעמע גראַציאַ האָט אַסאַך טרערן פאַרגאָסן, נישט אַזוי אויפן צער, וואָס זיינע שלעכטע ווערטער האָבן איר גורם געווען, ווי אויף דעם, וואָס זי האָט קעגן איר ווילן געמוזט פאַרשאַפן קריסטאָפן עגמת נפש — לא די וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרשאַפן קיין נחת רוח דעם מענטשן, וואָס זי האָט ליב געהאַט.

זי האָט נאָך מער גענומען ליידן, ווען קריסטאָף האָט אויפגע-הערט צו באַזוכן די סטעוואַנס. זי וואָלט זיך גערן אומגעקערט קיין איטאַליען. דעם דאָזיקן קינד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ געזונטן גוף און אַפילו געזונטע חלומות; וואָס טיף אין איר נשמה האָט געהערשט דאָרפישע רויקע פרייד — איז שווער געווען צו זיצן אין דער גרוי-סער שטאָט, צווישן די נעוואַסטענישע, שטענדיק איילנדיקע פאַריזע-רינס. סוף-כל-סוף האָט זי גענומען באַציען זיך שטרענג צו די מענטשן פון איר סביבה, הגם זי האָט אירע מיינונגען קיינמאָל נישט אַרויס-געבראַכט אויף אירע ליפן. צוליב גוטסקייט, באַשיידנקייט און אומ-גלויבן אין זיך, איז זי געווען שוואַך און שעמעוודיק, ווי איר פאָטער. זי האָט זיך געלאָזט פירן פון איר אויטאָריטעטער מומע און טיראַני-שער קוזינע. צום אַלטן טאַטן, וועלכן זי פלעגט רעגלמעסיק שרייבן לאַנגע, האַרציקע בריוו, האָט זי נישט געהאַט קיין מוט צו שרייבן:

— איך בעט דיך, נעם מיך צו פון דאַנען!

און דער אַלטער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין מוט זי צו נעמען, הגם ער האָט שטאַרק געוואָלט; ווייל מאַדאַם סטעוואַן האָט אים אויף אַלע שעמעוודיקע אָנצוהערענישן געענטפערט, אַז ס'איז בעסער פאַר גראַציאַן צו בלייבן ביי איר, איידער צו פאָרן אַהיים און אַז איר דערציונג פאָדערט זי זאָל בלייבן.

ס'איז אָבער געקומען אַ מאָמענט, ווען די אָפּגעריסנקייט פון דער היים האָט שטאַרק גענומען דריקן די קליינע נשמה פון דרום, און זי האָט ווידער גענומען פילן די בענקשאַפט נאָך ליכט. — דאָס

איז געווען נאָך קריסטאָפס קאָנצערט. זי איז געגאַנגען אַהיים מיט די סטעוואַנס, און ס'האָט איר שיר די גאַל נישט געפּלאַצט, ווען זי האָט געזען, ווי דער עולם מאַכט זיך פריילעך אויפן חשבון פון אַ קינסטלער... אַ קינסטלער? אין גראַציאַס אויגן איז ער געווען דער סימבאָל פון דער קונסט אַליין, וואָס פאַרווירקלעכט אַלדאָס געטלעכע אין לעבן. זי האָט געוואָלט וויינען, אַנטלויפן, און געמוזט הערן דעם טומל ביזן סוף, דאָס פייפן און דאָס געמורמלעריי און שפּעטער, אין דער היים, די שאַרפע באַמערקונגען פון דעם מומען, און דאָס שמייכעלע פון קאָלעט, וואָס האָט מיט לוסיען לעווי-קער אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער פון באַליידיקנדיקן מיטלייד. זי איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער, זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און געכליפּעט ביז שפּעט ביינאַכט. זי האָט גערעדט מיט קריסטאָפן, געטרייסט אים, דאָס האַרץ האָט זי געזאָגט, וואָלט זי פאַר אים אָפּגעגעבן. זי איז געווען פאַרצווייפלט, וואָס זי קאָן גאָרנישט טון פאַר זיינעטוועגן, פאַר זיין גליק. איצט איז איר שווער געווען צו פאַרבלייבן אין פאַריז, זי האָט זיך געבעטן ביי איר פאָטער ער זאָל זי צונעמען. זי האָט אים געשריבן:

— כ'קאָן דאָ מער נישט לעבן, כ'קאָן נישט מער; כ'וועל שטאַרבן, אויב דו וועסט מיר דאָ נאָך לאַנג לאָזן.

איר פאָטער איז באַלד געקומען צופאָרן. און הגם ס'איז זיי ביידן זייער שווער געווען זיך קעגנצושטעלן דער שרעקלעכער פרוי, האָבן זיי אָנגעשטרענגט אַלע כוחות פון זייער פאַרצווייפלטן ווילן.

גראַציאַ האָט זיך צוריקגעקערט אין דעם גרויסן, דרימלענדיקן פּאַרק. זי האָט ווידער געפונען די טייערע נאַטור און באַליבטע באַשעפענישן. איר אָנגעוווייטיקט האַרץ, וואָס האָט זיך פון טאָג צו טאָג מער געשטאַרקט, האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַביסל צפון-מעלאַנכאָליע, ווי אַ שלייער פון נעפּלען, וואָס די זון דרינגט ביסלעכווייז אַדורך. צייטנווייז פלעגט זי טראַכטן וועגן דעם אומגליקלעכן קריסטאָף. ליגנדיק אויפן גראָז, האָט זי זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די ציקאַדן און היימישע זשאַבעס, אָדער זי פלעגט זיצן ביים פּיאַנינאָ, מיט וועלכער זי האָט זיך איצט אָפּגעגעבן מער ווי אַמאָל און אָן אויפהער געחלומט וועגן איר ליבן און אויסדערווײלטן; גאַנצע שעהן האָט זי מיט אים שטיל גערעדט און ס'איז ביי איר געווען מעגלעך, אַז אַ געוויסן טאָג וועט ער עפענען די טיר און אַריינקומען, זי האָט אים אָנגעשריבן אַ בריוו און נאָך אַ לאַנגער וואַקלעניש אים אין אַ געוויסן

פרימאָרגן אַוועקגעשיקט אָן אַן אונטערשריפט; זי איז געלאָפן אַריינוואַרפן דעם בריוו אין דאָרף דריי קילאָמעטער פון זייער שטוב, אויף יענער זייט פון די גרויסע צעאַקערטע פעלדער;—דאָס איז געווען אַ גוטער רירנדיקער בריוו, וואָס האָט אים דערציילט, אַז ער איז נישט איינזאַם, אַז ער דאַרף נישט זיין געפאַלן ביי זיך, אַז מען טראַכט וועגן אים, מ'האָט אים ליב, מ'בעט גאָט פאַר אים,—אַן אָרימער בריוו, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין וועג און איז קיינמאָל צו קריסטאָפן נישט אָנגעקומען.

דערנאָך האָבן זיך געצויגן אין דעם לעבן פון דער ווייטער פריינדין העלע, איינפאַרביקע טעג. און דער איטאַליענישער פרידן, דער גייסט פון רו, שטילן גליק און שטומער קאָנטערפלאַציע האָבן צוריקגעקערט אין דעם ריינעם שווייגנדיקן האַרצן, וואָס אויף זיין וויג האָט נישט אויפגעהערט צו ברענען, ווי אַ קליינער אומבאַוועגלעכער פלאַם, קריסטאָפס אָנדענק.

אָבער קריסטאָף האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן דער נאַיווער ליבע, וואָס האָט פון דער ווייטן געוואַכט איבער אים און געדאַרפט שפעטער פאַרנעמען אַזאַ גרויסן אָרט אין זיין לעבן. ער האָט אויך נישט געוווסט, אַז אויפן זעלבן קאָנצערט, ווו ער איז דערנידעריקט געוואָרן, איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געזאָלט ווערן זיין פריינד, זיין לעבנס-באַגלייטער, וואָס האָט געזאָלט גיין מיט אים זייט ביי זייט און האַנט ביי האַנט.

ער איז געווען איינזאַם. לפחות געגלויבט, אַז ער איז איינזאַם, אָבער דאָס האָט אים נישט נידערגעשלאָגן. ער האָט שוין מער נישט געפילט יענעם ביטערן טרויער, וואָס האָט אים פריער, אין דייטשלאַנד געדריקט, ער איז שטאַרקער, רייפער געוואָרן; ער האָט געוווסט אַז אַזוי דאַרף זיין. די אילוזיעס בנוגע פאַריז זענען צערונען געוואָרן: די מענטשן זענען אומעטום די אייגענע. מ'האָט געדאַרפט דערמיט שלום מאַכן און נישט עקשנען זיך צו פירן אַ קינדערשע מלחמה מיט דער גאַנצער וועלט; מ'דאַרף זיין דאָס, וואָס מ'איז, מיט דער גאַנצער רויקייט. ווי בעטהאָווען האָט געזאָגט: „אויב מיר ווילן ליפערן פאַרן לעבן אַלע כוחות פון אונזער לעבן, וואָס זשע וועט אונז

בלייבן פאַר דאָס איידעלע, פאַר דאָס בעסערע?" ער האָט דערקענט זיין אייגענע נאַטור און די נאַטור פון זיין ראַסע, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי האַרב געמשפּט; נאָך שטאַרקער ווי די משא פון דער פּאַריזער אַטמאָספער, האָט ער געפילט די באַדערפעניש צו אַנטלויפן אין זיין פאָטערלאַנד, צו די דיכטער און מוזיקער, וואָס אין זיי האָט זיך צוזאַמענגענומען דאָס בעסטע און שענסטע פון דעם פאָלק; יעדעס מאָל, ווען ער האָט געעפנט זייערע ווערק, איז זיין צימער פול געוואָרן מיטן גערויש פון זון-באַגאָסענעם רהיין און מיטן צאַרטן שמייכל פון זיינע אַלטע ווייט פאַרבליבענע פריינד.

ווי אומדאַנקבאַר ער איז געווען אין דער באַציונג צו זיי! האָט ער עס נישט געפילט די גאַנצע שפע פון זייער טרייער גוטסקייט? אַ פאַרשעמטער האָט ער זיך דערמאָנט אָן די אַלע איבערגעטריבענע, אומגערעכטע מיינונגען, וואָס ער האָט וועגן זיי אַרויסגעזאָגט אין דייטשלאַנד. דעמאָלט האָט ער געזען נאָר זייערע חסרונות, זייערע מגושמדיקע, פייערלעכע מאַניערן, זייער פאַרוויינטן אידעאַליזם, די קליינע ליגנס פון זייער געדאַנק, און זייער קליינלעכקייט. אָ, ווי קליין דאָס איז אַלץ געווען אַנטקעגן זייערע גרויסע מעלות! ווי האָט ער געקאָנט זיין אַזוי אַכזריותדיק אַנטקעגן די שוואַכקייטן, וואָס רירן אים איצט: ווייל זיי זענען געוואָרן מער מענטשלעך. דורך אַ רעאַקציע האָבן אים געצויגן גראָד די, אויף וועלכע ער האָט אויסגערעדט אסור לדבר. וואָס האָט ער אַלץ נישט אָנגערעדט אויף שובערטן, אויף באַכן! און איצט האָט ער זיך געפילט אַזוי נאָענט צו זיי. איצט, ווען ער איז געווען אין דער פרעמד, ווייט פון זיינע פריינד, האָבן זיך די דאָזיקע גרויסע גייסטער, וואָס ער האָט פאַר אַלעמען געוויזן זייערע לעכערלעכקייטן, זיך איבערגעבויגן איבער אים און גערעדט מיט אַ גוטן שמייכל.

— ברודער, מיר זענען מיט דיר. שטאַרק זיך! מיר האָבן זיך אויך געמאַטערט... ס'מאַכט נישט אויס; ס'וועט פאַרביי...

ער האָט געהערט דעם אָקעאַנישן געברום פון יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַכס נשמה: די שטורעמס, די הוליענדיקע ווינטן, די אַנטלויפנדיקע וואָלקנס פון זיין לעבן — פעלקער פאַרשכורטע פון פרייד, פון צער, פון שגעון, און קריסטוס פול מיט רחמים, דער פירשט פון שלום, וואָס שוועבט איבער די פעלקער, — די שטעט, וואָס וואַכן אויף דורך די געשרייען פון די וועכטער, וואָס שטופן זיך און גייען

מיט יובלדיקן פרייד אַרויס קעגן דעם געטלעכן חתן, וואָס זיינע טריט טרייסלען אויף די וועלט; — עפּעס אַ וואונדערלעכער אוצר פון געדאַנקען, שטורמישע ליידנשאַפטן, מוזיקאַלישע פאָרמען פון אַ העלדיש לעבן, שעקספּירישע האַלוציניאַציע, נבואה אַלאַ סאַוואָנעראָלאַ, פּאַסטוך־וויזיעס, עפּישע, אַפּאָקאַליפּטישע, פאַרשפּאַרט אין דעם קליינעם קערפּער פון אַ קליינעם טורינגער „חזן" מיטן גיידער, קליינע גלאַנצנדיקע אויגלעך אונטער די געקנייטשטע ווייס און אויפגעהויבענע ברעמען... —ער האָט אים געזען אַזוי גוט, אַזוי גוט געזען: אָנגעבלאָזן, האַרציק. אַביסל לעכערלעך. דער קאָפּ פול אַלעגאָריעס און סימבאָלן, גאָטיק און ראָקאָקאָ, אַ כעסן, אַן עקשן, אַ פריילעכער פול מיט לעבנסליידנשאַפט און בענקשאַפט נאָכן טויט...—ער האָט אים געזען אין זיין שול: אַ געניאַלער פּעדאַנט צווישן זיינע שמוציקע, גראָבע, שלעפּערישע, קרעציקע תלמידים, מיט די גרילצנדיקע קולות, צווישן די דאָזיקע בטלנים, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעריסן, טיילמאָל געשלאָגן זיך, ווי אַ טרעגער, און וואָס איינער פון זיי האָט אים גוט צעקלאַפּט... —ער האָט אים געזען אין קרייז פון פאַמיליע, צווישן זיינע איינאונצוואַנציק קינדער, וואָס דרייצן פון זיי זענען געשטאָרבן פאַר אים און איינער איז געווען אַן אידיאָט; די איבעריקע קינדער, גוטע מוזיקער, האָבן געשפּילט פאַר אים קליינע קאָנצערטן... קראַנקהייטן, לויות, שאַרפע וכּוחים, דחקות, נישט אָנערקענטע גאונות — או, איבער אַלץ — זיין מוזיק. זיין גלויבן, זיין באַפרייאונג, און ליכט, דאָס פאָרגעזענע, פאָרגעפילטע, אויסגעבענקטע, אייביקע גליק.—גאָט. דער אָטעם פון גאָט, וואָס פאַרברענט זיינע ביינער, סמאַליעט זיין הויט, פלאַמט אַרויס פון זיין מויל! אָ, קראַפט! קראַפט! גליקלעכער דונער פון דער קראַפט!..

קריסטאָף האָט געטרונקען די דאָזיקע כּוחות. ער האָט געפילט דאָס גוטע פון אָט דער מוזיקאַלישער קראַפט, וואָס שטראָמט אַרויס פון די דייטשע נשמות. וואָס איז, אויב זייער מוזיק איז אַמאָל ערגער אָדער אפילו מגושמדיק, דער עיקר איז, וואָס זי איז דאָ, וואָס זי שטראָמט און פאַרפלייצט די ברעגעס. אין פראַנקרייך האָט מען געגאָסן די מוזיק טראָפּנווייז, דורך דעם פּילמער פון אַ פּאַסטאָר אין גוט פאַרשטאָפּטע פלעשלעך. און די דאָזיקע טרינקער פון דעם אָפּגעשמאַקטן וואַסער פלעגן פאַרקרימען זייערע פּנימער פון עקל צו דער דייטשער מוזיק. זיי זענען בודק די חסרונות פון די דייטשע גאונים!

— אָרימע קאַרליקעס!—האָט קריסטאָף געטראַכט און נישט גע־דענקט, אַז ער איז אַליין געווען אַזוי לעכערלעך, ווי זיי. זיי געפינען חסרונות אין וואַגנערן און בעטהאָווענען! זיי ווילן האָבן גאונים אָן שום חסרונות! פונקט ווי דער שטורם וואָלט שוין מער נישט גע־האַט, וואָס צו טון, ווי נאָר צו פאַרנעמען זיך מיט דעם, צי זיין בלאָזן שטערט עמעצן, צי נישט.

ער איז געגאַנגען איבער פאַריז פול מיט כּוח און פרייד. ס'איז אַזוי גוט, וואָס קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען! ער וועט שטענ־דיק בלייבן פריי, כּדי צו בויען אַ נייע וועלט, וואָס איז די ראַל פונם גאון— אַ וועלט אַן אָרגאַניזירטע, געבויט לויט אינערלעכע געזעצן — מוז מען טראָגן די דאָזיקע וועלט טיף אין זיך. דער קינסטלער איז קיינ־מאָל נישט איינזאַם. עס איז נאָר געפערלעך פאַר אים צו זען זיין געדאַנקן-וועלט אין אַ שפּיגל, וואָס מאַכט זי מיאוס אָדער פאַרקלענערט זי. מ'דאַרף נישט דערציילן פאַר פרעמדע וועגן דעם, וואָס מ'האָט בדעה צו שאַפן, כּל-זמן דאָס איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן: ווייל שפּעטער פאַרפעלט מוט צו פאַרענדיקן דאָס ווערק, ווייל דער גע־דאַנק, וואָס דו האָסט אים געזען אין זיך איז שוין מער נישט דיינער, נאָר דער מאָגערער געדאַנק פון אַנדערע.

איצט, ווען קיין זאַך האָט נישט געשטערט זיינע טרוימען, האָבן זיי גענומען אַרויסשפּרודלען, ווי די קוואַלן, פון אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה און פון די שטיינער, וואָס זענען געלעגן אויף זיין וועג. ער האָט געלעבט, ווי אין חלום. אַלץ וואָס ער האָט געזען און גע־הערט האָט אַרויסגערופן אין אים אַנדערע ווערק און אַנדערע ווער־טער, ווי די, וואָס ער האָט באמת געזען און געהערט. ער האָט זיך נאָר געדאַרפט לאָזן מיטרייסן מיטן לעבנס-שטראָם, כּדי אומעטום אַרום זיך אָנצוטרעפן דאָס לעבן פון זיינע העלדן. זייערע עמפינדונגען האָבן אים נאָכגעיאָגט פון זיך אַליין. די אויגן פון די דורכגייענדיקע מענטשן, דער קלאַנג פון אַ שטים, וואָס דער ווינט האָט אים געבראַכט, דאָס ליכט, וואָס איז געווען צווייט איבער די לאָנקעס, די פויגל, וואָס זינגען אויף די בוימער אין לוקסנבורג, אַ גלאָק פון אַ קלויסטער, וואָס קלינגט פון דער ווייט, דער בלאַסער הימל, אַ קליינער הימל-שטרייף געזען פון זיין צימער, דער רעש און די ניואַנסן פון די פאַרשידענע שעהן פון טאָג — ער האָט עס נישט געפילט אין זיך, נאָר אין די וועזנס פון זיינע טרוימען. — קריסטאָף איז געווען גליקלעך.

אין דאָך איז זיין לאַגע געווען שווערער, ווי ביז איצט. ער האָט פאַרלוירן דאָס ביסל מוזיק-לעקציעס, דעם איינציקן קוואַל פון זיין חיונה. ס'איז געווען חודש סעפּטעמבער. די פּאַריזער געזעלשאַפט איז נישט געווען אין שטאָט און ס'איז שווער געווען צו געפינען עטלעכע שילער. דער איינציקער שילער, וואָס איז אים געבליבן איז געווען אַן אינזשיניער, און אינטעליגענטער, נאָר אַביסל צעמישטער מענטש, וואָס האָט זיך צו פערציק יאָר אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין צו ווערן אַ גרויסער מוזיקער. קריסטאָף האָט, וואָס אַן אמת, נישט איבעריק גוט געשפּילט אויף פידל, אָבער על כּל פּנים האָט ער געקאָנט מער ווי זיין שילער, און אַ געוויסע צייט האָט ער אים געגעבן דריי שעה אַ וואָך צי צוויי פראַנק אַ שעה. אָבער אין אָנדערהאַלבן חדשים אַרום איז דעם אינזשינער מיאוס געוואָרן, ווייל ער האָט פּלוצלינג ענטדעקט, אַז זיין הויפּט-באַרוף איז מאַלעריי. ווען קריסטאָף האָט זיך דערוווּסט וועגן דער דאָזיקער ענטדעקונג האָט ער שטאַרק געלאַכט. נאָר ווען ער האָט אויפגעהערט לאַכן, האָט ער איבערגעציילט זיין געלט און געפונען קוים צוועלף פראַנק, שׂכר-לימוד פון זיין שילער. נאָר דאָס האָט אים נישט געאַרט; ער האָט זיך נאָר אַ טראַכט געטון, אַז מען מוז נעמען זוכן אַנדערע קוואַלן פון פּרנסה: נעמען ווידער לויפן צו די אַרויסגעבער. ס'איז אַפילו נישט קיין גרויסער פאַרגעניגן.... נאָר נישט כּדאַי זיך צו פּייניקן איידער ס'ווערט שלעכט. דער וועטער איז היינט שיין. ער האָט זיך געלאָזט גיין קיין מעדאָן.

ער האָט געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש זיך צו באַוועגן. בעתן גאַנג האָט ער געפילט, ווי עס שפּראָצן אין אים פאַרשידענע מוזיק-אידעען. זיין נשמה איז געווען פול, ווי אַ בינשטאָק, און ער האָט געלאַכט ביים גאָלד-זשומעריי פון זיינע בינען. על פּי רוב פלעגט זיך אָט די מוזיק אָנאויפהער ענדערן. אַן אויסברוך פון ריטם, דערוואַכונג, האלוצאנאציע.... פּרווט נאָר שאַפן אַ ריטמיש ווערק בעת איר זענט פאַרשפּאַרט אין צימער! עס וועט ווערן איינגעשרומפּן ביז סובטילע האַרמאָניעס, אומבאַוועגלעכע, ווי די פּאַריזער.

ווען ער איז מיד געוואָרן גייענדיק, האָט ער זיך געלעגט אויפן גראָז אין וואַלד, די בוימער זענען שוין געווען האַלב נאַקעט. דער הימל גרין בלוי. קריסטאָף איז פאַרזונקען געוואָרן אין חלומות, וואָס האָבן באַלד איינגעזאַפּט אין זיך דאָס צאַרטע ליכט פון די אָקטאָבער

וואַלקנס. זיין בלוט האָט פּולסירט. ער האָט געהערט ווי עס ציען זיך אין איילעניש די כוואַליעס פון זיינע געדאַנקען. זיי זענען גע-קומען פון אַלע זייטן האָריזאָנט: יונגע און אַלטע ווערטן, וואָס האָבן געפירט צווישן זיך אַ מלחמה, שטיקער פון פאַרגאַנגענע נשמות, אַלטע אורחים, פּאַראַזיטן, וואָס האָבן אין אים געלעבט, פּונקט ווי איינוווינער פון אַ גרויסער שטאָט. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט גאָטפרידס ווערטער אויף מעלכיאָרס קבר:

— ער איז געווען אַ לעבעדיקער קבר, פול מיט מתים, וואָס האָבן זיך אָן אויפהער באַוועגט — זיין גאַנצע אומבאַקאַנטע ראַסע. ער האָט געהערט אין זיך דעם המון לעבנס. ער האָט מיט פרייד אויפגענומען דעם אָרגל-שפּיל פון דעם דאָזיקן אוראַלטן וואַלד, וואָס איז פּונקט ווי דאַנטעס וואַלד פול מיט גייסטער. ער האָט איצט קיין מורא נישט געהאַט פאַר זיי, ווי אין די קינדער יאָרן, ווייל זיין מייסטער איז איצט געווען — זיין ווילן. ער האָט געפילט אַ שטאַרקע פרייד, וואָס ער קאָן אויפהויבן זיין בייטש איבער די חיות, וואָס לעבן אין אים, זיי זאָלן זיך צעשרייען און ער זאָל שטאַרקער פילן די רייכקייט פון זיין אינערלעכער מענאַזשעריע. ער איז נישט געווען איינזאַם. ס'איז נישט געווען קיין שום סכנה ער זאָל ווען עס איז זיין איינזאַם. ער איז אַליין געווען אַ גאַנצע אַרמיי. לאַנגע דורות פון פרייליכע און געזונטע קראַפטס. קעגן פּאַריז זיין שונא, קעגן אַ פאָלק — האָט זיך געשטעלט אַ גאַנץ פאָלק: די כוחות זענען געווען גלייכע.

ער האָט פאַרלאָזן זיין פּשוטע — צו טייערע — דירה און גע-דונגען זיך אַ בוידים-שטיבל אין דער געגנט פון מאָנרוזש, די חסרונות פון דעם בוידים-שטיבל האָט געדעקט די גרויסע שפע לופט, וואָס האָט כסדר געשטראָמט פון דרויסן. ס'איז, אַן אמת, געווען שטענדיק אַ צוג-ווינט, נאָר מ'האָט דאָך באַדאַרפט האָבן מיט וואָס צו אָטעמען. דורכן פענסטער האָט מען געקאָנט זען די ווייטע רויך-קוימענס פון פּאַריז און נאָך ווייטער דעם מאָנמאַרטר. דאָס איבערציען זיך אין דער נייער דירה האָט לאַנג נישט געדויערט. ס'איז גענוג געווען אַ

האַנט־וועגעלע, וואָס קריסטאָף האָט אַליין געשלעפּט. אויסער זיין קו־פערט, איז די טייערסטע זאַך פון זיין גאַנצן פאַרמעגן געווען איינע פון בעטהאָווענס טויטן־מאַסקעס, וואָס זענען פאַרשפּרייט געווען די לעצטע צייט. ער האָט זי שטאַרק געהיט, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ טייער קינסטלעריש ווערק. ער האָט זיך נישט געקאָנט מיט איר שיידן. אין דעם פאַריזער ים איז זי געווען פאַר אים אַן איינזאַמער אינזל און — זיין מאָראַלישער באַראָמעטער. די מאַסקע האָט אים אויפגעדעקט נישט נאָר זיין אינערלעכן באַוווסטזיין, נאָר קודם כל די טעמפּעראַטור פון זיין נשמה, זיינע באַהאַלטענע מחשבות. דאָ אַ פאַר־וואָלקנטער הימל, דאָ אַ מבול פון ליידנשאַפטן און דאָ אַ מעלטיקע רויקייט.

ער האָט געמוזט באַגרענעצן זיך פון עסן. ער פלעגט עסן איינמאָל אין טאָג. איינס אַזייגער בייטאָג. ער פלעגט זיך קויפן דיקן וווּרשט און אויפהענגען אויפן פענסטער; אַנישטקשהדיקע שטיק פלעגט ער זיך אַרויפלעגן אויפן ברויט און פאַרטרונקען מיט קאַווע, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאַכט; ס׳האָט אים אויסגעצייכנט געשמעקט, נאָר ווייזט אויס, אַז ער וואָלט זיך לייכט אַן עצה געגעבן מיט נאָך אַזאַ פּאָרציע. ער איז געווען בייז אויף זיך, למאַי ער האָט קיין עין הרע אַזאַ אַפּעטיט און פלעגט זיך בייזערן אויף זיך אַליין און גערופן זיך זולל־וסובאַניק, וואָס איז שטענדיק נאָר נאָך דער אַכילה. ער האָט, וואָס אַן אמת, קיין בויך דערפון נישט געקריגן און האָט אויסגעזען אָפּגעצערט, ווי אַ מאָגערער הונט. אָבער בכלל איז ער געווען געזונט, אייזן־שטאַרק און געהאַלטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט קיינמאָל נישט געזאָרגט פאַרן מאָרגן, הגם ער האָט געהאַט דערצו געגוג סיבות. כל זמן ער האָט געהאַט געלט אויף איין טאָג האָט עס אים נישט געאַרט. לסוף, ווען ס׳איז אים אויסגעגאַנגען די לעצטע פּרוטה פון טאַש, האָט ער ווידער גענומען גיין פון איין פאַרלעגער צום צווייטן. ער האָט אין קיין אָרט קיין אַרבעט נישט געקריגן. גייענדיק אהיים מיט ליידיקע הענט, איז ער פאַרבייגעגאַנגען דאָס מוזיק־געשעפט, ווו סילוועץ קאָן האָט אים געהאַט פאָרגעשטעלט פאַר דניאל העכט; ער האָט לחלוטין פאַרגעסן, אַז ער איז מיט אַ צייט צוריק דאָרטן געווען, און איז אַריינגעגאַנגען. דער ערשטער מענטש, וועלכן ער האָט באַ־געגנט איז געווען העכט. ער האָט זיך געוואָלט כאַפּן צוריק אָבער נישט באַוויזן: העכט האָט אים שוין געהאַט באַמערקט. קריסטאָף האָט

נישט געוואָלט אויסזען, ווי אַ מענטש וואָס אַנטלויפט. ער איז צוגעגאַנגען צו העכטן און איז געווען גרייט, באַלד נאָך די ערשטע עזותדיקע רייד צו כאַפּן פון העכטן אַ ריכטיקן פּסק. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט. העכט האָט אים קאַלט אויסגעשטרעקט אַ האַנט: לויט זיין שטייגער, פאַר העפלעכקייט וועגן זיך געפרעגט אויף זיין געזונט, און נישט וואַרטנדיק אויף קריסטאָפס רייד, אַריינגעפירט אים אין זיין אַרבעטס צימער און ביי דער טיר אָפּגעטרעטן אין אַ זייט, כדי קריסטאָפן אַריינצולאָזן אַ פריער. אין האַרצן איז ער געווען גליקלעך פון אָט דעם באַזוך, וועלכן ער האָט אין זיין גדלות פאָרויסגעזען, אָבער גערעכט אויף קריסטאָפן האָט ער זיך נישט. ער האָט געהיט קריסטאָפס יעדן טריט, קיינער זאָל עס נישט באַמערקן, און נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו הערן קריסטאָפס מוזיק; בעתן באַרימטן קאָנצערט פון „דוד" איז ער אויך געווען אין זאַל, און די אָפענע שנאה, וואָס דער עולם האָט אַרויסגעוויזן צו קריסטאָפן האָט אים נישט געוואונדערט, ווייל ער האָט גוט געקענט דעם ווערט פון דעם נבזהדיקן עולם, פונקט ווי ער האָט געפילט די וווּנדערלעכע שיינקייט פון דעם ווערק. אין גאַנץ פּאַריז איז אפשר נישט געווען נאָך איין מענטש, וואָס זאָל זיין אַזוי פעיק אָפּצושאַצן דעם קינסטלערישן ווערט פון קריסטאָפס אָריגינעלע מוזיק, ווי העכט, אָבער ער האָט זיך געהיט מיט אַ וואָרט, נישט מחמת ער האָט זיך געפילט געטראָפן פון קריסטאָפס באַציונג, נאָר ווייל ער האָט בכלל קיינעם נישט געקאָנט אַרויסווייזן זיין צופרידנקייט: דאָס איז געווען ביי אים אַזאַ פעלער. ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט העלפן קריסטאָפן, אָבער נישט אַנטקעגן געקומען אים מיט דער קלענסטער הילף: ער האָט געוואַרט קריסטאָף זאָל אים קומען בעטן. און איצט ווען קריסטאָף איז געקומען, אָנשטאָט אויסצונוצן די דאָזיקע געלעגנהייט און נישט צו דערמאָנען די זאַכן, צוליב וועלכע ער האָט זיך מיט קריסטאָפן אַמאָל געקריגט, אָנשטאָט דעם האָט העכט געפונען אַ באַזונדערן פאַרגעניגן צו לאָזן קריסטאָפן דערציילן באַריכות די סיבה פון באַזוך און צו צווינגען אים אויסצופירן — לכל־הפחות איין איינציק מאָל — די זעלבע אַרבעט, וואָס קריסטאָף האָט אַמאָל אָפּגעשטויסן מיט ביידע הענט. ער האָט אים געגעבן צו באַאַרבעטן אויף מאָרגן פופציק זייטן מוזיק פאַר מאַנדאָלין און גיטאַרע.

ווען ער האָט געזען, אַז קריסטאָף גיט זיך אונטער, האָט ער

זיך געקילט פון זיין כעס און גענומען אים געבן בעסערע אַרבעטן, אָבער שטענדיק מיט אַזאַ אומפריינדלעכקייט, אַז קריסטאָף איז אים קיינמאָל נישט געווען דאַנקבאַר. קריסטאָף איז, אַפּנים, געווען זייער געדריקט, אויב ער האָט זיך צו אים אַלע מאָל געווענדט. אַלענפאַלס, האָט ער בעסער געוואָלט פאַרדינען ביי דער דאָזיקער אַרבעט. הגם זי האָט אים שטאַרק אויפגערעגט, איידער צו נעמען פון העלכטן אַ מתנה, וואָס יענער האָט אים איינמאָל מיטן גאַנצן האַרצן פאַרגעלייגט. קריסטאָף האָט געוווסט, אַז העלכט האָט אַ כוונה אים צו דערנידעריקן; און אויב ער איז געווען געצוווּנגען אָנצונעמען זיינע באַדינגונגען, האָט ער, לפּחות, נישט געוואָלט אָננעמען זיינע טובות; ער האָט מסכּים געווען מיטן גאַנצן האַרצן צו אַרבעטן פאַר אים. — אַזוי ווי קריסטאָף האָט כּסדר אויסגעפירט זיין אַרבעט, האָט ער, אייגנטלעך, נישט געהאַט העלכטן פאַרוואָס דאַנקבאַר צו זיין; ער האָט אים נישט געוואָלט בלייבן שולדיק. ער איז נישט געווען, ווי וואַגנער, וואָס איז צוליב זיין קונסט געוואָרן אַן אומפאַרשעמטער קבצן און געשטעלט זיין קונסט העכער, ווי זיך אַליין; דאָס ברויט, וואָס ער האָט נישט פאַרדינט, האָט אים געשטיקט.—איינמאָל, ווען ער האָט אָפּגעגעבן זיין אַרבעט, איבער וועלכער ער איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, האָט ער געטראָפן העלכטן זיצן ביים טיש. ווען העלכט האָט געזען זיין בלאַס פּנים און די בליקן, וואָס ער האָט נישט ווילנדיק געוואָרפן אויפן עסן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נאָך דעם טאָג אין מויל נישט געהאַט און אים מיטגעבעטן צו פרישטיק. ער האָט געהאַט אַ גוטע כוונה. אָבער דער מגושמדיקער העלכט האָט אויף אַזאַ בולטן אופן געגעבן צו פילן, אַז ער באַמערקט קריסטאָפס הונגער,—אַז זיין איינליידונג האָט אויסגעזען, ווי אַ נדבה. קריסטאָף וואָלט בעסער געוואָלט שטאַרבן פון הונגער, איידער אָנצונעמען די איינליידונג. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן צו זעצן זיך ביים טיש. (העלכט האָט געזאָגט, אַז ער האָט צו אים אַן ענין) אָבער ער האָט זיך נישט צו גערירט צום עסן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָרוואָס געגעסן פרישטיק. זיין מאָגן האָט זיך געקאָרטשעט פון הונגער.

קריסטאָף האָט געוואָלט פּטור ווערן פון העלכטן, אָבער די אַנדערע פאַרלעגער זענען נאָך געווען ערגער פון אים. עס זענען געווען רייכע דילעטאַנטן, וואָס פלעגן שאַפן שטיקלעך מוזיק, נאָר גישט גע-

ווען בכוח אויפצושרייבן. האָבן זיי גערופן קריסטאָפן, געזונגען פאַר אים זייערע ווערק און געפרעגט:

— נו, איז עס נישט שיין?

זיי האָבן אים געלאָזט ענטוויקלען די זאַך (דאָס הייסט אָנשרייבן פון אָנהויב ביזן סוף) און שפּעטער אַרויסגעגעבן עס אין אַ גרויסן פאַר-לאַג. ווען זיי האָבן געזען זייער נאָמען אויפן ווערק, האָבן זיי אַליין געגלויבט, אַז ס׳איז זייערס. קריסטאָף האָט געקענט איינעם אַזאַ, אַן אַריסטאָקראַט פון גרויסן יחוס, אַ הויכער, באַוועגלעכער מענטש, וואָס האָט אים תּיכּף געגעבן רופן „טייערער פריינד" געדרוקט אים די האַנט, מיט שטורעמדיקן ענטוזיאַזם אים געשאָטן קאָמפּלימענטן, גע-זאָגט אים גלייכוועריקע אויפן אויער, געמישט מיט נבול-פּה און מיט התלהבותדיקע אויסגעשרייען: בעטהאָווען, ווערלען, פּאָרע, איוועט גילבער.... דער דאָזיקער מענטש האָט אים געגעבן אַרבעט און אָפּגע-שלעפּט מיטן געלט. ער האָט גערעכנט יוצא צו זיין מיט איינלאַדן קריסטאָפן צו פרישטיק און דריקן אים די האַנט. קריסטאָף האָט זיך פאַרגינען דעם נאַרישן פאַרגעניגן דאָס געלט אים צוריקצושיקן. דעם טאָג האָט ער נישט געהאַט אין טאַש קיין צוואַנציק סאַנטים. ער האָט געדאַרפט קויפן אַ פּאָסט מאַרקע פאַר פינף און צוואַנציק סאַנטים, אַרויסצושיקן אַ בריוו צו דער מאַמען. עס איז געווען פאַרן געבורטס טאָג פון דער אַלטער לואיזע, און קריסטאָף האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן דעם דאָזיקן טאָג. די גוטע פרוי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אַ בריוו פון איר זון. זי האָט עס אים נישט גע-קאָנט מוחל זיין. די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט זי אים געגומען שרייבן אָפטער, כאָטש דאָס שרייבן איז איר אָנגעקומען זייער שווער. זי האָט געליטן פון איינזאַמקייט און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו פאָרן צו קריסטאָפן אין פּאַריז. זי האָט זיך געשראָקן, איז געווען צו שטאַרק צוגעבונדן צו איר שטעטל, צו איר קירך, צו איר שטוב און האָט מורא געהאַט פאַר דער נסיעה. און אַפילו ווען זי וויל קומען, וואָלט קריסטאָף נישט געהאַט פאַר איר קיין געלט; ער האָט אָפטמאָל נישט געהאַט פאַר זיך אַליין.

איין בריוו האָט אים פאַרשאַפט אַ שטאַרקן פאַרגעניגן. ס׳איז געווען אַ בריוו פון לאָרכען, דאָס יונגע דאָרף מיידל, וואָס צוליב איר האָט ער זיך צוקריגט מיט די פּרייסישע זעלנער: זי האָט אים גע-שריבן, אַז זי האָט חתונה, איבערגעגעבן אַ גרוס פון זיין מאַמען און

צוגעשיקט אים אַ קויש עפל מיט טאָרטן אויפצועסן לכבוד איר חתונה. דאָס פעקל איז אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט. דער דאָזיקער טאָג איז געווען ביי קריסטאָפן אַ תענית: פון דעם וורשט, וואָס איז געהאָנגען אויפן פענסטער איז קוים געבליבן דאָס שטריקל. קריסטאָף האָט זיך פאַרגלייכט צו די הייליקע נזירים, וואָס אַ קראָ פלעגט זיי ברענגען עסן אין זייער פעלזן-לאָך, נאָר די דאָזיקע קראָ איז געווען, אפנים, שטאַרק פאַרנומען צוצושטעלן עסן פאַר אַלע נזירים, ווייל זי איז שוין מער נישט געקומען.

נישט געקוקט אויף אַזעלכע מאַטערנישן איז קריסטאָף שטענדיק געווען פריילעך. ער פלעגט זיך אַליין וואַשן אין אַ שיסל זיינע וועש און פוצן די שיך, צופייפנדיק בשעת מעשה, ווי אַ קאָס. ער האָט זיך געטרייסט מיט די ווערטער פון בערליאָז: „לאָמיר זיך אויפהויבן איבער די צרות פון קליינלעכן לעבן, לאָמיר מיט לייכטקייט זינגען דאָס געזאַנג Dies Irae.” ער פלעגט אָפטמאָל זינגען דאָס ליד, צו דער גרויסער ערגערניש פון זיינע שכנים, וואָס זענען געווען נאָך מער איבערראַשט, בעת ער האָט אַליין מיט אַ פריילעך געלעכטער איבערגעריסן זיין געזאַנג.

ער האָט געלעבט אַ שווער אָפגעזונדערט לעבן. „דאָס תענוגלעכע לעבן איז אַ קאַריערע פון רייכע און לײדיקגייער”. קריסטאָפס שלעכטע לאַגע, פרנסה-דאגות, דאָס באַנוגענען זיך מיט אַ קלייניקייט און זיין שפּאָרונגס-פיבער האָבן אים נישט איבערגעלאָזט קיין פרייע צייט און נישט קיין חשק צו טראַכטן וועגן קערפערלעכע פאַרגעניגנס. ער איז אין דעם זין געווען נישט בלויז גלייכגילטיק: אין קעגנזאַץ צום לעבן פון די פאַריזער האָט ער באַשלאָסן צו לעבן שטרענג מאָראַליש. ער האָט געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש נאָך ריינקייט און אַן עקל צו יעדער מין שמוץ. נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אויסגעטון פון יעדער מין תאווה; אָפטמאָל איז ער געווען שטאַרק להוט נאָך זיי. אָבער די תאוות זענען געבליבן צניעותדיק אַפילו בעת ער האָט זיך זיי אונטערגעגעבן: ווייל ער האָט נישט געזוכט אין זיי די קערפערלעכע הנאה, נאָר דאָס אַבסאָלוטע איבערגעבן זיך צום מעכטיקן שטראָם פון עקזיסטענץ. און בעת ער האָט געזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, האָט ער עס אָפגעשטויסן פון זיך. דאָס תענוגלעכע לעבן איז נישט געווען ביי אים אַ זינד ווי אַלע אַנדערע. דאָס איז געווען ביי אים די גרויסע עבירה, וואָס פאַרסמט די אוצרות פון

לעבן. דאָס קאָנען פֿאַרשטיין בלויז מענטשן, וואָס דאָס אַלטע קריסטנטום האָט נישט צוגעלאָזט צו זיי קיין פֿרעמדע איינפֿלוסן, מענטשן, וואָס פֿילן זיך נאָך היינט אויך, ווי קינדער פֿון קרעפֿטיקע ראַסן, וואָס האָבן פֿאַרן פּרייז פֿון זייער העלדישער דיסציפּלין אויפֿגעבויט די מערב-ציוויליזאַציע. קריסטאָף האָט געפֿילט אַ פֿאַראַכטונג צו דער קאָסמאָפּאָליטישער געזעלשאַפֿט, וואָס די פֿיזישע הנאה איז געווען איר איין און איינציקער ציל, איר אני-מאמין. — ס'איז אַוודאי גוט צו זוכן גליק, צו וועלן עס ברענגען די מענטשן, צו פֿירן אַ מלחמה מיט דערשלאָגנדיקע פּעסימיסטישע גלויבנס און מיינונגען, וואָס צוואַנציק דורות פֿון גאָטישער קריסטלעכקייט האָבן אַרויפֿגעלעגט אויף דער מענטשהייט. אָבער נאָר בתנאי, אַז אַ שטאַרקער גלויבן וועט ווירקן דערויף, אַ גלויבן, וואָס פֿאָדערט גליק פֿאַר דער וועלט. אָנשטאָט דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען באמת? דער ערגסטער עגאָיזם. אַ מחנה הנאה-זוכער, וואָס ווילן געבן זייערע חושים דעם מאַקסימום פֿאַרגעניגן מיטן מינימום געפֿאַר, און זענען שטאַרק צופֿרידן, וואָס אַנדערע ליידן פֿאַר זייערע זינד. — יאָ, בלי ספק. מען קען זייער סאַלאָן-סאָציאַליזם! אָבער צי ווייסן זיי אַליין נישט, אַז זייערע דרשות וועגן קערפּערלעכער הנאה טויגן נאָר פֿאַר די זאַטע, פֿאַר די רייכע, אָבער פֿאַר די אָרעמע זענען זיי סם-המות?..

„די קערפּערלעכע הנאה איז אַ קאַריערע פֿון רייכע".

קריסטאָף איז נישט געווען רייך און האָט עס נישט געקאָנט זיין. ווי נאָר ער פֿלעגט פֿאַרדינען עפּעס געלט, האָט ער תּיכף עס אויסגעגעבן אויף מוזיק. ער פֿלעגט נישט עסן און גיין אויף אַ קאָנצערט. קויפֿן זיך איינס פֿון די ביליקסטע ערטער אויפֿן העכסטן שטאָק פֿון דעם טעאַטער די-שאַטעלע, און פֿאַרזונקען ווערן אין מוזיק: זי האָט אים פֿאַרטראָטן, ווי דאָס אָונט-ברויט, ווי די געליבטע. ער האָט מיטגעבערענגט מיט זיך אויף די קאָנצערטן אַזאַ-גרויסן גליק-הונגער און אַזוי פֿיל נאַטירלעכע פֿעיקייטן הנאה צו האָבן, אַז די פֿעלערן פֿון דעם אָרקעסטער האָבן אים נישט געקאָנט שטערן. צוויי אָדער דריי שעה פֿלעגט ער בלייבן פֿאַרזונקען אין דעם געבענטשטן צושטאַנד

און ער האָט לחלוטין נישט געפילט די געשמאַקלאָזע פעלערן אין די פאַלשע טענער, וואָס האָבן אין אים דערוועקט אַ פאַרגעבנדיקן שמייכל: די קריטיק האָט ער געלאָזט הינטער דער טיר; ער איז געקומען ליב צו האָבן און נישט צו משפטן. אַרום אים איז דער גאַנצער עולם געזעסן פאַרזונקען און אומבאַוועגלעך, ווי ער, מיט האַלב-געשלאָסענע אויגן, איינגאַנצן איבערגעגעבן דעם שטאַרקן שטראָם פון די חלומות. אויף קריסטאָפן האָט דער אין חושך פאַרזונקענער המון געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ריזיקער קאַץ, וואָס האָט זיך איינגעקאָרטשעט און טראַכט אין דער פינסטער וועגן תענוג און בלוטפאַרגיסונג. פון דער גערדיכטער באַגילדטער פינסטערניש האָבן בלייך אַרויסגעקוקט עטלעכע סודותפולע פנימער, וואָס זייער אומבאַקאַנטער חן און שטומע התפעלות האָבן צוגעצויגן צו זיך קריסטאָפס בליקן און האַרץ; ער האָט זיך געפילט נאָענט צו זיי, געהערט מיט זייערע אויערן און לסוף צונויפגעשמאָלצן זיך מיט זיי, מיט גוף און נשמה. ס'האָט זיך געמאַכט, אַז איינער האָט עס גענומען פילן און אין משך פון דעם קאָנצערט האָט זיך אין דער שטיל געוועבט צווישן אים און קריסטאָפן איינע פון יענע אומקלאָרע סימפּאַטיעס, וואָס דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה, הגם קיין איין וואָרט דעקט נישט אויף פאַר אונזער באַוווסטזיין דעם דאָזיקן סוד, און ווי נאָר עס ענדיקט זיך דער קאָנצערט בלייבט דערפון גאָרנישט, ווייל בעת עס רייסט זיך איבער דער שטראָם, וואָס בינדט צוזאַמען ביידע נשמות, רייסט זיך אויך איבער די דערנענטערונג. דער דאָזיקער גייסטיקער צושטאַנד איז באַקאַנט אַלע מוזיק-ליבהאָבער; דער עיקר בעת זיי זענען יונג און גיבן זיך איבער דער מוזיק מיט לייב און לעבן. דער גאַנצער מהות פון דער מוזיק איז אַזוי פיל מיט ליבע, אַז מען קאָן פון איר פולשטענדיק הנאה האָבן ערשט דעמאָלט, ווען מען פילט די הנאה פון אַ צווייטן, און דערייבער זוכט מען בעת אַ קאָנצערט אינסטינקטיוו מיט די אויגן צווישן דעם המון מענטשן, צו געפינען אַ פריינד, זיך צו טיילן מיט אים די פרייד, וואָס איז צו גרויס פאַר איין מענטשן.

צווישן די שעה-חברים, וואָס קריסטאָף פלעגט זיך טיילמאָל אויסקלויבן, כדי צו פילן דעם אמתן טעם פון מוזיק, האָט אים צוגעצויגן אַ פנים פון אַ מענטשן, וואָס ער פלעגט טרעפן אויף יעדער קאָנצערט. דאָס איז געווען אַ מיידל פון פאָלק, וואָס האָט, אפנים, ליב געהאַט מוזיק, הגם זי האָט זי נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אויסגעזען

ווי אַ קליין היהלע, געהאַט אַ גלייכע נאָז, וואָס איז כמעט נישט אַרויס פון אירע בולטע ליפּן און איידעלן קין, פיינע אויפגעהויבענע ברעמען און קלאָרע אויגן. איינס פון יענע זאָרגלאָזע פּנימער, וואָס פון זיי קוקט אַרויס פרייד און. געלעכטער, געהילט אין גלייכגילטיקער רו דאָס איז געווען איינס פון די ארבעטער־מיידלעך, וואָס זענען גענויגט צו אויסגעלאסנקייט, פארמאָגן יינגלשע שטריכן און וואָס פאַרקערפּערן אין זיך, מער ווי אנדערע, די אַמאָליקע פארשוווּנדענע פריילעכקייט פון די אַנטיק סטאַטועס און ראַפאַעלישע געשטאַלטן. זייער גאַנץ לעבן איז בלויז איין רגע—די דערוואַכונג פון דער תאווה. באלד פארוויאנען זיי, אָבער זיי לעבן לפּחות איין פריילעכע שעה.

קריסטאָף האָט זיך צופרידן צוגעקוקט צו איר: איר שיין פּנימל האָט אים הנאה געטון; ער האָט זיך געקאָנט שפּילן מיט איר און בשעת מעשה זי נישט באַגערן; ער האָט געשעפּט פון איר פּנים, פרייד, כּוח, רויקייט, כמעט צניעות. זי האָט, נאַטירלעך, באלד דערפילט, אַז ער קוקט אויף איר, און נישט ווילנדיק איז צווישן זיי געשאַפן געוואָרן אַ מאַגנעטישער שטראָם. און אַזוי ווי זיי פלעגן זיך כמעט אויף יעדן קאָנצערט טרעפן אויף די זעלביקע ערטער, האָט נישט לאַנג געדויערט ביז יעדערער פון זיי האָט דערקענט דעם אַנדערנס געשמאַק. אין באַשטימטע ערטער פון קאָנצערט פלעגן זיי אויסטוישן צווישן זיך אַ בליק פון איינשטימונג; בעת אַן אָרט איז איר שטאַרקער געפעלן געוואָרן, פלעגט זי אַרויסשטעקן דאָס צינגל, פּונקט ווי צו באַנעצן די ליפּן; און ווען אַ זאַך איז איר נישט געפעלן געוואָרן, פלעגט זי פאַרקרימען איר שיין מויל אין אַ שפּאָטישן שמייכל. אין די דאָזיקע מינעס איז אויך געווען אַ געוויסער נאַיווער אָנשטעל, וואָס קיין מענטש קאָן זיך פון אים נישט באַפרייען, בעת ער פילט, אַז מען קוקט אויף אים. ביי די ערנסטערע שטעלן האָט זי געהאַט א וויכטיקן אויסדרוק אויפן פּנים; מיטן פּראָפיל צו קריסטאָפן איז זי געזעסן פאַרזונקען אין דער מוזיק, אָבער אירע באַקן האָבן געשמייכלט, און פון דער זייט האָבן די אויגן אָפּגעהיט צי ער קוקט אויף איר. נישט איבעררעדנדיק קיין צוויי ווערטער און אַפילו נישט געפּרוּווט (לפּחות פון קריסטאָפס זייט) זיך צו טרעפן ביים אַרויסגאַנג, זענען זיי בקרוב געוואָרן אמתע גוטע פריינט.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זיי זענען בעת אַן אָוונט־קאָנצערט געזעסן איינער נעבן צווייטן. נאָך אַ ווילע פון שמייכלענדי־

קער וואקלעניש האָבן זיי געגומען פריינדלעך שמועסן. זי האָט געהאַט אַ צויבערפולע שטים און גערעדט אַסאַך נאַרישקייטן וועגן מוזיק; זי האָט נישט געהאַט אין מוזיק קיין שום ידיעה און נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי קען; אָבער זי האָט באמת שטאַרק ליב געהאַט מוזיק, אַלצאיינס גוטע צו שלעכטע, מאַסנע צי וואַגנער. נאָר די מיטלמעסיקע מוזיק האָט זי געלאַנגווייליקט. בכלל אָבער איז מוזיק פאַר איר געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן; זי האָט זי דורשטיק געטרונקען, ווי דאַנאַיע דעם גאָלד רעגן. ביי „טריסטאַנס" פרעלודיע איז זי שיעור נישט געפאַלן אין חלשות, און בעת דער „הערואישער סימפאָניע" האָט זי זיך געפילט, ווי געפאַנגען אין דער מלחמה. זי האָט דערציילט קריסטאָפן, אַז בעטהאָווען איז געווען אַ טויב־שטומער און אַז ווען זי קען אים וואָלט זי אים פונדעסטוועגן ליב געהאַט, הגם ער איז געווען זייער מיאוס. קריסטאָף האָט פראָטעסטירט און געזאָגט, אַז בעטהאָווען איז גאָרנישט געווען אַזוי מיאוס. זיי האָבן זיך גענומען שפּאַרן וועגן שיינקייט און מיאוסקייט, און זי האָט מסכים געווען, אַז דאָס ווענדעט זיך אין געשמאַק; וואָס פאַר איינעם איז שיין, קאָן פארן צווייטן זיין מיאוס: דער מענטש איז נישט קיין זילבער־מטבע ער זאָל אַלעמען געפעלן ווערן. — קריסטאָפן איז ליבער געווען, ווען זי האָט אינגאנצן נישט גערעדט, ער האָט זי דערמאָלט בעסער פאַרשטאַנען. בעת „איזאָלדעס טויט" האָט זי אים אויסגעשטרעקט איר האַנט, וואָס איז געווען אינגאנצן פייכט; ער האָט זי געהאַלטן אין זיינער ביזן סוף. זיי האָבן געפילט, ווי דורך זייערע איבערגעפלאָכטענע פינגער פליסט דער זעלבער שטראָם פון לעבן.

זיי זענען צוזאמען אַרויס. ס'איז געווען האַלבע נאַכט, שמועסנדיק סתם אין דער וועלט אריין זענען זיי אָנגעקומען אין לאטיינישן קווארטאל. זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אין זיין אָרעם, און ער האָט זי באַגלייט אַהיים. נאָר בעת זיי זענען צוגעקומען צו דער טיר, און זי האָט אים געוואָלט ווייזן, ווי מען גייט אַרויף צו איר, האָט ער זיך געזעגנט, נישט לעגנדיק קיין אַכט אויף איר שמייכל און רופנדיקע בליקן. אַ ווײַלע איז זי געבליבן שטיין איבעראַשט, באַלד געוואָרן שרעקלעך בייז און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער, טראכטנדיק, ווי נאַריש ער איז; דערנאָך בעת זי איז אַרויף צו זיך און גענומען זיך אויסטון, איז זי ווידער געוואָרן אין כעס און שטיל געוויינט. ווען זי האָט קריסטאָפן געזען אויפן נאָענטן קאָנצערט האָט

זי זיך געוואָלט מאַכן באַליידיקט און גלייכגילטיק. אָבער ער איז געווען אַזוי גוט און קינדעריש, אַז זי איז נישט ביי־געשטאַנען דעם נסיון, זיי האָבן ווידער געגומען שמועסן, אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך באַצויגן צו אים מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט. ער האָט גערעדט האַרציק אָבער זייער העפלעך וועגן ערנסטע שיינע זאַכן. וועגן דער מוזיק, וואָס זיי האָבן געהערט און וואָס פאַר אַ באַדייטונג די מוזיק האָט פאַר אים. זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און געפּרוווט טראַכטן, ווי ער. צייטנווייז האָט זי נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איר, נאָר זי האָט אים געגלויבט. זי האָט געפילט צו קריסטאָפן אַ מין דאַנקבאַרן יראת הכבוד, וואָס זי האָט אים כמעט נישט אַרויסגעוויזן. דורך אַ שטומען אָפּמאַך פלעגן זיי זיך טרעפן נאָר אויף די קאָנצערטן. ער האָט זי איינמאָל געטראָפן צווישן סטודענטינס. זיי האָבן זיך ערנסט געגריסט איינער דעם צווייטן. זי האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן אים. טיף אין איר נשמה האָט זי נאָך פאַרמאָגט אַ קליין הייליק ווינקעלע ווו ס׳האָט זיך באַהאַלטן אַביסל שיינקייט, ריינקייט און טרייסט. ,

אָט אַזוי האָט קריסטאָף געהאַט אַ באַרויקנדיקע שטאַרקנדיקע השפּעה אויף זיין סביבה, בלויז מיט זיין קעגנוואַרט, בלויז מיטן פאַקט, וואָס ער האָט עקזיסטירט. דורך וואַנען ער פלעגט דורכגיין, האָט ער געלאָזן הינטער זיך, אַליין נישט ווויסנדיק, אַ שפּור פון זיין אינערלעכן ליכט. ער האָט עס אַליין נישט געפילט. אַרום אים, אין זיין שטוב זענען געווען מענטשן, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל נישט געזען, און וואָס האָבן נישט ווילנדיק געפילט אין זיך די ווירקונג פון זיין געטלעכער צעשטראַלונג.

זינט לאַנגע וואָכן האָט קריסטאָף נישט געהאַט קיין געלט צו גיין אויף די קאָנצערטן, הגם ער האָט סיי ווי סיי געפאַסט תעניתים, אין זיין בוידים שטיבל האָט ער געגומען ציטערן פון קעלט, ווייל ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער; ער האָט נישט געקאָנט בלייבן זיצן אומבאַוועגלעך ביי זיין טיש און געלאָזט זיך גיין איבער די פאַריזער גאַסן, כדי זיך צו דערוואַרעמען. ער האָט פאַרמאָגט די לייכטקייט צו פאַרגעסן צייטנווייז די רוישנדיקע שטאָט, וואָס אַרום אים, און צו אַנטלויפן פון דער אומענדלעכקייט פון צייט און אָרט. ס׳איז גענוג געווען ער זאָל דערזען איבער דער רוישנדיקער גאַס די טויטע פאַרגליווערטע לבנה אונטערן טיפן הימל אָדער די זון אינם ווייסן נעפּל—

באַלד פלעגט שטיל ווערן דער רעש פון גאַס, פּאַריז איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַן אומענדלעכן תּהום. דאָס גאַנצע לעבן האָט אויסגעזען ווי בלויז אַ שאָטן פון לעבן, וואָס איז געווען שוין לאַנג-לאַנג, מיט הונדערטער יאָרן צוריק... דער גרינגסטער אמת, וואָס לאָזט זיך נישט באַגרייפן מיט די חושים פון געוויינלעכע מענטשן, אויף דאָס דערהויבענע, ווילדע לעבן פון דער נאַטור, וואָס איז פריי פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע — איז געגנוג געווען אויפצושטעלן פאַר זיינע אויגן דאָס דאָזיקע לעבן אין זיין גאַנצער פּראַכט. דאָס גראָז, וואָס איז געוואַקסן צווישן די ברוק-שטיינער, אַ בוים, וואָס האָט זיך געשטיקט אין אַן אייזערנעם שטאַרכעט און איז געשטאַנען אָן לופט און אָן ערד אויף אַ בולוואַר; אַ הונט, אַ פויגל וואָס איז דורכגעפלויגן, די לעצטע פאַרבלייבענישן, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם פּרימיטיוון אוניווערזום, וועלכן דער מענטש האָט חרוב געמאַכט. אַ כמאַרע קאָמאַרעס; די אומגעזעענע עפּידעמיע, וואָס האָט אויפגעפרעסן אַזוי פיל אָרגאַניזמען — ס'איז געווען גענוג פאַר קריסטאָפן צו פילן אין אָט דער שטיקנדיקער לופט דעם אָטעם פון דער ערד, וואָס האָט געפאָכעט איבערן פּנים און געשטאַרקט זיינע כּוחות.

בעת זיינע לאַנגע שפּאַצירן, וואָס ער האָט געמאַכט על פּי רוב מיט אַ ליידיקן מאָגן און נאָך אַ לאַנגער אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשן, פלעגט ער אָן אויפהער חלומען. די נויט און דאָס שווייגן האָבן נאָך פאַרשטאַרקט אָט די דאָזיקע קרענקלעכע נייגונג. ביינאַכט איז ער שלעכט געשלאָפן, ביי זיינע חלומות האָבן אים געמאַטערט; ער האָט אָן אויפהער געזען די אַלטע שטוב און דאָס צימער, וווּ ער האָט פאַרבראַכט די קינדער-יאָרן. מוזיקאַלישע איינפאַלן האָבן אים נישט געלאָזט שלאָפן. דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער רעדן מיט מענטשן, וואָס ער האָט זיך באַשאַפן אין דמיון, און מיט די ווייטע און טויטע, וואָס ער האָט ליב געהאַט.

אין איינעם אַ פאַרוואָלקנטן דעצעמבער נאָכמיטאָג, ווען דער פראָסט האָט באַדעקט דאָס אָפּגעפליקטע גראָז, די דעכער פון די שטיבער, און גרויסע קלויסטערס זענען געווען איינגעהילט אין גרויען נעפל, די דאַרע אויסגעקרומטע ביימער מיט די נאַקעטע צווייגן האָבן זיך געטרונקען אין די פייכטע נעפלען און אויסגעזען, ווי ווילדע געוויקסן אויפן גרונט פון ים — איז קריסטאָף, וואָס האָט נאָך מיט אַ טאָג צוריק געפילט אַ קעלט אין די ביינער און זיך נישט געקאָנט

דערוואַרעמען, אַוועק צום לווור. וואָס ער האָט נאָך נישט געקענט.

ביז יענעם טאָג האָט אים די מאָלעריי־קונסט ווייניק אינטערעסירט, ער איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיין אינערלעכער וועלט, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט אַ וועלט פון פאַרבן און געשטאַלטן. זי האָט אויף אים געווירקט נאָר אַ דאַנק איר מוזיקאַלישן רעזאָנאַנס, וואָס האָט אים געבערענגט צו טראָגן אַ שוואַכן עכאָ. זיין אינערלעך געפיל האָט, וואָס אַן אמת, אומקלאָר דערקענט, אַז די האַרמאָניע פון די געזעענע געשטאַלטן, האָט די זעלבע געזעצן, וואָס די האַרמאָניע פון די געהערטע פאָרמען, און פאַר אים האָבן זיך אויפגעעפנט די טיפע קוואַלן פון דער נשמה, ווו ס'גיסן זיך צונויף ביידע שטראָמען, דער שטראָם פון פאַרבן און דער שטראָם פון קלאַנגען, וואָס שווענקען צוויי באַזונדערע ברעגעס פון לעבן. אָבער ער האָט געקענט נאָר איינעם פון די ברעגעס, און געפילט זיך פאַרלוירן אין דער מלוכה פונם אויג, וואָס איז נישט געווען זיינע. אַזוי אַרום האָט ער נישט געקענט דעם וווּנדערלעכסטן צויבער־פולן און אפשר נאַטירלעכסטן סוד פון דער קלאָר אויגיקער פראַנקרייך, וואָס האָט געקעניגט איבער דער וועלט פון ליכט.

און אַפילו ווען קריסטאָף וואָלט געהאַט מער אינטערעס פאַר דער מאַלעריי, איז ער אָבער געווען צו פיל דייטש, צו נעמען מיטאַמאָל קוקן אַזוי אַנדערש אויפן לעבן. ער האָט נישט געהערט צו די דאָזיקע מאָדערנע דייטשן, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון זייער דייטשן אַרט פילן און רעדן זיך איין אַז דער אימפּרעסיאָניזם אָדער דער סטיל פון XVIII יאָר הונדערט אַנטציקט זיי אויסערגעוויינלעך, — אויב זיי זענען צופעליק נישט זיכער, אַז זיי פאַרשטייען עס בעסער ווי די פראַנצויזן. קריסטאָף איז אפשר געווען אַ באַרבאַר אָבער אַן אויפריכטיקער. ער האָט זיך אַליין נישט גענאַרט. די קליינע, ראָזע געזעסלעך פון בושע, די דיקע בעקלעך פון וואַטאָ, די לאַנגווייליקע פאַסטוכער און באַלייבטע דאָרף־מיידלעך צונויפגעדריקט אין זייערע גאָרסעטן, די דאָזיקע ווייכע נשמהלעך, די צניעותדיק עראָטישע בליקן פון גרויצן און פאַרקאַשערטע העמדער פון פראַגאנאר, אָט די גאַנצע פּאָעטישע מיאוסקייט האָט נישט געוועקט אין אים קיין שטאַרקערן אינטערעס, ווי אַ הומאָריסטישער זשורנאַל. ער האָט נישט געפילט די רייכע האַרמאָניע פון אָט דער קונסט. די אָנגענעמע, טיילמאָל אומעטיקע חלומות פון אָט דער איידלסטער איראָפּעישער קולטור זענען אים געווען פרעמד. דער עיקר האָט ער נישט

ליב געהאַט דעם זיבעצעטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך מיט זיין שטייפקייט, פאַרגליווערטקייט און אויסגעפוצטע בילדער. די קאַלטע צוריקגעהאַלטנקייט פון די גרעסטע מייסטער פון יענער צייט, אַ מין גרויקייט פון דער נשמה, וואָס איז צעזייט געווען איבער די שאַפונגען פון ניקאָלאַי פּוסען און איבער די בלייכע פּנימער פון פיליפּ דע שאַמפּען, האָבן דערוויטערט קריסטאָפן פון דער אַלטער פראַנצויזישער קונסט און די נייע האָט ער לחלוטין נישט געקענט. ווען ער קען זי יאָ, וואָלט ער זיך געמאַכט נישט קענענדיק זי. דער איינציקער מאָדערנער מאָלער אין דייטשלאַנד, וואָס דער באַזונדערער חן פון זיינע ווערק האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף קריסטאָפן, דער באַזיליאַנער בעקלין, האָט אים נישט צוגעגרייט צו זען די לאַטיינישע קונסט. קריסטאָף האָט גוט געדענקט דעם שטאַרקן איינדרוק פון דעם דאָזיקן ברוטאַלן גאון, וואָס האָט געאָטעמט מיטן ריח פון דער ערד, און מיט רויטן נעפּל פון דורות בהמהישע העלדן, וואָס ער האָט אַרויסגעבערנגט פון די קברים. זיינע אויגן, פאַרבלענדט פון דער שטאַרקער שיין, געוווינט צו דער תאווהדיקער פאַרביקייט פון דעם דאָזיקן ווילדן שיכור, האָבן זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צו די האַלבע פאַרבן, צו די אָפּגעהאַקטע, ווייכע האַרמאָניעס פון דער פראַנצויזישער קונסט.

אָבער ווער עס לעבט אין דער דאָזיקער וועלט, מוז באַקומען זיין שטראָף. מ׳ווערט פון איר, אַליין נישט וויסנדיק, באַאיינפלוסט. וויפיל דער מענטש זאָל זיך נישט פאַרמאַכן אין זיך, זעט ער סוף־כּל־סוף אַ געוויסן טאָג, אַז עפּעס האָט זיך אין אים געענדערט.

עפּעס האָט זיך אויך געענדערט אין קריסטאָפן יענעם אָוונט, ווען ער האָט געבלאָנדזשעט אין די זאַלן פונם לוווער. ער האָט געפילט, אַז ער איז מיד, אַז ס׳איז אים קאַלט, אַז ער איז הונגעריק. ער האָט זיך געפילט איינזאַם. אַרום אים איז געלעגן פאַרבאָרגן דער חושך אין די פּוסטע גאַלעריעס. די טונקעלע געשטאַלטן האָבן זיך באַוועגט. שווייגנדיק און פאַרגליווערט איז קריסטאָף דורכגעגאַנגען צווישן די עגיפּטישע ספינקסן, אַסירישע פאַרזעענישן, פּערזעפּאָלישע אָקסן און גלאַטע שלאַנגען פון פּאַליסי. ער האָט זיך געפילט אין אַ וועלט פון מעשיות, און זיין האַרץ האָט איבערגעלעבט אַ מיסטעריעזע אויפרעגונג. ס׳האָט אים איינגעהילט דער חלום פון דער מענטשהייט,—די פרעמדע ברומען פון זיין נשמה...

אינם גאָלד שטויב פון די בילדער־גאַלעריעס, פון די גערטנער מיט שרייענדיקע רייפע פאַרבן פון פייזאַזשן אָן לופט, האָט זיך קריסטאָף געפילט, ווי ער וואָלט אַ פיבערדיקער געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ קראַנקהייט, פונקט ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן.— ער איז אַרויס, נישט־זעענדיק כמעט גאָרנישט, — דער הונגער, די מידקייט, די וואַרעמע לופט פון די זאַלן און דער ווילדער טאַנץ פון די בילדער האָבן אים צעמישט: ס׳האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ. ווען ער איז צוגעקומען צום סוף פון דער גרויסער גאַלעריע, ביז רעמבראַנדטס „שומרונער”, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אָן דער אייזערנער ראַם פון די בילדער, כדי נישט אומצופאַלן; ער האָט אויף אַמאָל פאַרמאַכט די אויגן. ווען ער האָט זיי ווידער געעפנט און אַ קוק געטון אויפן בילד, איז ער געבליבן שטיין ווי פאַרצויבערט...

דער טאָג איז פאַרגאַנגען. זיין שיין האָט ווייט געגוססט. די זון האָט זיך ווייט באַהאַלטן און איז אויסגעגאַנגען אין דער פינסטערער נאַכט. עס איז געווען אַ פאַרכשופטע שעה. ווען די האַלוצינאַציעס הויבן זיך אויף פון דער דרימלענדיקער אומבאַוועגלעכער דערשלאָגענער נשמה, וואָס איז מיד נאָך דער אַרבעט פון טאָג. אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן, מ׳האָט געקאָנט הערן בלויז, ווי דאָס בלוט פולסירט אין די אָדערן. נישטאָ קיין כוח זיך אַ ריר צו טון, נישט צו אָטעמען, מ׳ווערט טרויעריק און דערשלאָגן, מ׳פילט בלויז אַ שטאַרקן באַגער זיך צו וואַרפן אין די אָרעמס פון אַ פריינד, מ׳וואַרט אויף אַ נס און מ׳פילט, אַז אָט קומט ער... און אָט איז ער! אַ שטראָם פון ברענענדיקן גאָלד פאַרפלייצט אין דער טונקלקייט פון פאַרנאַכט דעם מויער, וואָס האַלט ביי פאַלן אויפן אַקסל פון דעם מענטשן, אויף וועלכן עס ליגט דער קערפער פונם גוסס; טובלט אָפּ די פשוטע זאַכן און קלוגע ברואים מיט זיין געטלעכער גלאָריע. גאָט אַליין נעמט אַרום מיט זיינע שרעקלעכע און צאַרטע אָרעמס אַלע באַליידיקטע, שוואַכע, מיאוסע, אָרעמע און שמוציקע, דעם פאַרוואָרלאָזטן קנעכט, וואָס עס שלעפן זיך אים נאָך די זאָקן, די צעשראָקענע פנימער, וואָס דריקן זיך צו שווער צום פענסטער, די אַפּאַטישע ברואים, וואָס שוויגן פון שרעק, — די גאַנצע אומגליקלעכע מענטשהייט פון רעמבראַנדט, די גאַנצע סטאַדע פון טונקעלע געפּענטעטע נשמות, וואָס ווייסן גאָרנישט, וואָס קענען מער גאָרנישט אויסער־

וואַרטן, ציטערן, וויינען און בעטן רחמים. אָבער דער מייסטער איז דאָ. ער קומט, אַלע ווייסן, אַז ער קומט, ער אַליין באַווייזט זיך נישט, אָבער מען זעט זיין אוירעאָל און דעם שאָטן פון זיין ליכט, וואָס ער וואַרפט אויף די מענטשן.

קריסטאָף האָט פאַרלאָזן דעם לוור מיט אומזיכערע טריט. ס׳האָט אים ווײ געטון דער קאָפּ. ער האָט קיין זאַך נישט געזען. גייענדיק אין גאַס אין אַ רעגן, האָט ער כמעט נישט געפילט די קליינע לוזשעס וואַסער צווישן די ברוק־שטיינער און די פייכטקייט אין די שיך. דער בלייכער הימל איבערן סען האָט נאָך געברענט אינם זון פאַרגאַנג מיט אַן אינערלעכן פלאַם, ווי די שיין פון אַ לאָמפּ. קריסטאָף האָט מיטגעטראָגן אין זיינע אויגן דעם כשוף פון דעם דאָזיקן בילד; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז גאָרנישט פאַראַנען; די וואָגן האָבן זיך נישט געטרייסלט אויפן ברוק מיט אַ פאַרטויבנדיקן רעש, די פאַרבייגייער האָבן זיך נישט פאַרטשעפּעט מיט זייערע פייכטע שירעמס; ער איז נישט געגאַנגען אין גאַס, אפשר זיצט ער ערגעץ און חלומט, אָבער לעבן לעבט ער נישט... און פּלוצלינג (ער איז געווען אַזוי שוואַך) האָט אים גענומען שווינדלען אין קאָפּ און ער האָט געפילט, ווי ער פאַלט צו דער ערד, ווי אַ מאַסע, מיטן קאָפּ פאָרויס... ס׳האָט געדויערט אַן אויגנבליק: ער האָט צונויפגעדריקט די פויסטן, געשטעלט זיך שטייף אויף די פיס און אויסגעגלייכט זיין רוקן. אין דעם אויגנבליק, ווען זיין באַוווסטזיין איז ווידער אַרויס פונם תהום, האָט זיין בליק אָנגעטראָפן אויפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר אַ באַקאַנטע פּאָר אויגן, וואָס האָבן אים, דאַכט זיך, גערופן. ער איז געבליבן שטיין צעטומלט און געוואָלט זיך דערמאָנען, ווו ער האָט שוין אַמאָל געזען אָט די אומעטיקע צאַרטע אויגן: דאָס איז געווען די קליינע פראַנצויזישע לערערין, וואָס האָט צוליב אים פאַרלוירן איר שטעלע אין דייטשלאַנד און וועלכע ער האָט אָן אויפהער געזוכט, כדי צו בעטן ביי איר פאַרגעבונג. זי איז אויך געבליבן שטיין צווישן דעם המון דורכגייער און אים אָנגעקוקט. פּלוצלינג האָט ער געזען, ווי זי רייסט זיך דורך דורכן מענטשן שטראָם און וויל צו אים צוגיין. ער איז איר געלאָפן אַנטקעגן, אָבער די גרויסע צאָל וואָגנס האָט אים געשטערט. ער האָט נאָך אַ ווײלע געזען, ווי זי ראַנגלט זיך קעגן דער לעבעדיקער וואַנט. ער האָט געוואָלט אַריבער אויף יענער זייט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, נאָר אַ פערד האָט אים

אַ שטויס געטון אויף הינטן, ער האָט זיך אויסגעגליטשט, איז אומגעפֿאַלן אויפֿן שמוציקן ברוק און איז כמעט צעטרעטן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אויסגעשמירט אין בלאָטע און איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, איז זי שוין נישט געווען.

ער האָט איר געוואָלט נאָכלויפֿן, נאָר דאָס שווינדלען אין קאָפּ איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן דערפֿון. ער האָט געפֿילט, אַז ער איז קראַנק, נאָר ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין. ער האָט זיך איינגעעקשנט נישט צו איילן זיך אַהיים נאָר צו גיין מיטן ווייטסטן וועג. אומזיסט: ער האָט זיך געמוזט זען אַ באַזיגטן, ס׳האָבן זיך אים געטרייסלט די קני, די פֿיס זענען אים געווען אונטערגעבראָכן און ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. אויף די טרעפּ האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם, ער האָט זיך געמוזט אַ ווײַלע צוזעצן. ווען ער איז אַריין אינעם קאַלטן צימער, האָט ער זיך נישט געוואָלט לעגן. דורכגעווייקט פֿון רעגן, מיט אַ שווערן קאָפּ און שווער-אָטעמדיקער ברוסט, איז ער געבליבן זיצן אויפֿן שטול אַ פֿאַרחושטער און איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין די אומעטיקע שווערע קלאַנגען, ווי ער אַליין.

ער האָט געהערט טענער פֿון שובערטס „נישט פֿאַרענדיקטער סימפֿאָניע”. אָרעמער שובערט! בעת ער האָט געשריבן אָט די סימפֿאָניע איז ער געווען איינזאַם, פֿיבערדיק און פֿאַרשלאָפֿן, איז ער אויך געווען אין אַ צושטאַנד פֿון האַלבער פֿאַרגליווערונג, וואָס קומט פֿאַר אַ גרויסן שלאָף. ער האָט געחלומט ביים קאמין. אַרום אים האָט געשוועבט אַ שווערע מוזיק, ווי דער רויש פֿון אַ האַלב-שטייענדיק וואַסער. ער האָט זיך אָן דעם געהאַלטן, ווי אַ פֿאַרשלעפֿערט קינד, וואָס האָט זיך ליב צו דערציילן דאָס געליבטע אָרט פֿון דער מעשה אָן אַ שיעור מאָל. ס׳קומט אָן דער שלאָף: ס׳קומט אָן דער טויט... — קריסטאָף האָט געהערט, ווי ס׳גייט דורך דורך זיין קערפּער די דאָזיקע צווייטע מוזיק: מיט גליענדיקע הענט, פֿאַרמאַכטע אויגן און מידן שמייכל אויפֿן פּנים, מיט אַ צעריסן האַרץ האָט ער געטרוימט וועגן אויסלייזנדיקן טויט, — דער ערשטער כאָר געזאַנג פֿון באַכס קאַנטאַטע: „טייערער גאָט, ווען שטאַרב איך שוין?”... ס׳איז אים גוט געווען אַזוי פֿאַרזונקען צו ווערן אין די ווייכע טענער, וואָס האָבן געשטראָמט אין לייכטע כוואַליעס, דעם קלונג פֿון ווייטע פֿאַרשווונדענע גלאָקן... שטאַרבן,

פאַרזונקען ווערן אין דער ערדישער רו! „און זיין אַליין, ווערן אַ שטיק ערד".

קריסטאָף האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון די קרענקלעכע חלומות פון דעם מערדערישן סירענע-שמייכל, וואָס לויערט אויף שוואַכע נשמות. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געפּרוווט אַרומגיין הין און צוריק איבערן צימער. נאָר ער האָט נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. ער האָט געפיבערט און געמוטשט זיך לעגן אין בעט, ער האָט געפילט, אַז דאָס מאָל איז עס נישט קיין נאַרישקייט — און דאָך זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט נישט געהערט צו די, וואָס זענען זיך מיאש בעת אַ קראַנקהייט פון לעבן. ער האָט זיך געראַנגלט, נישט געוואָלט זיין קראַנק און קודם-כל פעסט באַשלאָסן נישט צו שטאַרבן. זיין אָרעמע מאַמע האָט אויף אים געוואַרט, זיינע ווערק האָבן אויף אים געוואַרט: ער טאָר נישט שטאַרבן. ער האָט צונויפגעפּרעסט די ציין, ער האָט באַצוווּנגען זיין ווילן. ווי אַ גוטער שווימער ראַנגלט זיך מיט די פאַר-פלייצנדיקע כוואַליעס. אַלע ווײַלע האָט ער אַראָפּגעזונקען: ער האָט פאַרלוירן זיין באַוווּסטזיין, אין זיין מוח האָבן געשוועבט בילדער אָן שום צוזאַמענהאַנג, זכרונות פון זיין געבורטס-שטאָט און פון פאַריזער סאַלאָנען. טאַקטן און מעלאָדיעס, וואָס האָבן זיך געדרייט אין אַ קרייז, געדרייט אָן אויפהער, אַרום און אַרום, ווי צירקפערד, עקשנותדיק אַהין און צוריק. דערנאָך דער שטאַרקער איינדרוק פון דאָס גאָלד-ליכט, וואָס האָט געשטראָמט פון דעם „שומרונער", שרעק-בילדער און תהומות-נאַכט... דערנאָך איז ער ווידער אַרויפגעשווימען, אַראָפּגעריסן דעם שלייער, וואָס האָט פאַרדעקט די בילדער, צוזאַמענגעפּרעסט די פויסטן און געדריקט זיי צו די באַקן. ער האָט זיך אָנגעקלאַמערט אין אַלע מענטשן, וואָס ער האָט ליב געהאַט אין דער געגנוואַרט און דער פאַרגאַנגענהייט. אָן דער געליבטער, וואָס ער האָט געזען איילנדיק פאַרבייגיין. אָן זיין טייערער מאַמען, און אָן זיין עקזיס-טענץ, וואָס האָט איצט געהאַלטן ביים חרוב ווערן און וואָס ער האָט זי געפילט אין זיך ווי אַ שטאַרקן פעלז, אויף וועלכן דער טויט האָט קיין שליטה נישט... —אָבער די כוואַליע פון ים האָט ווידער פאַרגאָסן דעם פעלז און זיך ווידער געוואָרפן אויף איר רויב. קריסטאָפס נשמה האָט זיך געלאָזט מיטרייסן פון דעם שטראָם. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער אין קדחת, געפלוידערט, דירידזשירט מיט אַ כלומרשטן אָרקעסטער: טראָמבאַנען, טראָמפייטן, צימבלען, פויקן, באַנדורעס און

קאָנטראַבאַסן... ער האָט געפּייפט, געטרומייטערט, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ. דער אומגליקלעכער קריסטאָף האָט געזאָטן פון דער מוזיק, וואָס איז אין אים אָנגעשוואָלן געווען. זינט עטלעכע וואָכן האָט ער נישט געקאָנט שפּילן. און נישט הערן קיין מוזיק. ער איז געווען, ווי אַ צעעפנטער ברענאויוון, וואָס פּאָכט מיט פייער. באַשטימטע נגונים האָבן זיך עקשנותדיק אָנגעהאַלטן אין זיין מוח, דורכגעבויערט זיין קאָפּ, וואָס איז געווען אָנגעווייטיקט, ווי אַ פּויק, און אים אַזוי שטאַרק ווייַ געטון, אַז ער האָט שיר נישט געשריגן. ווען דער קריזיס איז אַריבער, איז ער ווידער געפאַלן אויפן קישן, טויט-פאַרמאַטערט, נאַס פון שווייס, צעבראָכן, קוים אָטעמענדיק, דערשטיקט. לעבן זיין בעט איז געשטאַנען אַ קענדל וואַסער, וואָס ער האָט אַלע ווײַלע געטרונקען. דער טומל פון די שכנותדיקע צימערן, די טירן וואָס האָבן זיך מיט רעש געעפנט און פאַרמאַכט—האָבן אים געהויבן פון אָרט, דער עקל צו די דאָזיקע ברואים אַרום אים האָט פּשוט קיין גרענעץ נישט גע-האַט. אָבער זיין ווילן האָט זיך אַלץ געראַנגלט, ער האָט געבלאָזן אין האָרן פון מלחמה קעגן די בייזע רוחות...

„Und wenn die Welt voll Teufel wär und wollten uns verschlingen, so fürchten wir uns nicht so sehr"

„און ווען די גאַנצע וועלט וואָלט פול געווען מיט שדים און געוואָלט אונז פאַרשלינגען, וואָלטן מיר אויך נישט קיין מורא געהאַט".

און אויפן אָקעאַן פון דעם גליענדיקן חושך, וואָס האָט אין אים געשטראָמט, איז פּלוצלינג געוואָרן שטיל, ליכט-בליצן, אַ צערטלעכער געמורמל פון פידלען, רויקע נצחון-קלאַנגען פון טרומייטן און שופרות, בעת פונם קראַנקנס נשמה האָט זיך כמעט אומבאַוועגלעך, ווי אַ ריזי-קע הויכע מויער, אַ מעכטיקער געזאַנג, ווי דער כאָראַל-געזאַנג פון יאָ-ה ן סעבאַסטיאַן באַך, געריסן.

און בעת ער האָט זיך אַזוי געראַנגלט קעגן די היץ-בילדער, וואָס האָבן געשטיקט זיין ברוסט, האָט ער אויף אַ מטושטשן אופן דערזען, ווי די טיר פון זיין צימער עפנט זיך און ס'קומט אַריין אַ פרוי מיט אַ ליכט אין דער האַנט. ער האָט געמיינט, אַז דאָס זעט

ער פֿון היך. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און איז ווידער אַראָפּגעפֿאַלן אויף די קישנס פֿון בעט. יעדעס מאָל, ווען אַ כוואַליע פֿון באַוווסטזיין האָט אים אַרויפֿגעטראָגן אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ווירקלעכקייט, האָט ער געפֿילט, ווי אַ פּאָר מענטשלעכע הענט פֿאַרריכטן אים די קישן צו קאָפּנס און די קאָלדרע צו פֿוסנס, און אַז אונטער זיין רוקן געפֿינט זיך אַ זאַך, וואָס דריקט אים, אָדער ער האָט געזען צופֿוסנס אַ פֿרוי מיט אַן אומבאַקאַנטן פּנים. דערנאָך האָט ער געזען אַן אַנדער פּנים: אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אים אונטערגעזוכט. קריסטאָף האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס זיי רעדן, נאָר תּופֿס געווען, אַז מען וויל אים אָפּפֿירן אין שפּיטאָל. ער האָט זיך געווערט, געשריגן, אַז ער וויל נישט, אַז ער וויל בעסער שטאַרבן דאָ אין איינזאַמקייט, נאָר די ווערטער זענען אַרויס פֿון זיין מויל מאָדנע צעדרייט און אומפֿאַרשטענדלעך. און דאָך האָט אים די דאָזיקע פֿרוי פֿאַרשטאַנען, ווייל זי האָט אים געפּרוווט באַרויקן. ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווער עס קאָן זיין. ס'האָט זיך אים מיט גרויס מי איינגעגעבן צונויפֿצושטעלן אַ זאַץ און צו פֿרעגן זי, ווער זי איז. זי האָט אים געענטפֿערט, אַז זי וווינט מיט אים בשכנות אין אַ בוידים שטיבל, אַז זי האָט געהערט אונטער דער וואַנט ווי ער קרעכצט, געמיינט, אַז ער נויטיקט זיך אין הילף, און דעריבער ערלויבט זיך אַריינצוגיין. אין אַ העפֿלעכן טאָן, כּמעט מיט דרך ארץ האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען. ער האָט זי געפֿאָלגט. בכלל האָט ער זיך געפֿילט זייער צעבראָכן. ער איז געבליבן ליגן זייער אומבאַוועגלעך און שווייגנדיק. אָבער זיין מוח האָט נישט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן און האָט מיט גרויס מי צונויפֿגעקליבן די אָפּגעהאַקטע זכרונות. ווו האָט ער זי געזען?.. לסוף האָט ער זיך דערמאָנט: יאָ, זיי האָבן זיך אַמאָל באַגעגנט אין קאָרידאָר. זי איז געווען אַ דינסט און האָט געהייסן סידאָניע.

מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן האָט ער זי אָנגעקוקט, בעת זי האָט עס נישט געפֿילט. זי איז געווען קליין, מיט אַן ערנסט פּנים, אַ בולטן שטערן, אויף הינטן פֿאַרקעמטע האָר, וואָס האָבן אַנטבלויזט נאָר די שלייפֿן און טיילווייז אויך די בלייכע באַקן מיט די שטאַרקע קין ביינער, אַ קורץ נעזל, העל בלויע אויגן מיט אַ צאַרטן עקשנותדיקן בליק, דיקע פֿאַרשנורעוועטע ליפּן און אַ בלייכע הויט. זי האָט אויסגעזען באַשיידן, פֿאַרמאַכט אין זיך און שווערלעך. זי האָט זיך פֿאַרנומען

מיט קריסטאָפֿן מיט אַקטיוועך, שווייגנדיקער מסירות-נפש; גישט פאַר־
געסנדיק קיין איין רגע, אַז זי איז אַ דינסט, האָט זי עס געטון מיט
באַזונדערער היימישקייט: זי האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דעם
קלאַסן-אונטערשיד.

נאָר ווען קריסטאָפֿן איז ביסלעכווייז געוואָרן בעסער און ער
האָט גענומען מיט איר שמועסן, האָט ער מיט זיין וואַרעמער באַציונג
דערפֿירט דערצו, אַז זי האָט גענומען רעדן פֿרייער, היטנדיק זיך פֿונ־
דעסטוועגן מיט אַ וואָרט. עס זענען געווען אַזעלכע זאַכן, וועגן וועל־
כע מען האָט קיינמאָל נישט גערעדט. זי איז געווען אַ געמיש פֿון
באַשיידנקייט און שטאָלץ. קריסטאָף האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ
ברעטאָנער. אין דער היים האָט זי געלאָזן אַ פֿאָטער, וועגן וועלכן זי
האָט קריסטאָפֿן ווייניק דערציילט. אָבער קריסטאָף האָט לייכט פֿאַרנו־
מען פֿון אירע רייד, אַז איר פֿאָטער האָט ליב צו שכּורן און מאַכט
אַ תּל פֿון דער טאָכטערס פֿאַרדינסטן; זי האָט זיך געלאָזט עקספּלאָ־
אַטירן און שטאָלץ קיינמאָל נישט פּראָטעסטירט; זי האָט אים כּסדר,
רעגלמעסיק געשיקט אַ טייל פֿון איר פֿאַרדינסט, הגם זי האָט זיך
נישט געמאַכט קיין אילוזיעס. זי האָט אויך געהאַט אַ יינגערע שוועס־
טער, וואָס האָט זיך געגרייט צו אַ לערער-עקזאַמען. סידאָניע איז גע־
ווען זייער שטאָלץ מיט איר שוועסטער. זי האָט כּמעט אויסגעהאַלטן
איר גאַנצן שׂכר-לימוד און מיט עקשנותדיקן פֿלייס געאַרבעט פֿון אינ־
דערפֿרי ביז פֿאַרנאַכט.

קריסטאָף האָט זי געפֿרעגט, צי זי האָט אַ גוטע שטעלע.

— יאָ, נאָר זי רעכנט צו פֿאַרלאָזן די שטעלע.

— פֿאַרוואָס, צי איז זי נישט צופֿרידן פֿון אירע באַלעבאַטים?

— אדרבה, זיי זענען זייער גוט צו איר.

— צי פֿאַרדינט זי גענוג

— אָבער....

ער האָט נישט אַליין פֿאַרשטאַנען, נאָר געפּרוווט פֿאַרשטיין און
איר צוגעגעבן מוט צו רעדן. נאָר זי האָט גאָרנישט געקאָנט דערציילן,
אויסער וועגן איר איינטאָניק לעבן און וועגן דער שווערער אַרבעט,
וואָס זי טוט צו פֿאַרדינען אויף איר לעבן. אָבער זי האָט עס נישט
שטאַרק באַטאָנט. די אַרבעט האָט זי נישט געשראָקן. עס איז געווען
פֿאַר איר אַ באַדערפֿעניש, כּמעט אַ פֿאַרגעניגן. וועגן דעם, וואָס האָט
זי צום שטאַרקסטן געדריקט, וועגן דער לאַנגווייליקייט, האָט זי גאָרנישט

געזעדט; ער האָט עס דערקענט. ביסלעכווייז האָט ער גענומען לייענען אין איר נשמה מיטן אינערלעכן בליק פון זיין סימפּאַטיע. וואָס איז שטאַרקער געוואָרן אַ דאַנק זיין קראַנקהייט און אַ דאַנק די זכרונות וועגן די ענלעכע צרות, וואָס זיין טייערע מאַמע האָט דורכגעלעבט. ער האָט געזען איר לעבן, פּונקט ווי ער וואָלט עס אַליין דורכגעלעבט — דאָס מיאוסע, אומגעזונטע, אומנאַטירלעכע לעבן, וואָס די בירגערלעכע געזעלשאַפט וואַרפט אַרויף אויף דער דינסט: — נישט קיין שלעכטע אָבער אַ גלייכגילטיקע באַלעבאָסטע, וואָס האָט ס'רוב אין משך פון לאַנגע טעג נישט גערעדט מיט איר פון קיין אַנדער זאַך חוץ דער באַלעבאַטישקייט. לאַנגע שעהן אין דער שטיקנדיקער קיך, וואָס איר פענסטערל פאַרשטעלט פון אַ שפּייז-שאַנק, קוקט אַרויס צו אַ שמוציקער געקאַלכטער וואַנט. איר גאַנצע פרייד באַשטייט אין דעם, וואָס די באַלעבאָסטע זאָגט איר אַמאָל אַ גוט וואָרט, אַז די זופּ שמעקט גוט, אָדער אַז דאָס געבראָטנס האָט זיך איינגעגעבן. אַ פאַרפינסטערט לעבן נעבעך, אַ לעבן אָן לופט, אָן אַ צוקונפט, אָן אַ שטראַל פון האָפנונג, אָן שום אינטערעס. — די שווערסטע צייט איז געווען פאַר איר, בעת די באַלעבאַטעם פאָרן אַרויס אויף אַ זומערוווינונג. צוליב שפּאָרזאמקייט האָט מען זי נישט מיטגענומען. מ'האָט איר באַצאָלט איין חודש־געהאלט, אָבער נישט געגעבן איר קיין הוצאות צו פאָרן אַהיים, צו איר פאָטער, נאָר דאָס רעכט צו פאָרן אויף איר אייגענעם חשבון. זי האָט עס נישט געוואָלט און נישט געקאָנט טון און איז געבליבן אַליין אין דער פאַרלאָזענער שטוב. אַרויסצוגיין אין גאס האָט זי קיין חשק נישט געהאַט, זי האָט זיך נישט פאַרגעבן מיט די איבעריקע דינסטן, ווייל זי האָט נישט פאַרטראָגן זייער גראָבקייט און צעלאָזנקייט. זוכן גראָבע הנאות האָט זי אויך נישט געוואָלט; זי איז בטבע געווען ערנסט, עקאָנאָמיש און מורא געהאַט פאַר אַ שלעכטע באַגעגעניש. פלעגט זי בלייבן זיצן אין קיך אָדער אין איר צימער, פון וואַנען מ'האָט געקאָנט זען איבער די קוימענס אויף די דעכער אַ שפּיץ פון אַ בוים אין שפּיטאָל־גאָרטן. קיין ביכער האָט זי נישט געלייענט, געפּרווט טון עפּעס, געלאַנגווייליקט זיך, אוועקגעלעגט די אַרבעט און ווידער געוויינט פון לאַנגווייליקייט. זי האָט געהאַט אַ באַזונדער נייגונג אָן אויפהער צו וויינען. ס'איז געווען פּשוט פאַר איר אַ פאַרגעניגן. אָבער בעת די לאַנגווייליקייט האָט זי שטאַרק אַ דריק געטון, האָט זי אפילו וויינען נישט געקאָנט; זי פלעגט בלייבן זיצן פאַרגלי־

ווערט, מיט אָפּגעשטאָרבענע אברים. שפּעטער פּלעגט זי זיך אָפּשאָלען דערפון אָדער דאָס לעבן פּלעגט זיך אַליין אומקערן צו איר. זי האָט געטראַכט וועגן איר שוועסטער, געהערט ווי פון ווייטן שפּילט אַ קאַטאַרינקע, געחלומט אָדער גערעכנט, וויפל טעג זי וואָלט געדאַרפט, אַ שטייגער, אַרבעטן צו פאַרדינען אַזאַ אָדער אַזאַ סומע, זיך טועה געווען אין חשבון און ווידער אָנגעהויבן רעכענען. זי האָט געדרימלט. די טעג זענען פאַרשוווּנדן...

נאָך אַ צייט פון אומעט פלעגט אין איר ווידער דערוואַכן אַ קינדערישע לעבעדיקע פרייד. זי פלעגט אָפּלאַכן פון אַנדערע און פון זיך אַליין און ריכטיק אָפּגעשאַצט אירע באַלעבאַטים. זייערע זאָרגן, וואָס האָבן זיך גענומען פון אַרומגיין ליידיק, די קאַפּריזן און די מרהשחורהדיקע אָנפאַלן פון איר מאַדאַם, די כּלומרשטע עסקים פון דער דאָזיקער העכערער געזעלשאַפט מישטיינסגעזאָגט, זייער אינטערעס צו אַ בילד, צו מוזיק אָדער פּאָעזיע. מיט איר געזונטן, אַביסל מגושמדיקן שכל, וואָס איז געווען ווייט פון דעם סנאָביזם פון דער אמת־פּאַריזער דינערשאַפט אין דער זעלבער מאָס, ווי ער איז געווען ווייט פון דער גראָבהויטיקער נאַרישקייט פון די פּראָווינצער משרתים, וועלכע באַוווּנדערן, בטבע, אַלץ וואָס שטייגט איבער זייער השגה, — האָט זי געפילט אַ מין רעספּעקטפולע פאַראַכטונג צו די דאָזיקע מענטשעלעך, צו זייער נאַרישער פּלוידעריי, צו די אַלע גייסטיקע, אומנוצלעכע, לאַנגווײליקע זאַכן, וואָס פאַרנעמען אַזאַ גרויסן אָרט אין דעם דאָזיקן פאַלשן לעבן. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, נישט צו פאַרגלייכן איר ממשותדיק לעבן, פול מיט מי און מאַטערניש, צו די פאַרגעניגנס און כּלומרשטע צרות פון אָט דעם לוקסוס לעבן, ווי אַלץ, דאַכט זיך, איז באַשאַפן דורך דער לאַנגווײליקייט. אָבער בכלל האָט זיך איר נאַטור נישט געבונטעוועט. אַזוי איז עס און אַ סוף. אָט אַזוי פלעגט זי זיך באַציען אַפילו צו שלעכטע און נאַרישע מענטשן. זי פלעגט זאָגן:

— אַלע זענען נויטיק אויף דער וועלט.

קריסטאָף האָט געמיינט, אַז זי האָט אַן אָנהאַלט אין איר רעליגיעזן גלויבן. אָבער איינמאָל האָט זי געזאָגט וועגן די רייכערע און גליקלעכערע פון איר:

— סוף־כּל־סוף וועלן אַלע אַמאָל ווערן גלייך.

— ווען? — האָט ער געפרעגט — נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע?

— סאָציאַלער רעוואָלוציע?—האָט זי איבערגעחזרט.—נישט ווייַ־ ביק וואָסערן וועלן אַוועק ביז זי וועט קומען, איך גלויב נישט אין די נארישקייטן, אַלץ וועט בלייבן, ווי געווען.

— אַלזאָ, ווען זשע וועלן אַלע גלייך ווערן?

— נאָכן טויט. דעמאָלט וועט פון קיינעם קיין זכר נישט בלייבן.

ס׳האָט אים געוווּנדערט איר שטילער מאַטעריאַליזם; ער האָט נישט געהאַט קיין מוט זי צו פרעגן:

— צי איז אייך נישט שרעקלעך אַ טראַכט צו טון, אַז איר לעבט אַזאַ לעבן בלויז איינמאָל, בעת עס זענען דאָ מענטשן, וואָס לעבן גליקלעך.

נאָר זי האָט פארשטאנען זיין געדאנק; זי האָט גלייכגילטיק און מיט אַ געוויסער איראָניע צוגעגעבן:

— מ׳דארף פארשטיין. די גאַנצע וועלט קאָן דאָך נישט געווי־ נען דאָס גרויסע געווינס. האָסט קיין מזל נישט—איז פארפאלן.

זי האָט אפילו נישט בדעה געהאַט צו זוכן זיך אַ בעסערע שטעלע אויסער די גרענעצן פון פראַנקרייך (ס׳האָט זיך איר אַמאָל געמאַכט אַ שטעל אין אַמעריקע) דער געדאַנק צו פאַרלאָזן איר פאָטערלאַנד איז איר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. זי האָט געזאָגט:

— די שטיינער זענען אומעטום האַרט.

זי האָט פאַרמאָגט אַ סקעפטישן חוזקדיקן פאַטאַליזם. זי האָט געהערט צו דער דאָזיקער ראַסע, וואָס פאַרמאָגט אַ ביסל גלויבן אָדער אינגאַנצן נישט, אַ ביסל גייסטיקע סבות צו לעבן און דריבער אַ ריזיקע לעבנסקראַפט, — צו יענעם פאָלק פון די פראנצויזישע פעל־ דער, וואָס איז אַרבעטזאם און גלייכצייטיק אַפּאַטיש, האָט פיינט די מלוכה און איז גלייכצייטיק הכנעהדיק, וואָס האָט נישט שטארק ליב דאָס לעבן און האלט זיך גלייכצייטיק אָן אָן אים און נויטיקט זיך נישט אין קיין קינסטלעכער דערמונטערונג, כּדי צו בלייבן מוטיק.

קריסטאָף האָט דאָס דאָזיקע פאָלק נישט געקענט און האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט געפונען אין אָט דעם פּשוטן מיידל אַזאַ אַבסאָלוטע גלויבנסלאָזיקייט; ער באַוווּנדערט איר צוגעבונדנקייט צו אַ לעבן אָן אַ פאַרגעניגן און אָן ציל. און נאָך מער — איר געזונטן מאָראַלישן חוש, וואָס האָט זיך אויף קיין זאך נישט געשטיצט. ביז איצט האָט ער געזען דאָס פראנצויזישע פאָלק נאָר דורך די נאַטור־ ראַליסטישע ראָמאַנען און דורך די טעאָריעס פון די דעמאָלסדיקע

קליינע שרייבערלעך, וואָס האָבן אין קעגנזאַץ פון די פּאַסטוך־פּייפ־לעך און די שרייער פון דער רעוואָלוציע, ליב געהאַט צו שילדערן דעם נאַטור־מענטש, ווי אַ ווילדע חיה, כּדי דערמיט צו לעגיטימירן זייערע אייגענע חטאים... ער איז געווען פאַרחידושט צו ענטדעקן ביי סידאָניען אַן עקשנותדיקע ערלעכקייט. ס'איז נישט געווען קיין ענין פון מאָראַל, ס'האָט זיך גענומען פון איר אינסטינקט און פון איר שטאָלץ. זי האָט פאַרמאָגט אַן אַריסטאָקראַטישן שטאָלץ. ס'איז אַ נאַרישקייט צו גלויבן, אַז פאָלק און המון איז דאָס אייגענע. דאָס פאָלק פאַרמאָגט זיינע אַריסטאָקראַטן, פּונקט ווי די בורזשאַזיע פאַר־מאָגט צווישן זיך המונישע נשמות. אַריסטאָקראַטן, דאָס הייסט מענטשן פון אינסטינקטן און בלוט ריינערע, ווי ביי אַנדערע, וויסן, וואָס זיי זענען, און זענען שטאָלץ דערויף, ס'איז פאַראַן זייער ווי־ניק אַריסטאָקראַטן, אָבער אפילו זיי האַלטן זיך צוזאַמען מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווייס מען אויך, אַז זיי זענען די ערשטע, און זייער געגנוואַרט גופא רעגט אויף די אַנדערע מענטשן. די אַנדערע זענען געצוווּנגען זיך אויפצופירן ווי זיי אָדער, לפּחות, זיי נאָכצו־מאַכן. יעדע פּראָווינץ, יעדעס דאָרף, יעדער גרופּע מענטשן איז אין אַ באַשטימטער מאָס אַ שפּיגל דערפון, וואָס עס זענען זייערע אַריסטאָקראַטן; און לויט דער מיינונג פון די דאָזיקע אַריסטאָקראַטן זענען די מיינונגען פון גאַנצע ישובים, דאָ שטרענג און דאָרט נאָכ־גיביק. דער אַנאַרכישער שטראָם פון די מערהייטן אין אַ געוויסער צייט איז גאָרנישט בכּוח צו ענדערן די שטאַרקע אַוטאָריטעט פון די שטאַרקערע מינדערהייטן. געפערלעכער פאַר זיי איז צו ווערן אַרויסגעריסן פון זייער נאַטירלעכן באָדן און צו ווערן צעזייט איבער די גרויסע שטעט פון דער גאָרער וועלט. אָבער אפילו דעמאָלט, צעזייט און צעשפּרייט איבער פרעמדע סביבות, אָפּגעזונדערט איינער פונעם אַנדערן, — אפילו דעמאָלט איז שטאַרק קענטיק די געגנ־וואַרט פון אָט דער בעסערער ראַסע יחידים, וואָס מישן זיך צונויף מיט זייער סביבה.—סידאָניע האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן און נישט געוואָלט וויסן דאָס אַלץ, וואָס קריסטאָף האָט געזען אין פּאַריז. די סענטימענטאַלע, שמוציקע צייטונגס־ליטעראַטור האָט זי פּונקט אַזוי ווייניק אינטערעסירט, ווי די פּאָליטישע נייעס. זי האָט אפילו נישט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן ערגעץ פאָלקס־אוניווערזיטעטן; און ווען זי וואָלט אפילו יאָ געוווּסט, וואָלטן זיי איר אָנגעגאַנגען, פּונקט

ווי די דרשות אין דער קירכֿע. זי האָט געטון איר אַרבעט און גע־טראַכֿט אירע געדאַנקען און נישט געוואָלט זיך אַריינטראַכֿטן אין פֿרעמדע מחשבות. קריסטאָף האָט איר דעריבער געמאַכט קאָמ־פּלימענטן:

— פֿאַרוואָס וווּנדערט איר זיך, אייגנטלעך? — האָט זי גע־זאָגט — איך בין ווי אַלע מענטשן. איר האָט נאָך נישט געזען קיין פּראָווינץ?

— שוין אַ גאַנץ יאָר ווי איך וווין צווישן פּראָווינץ, — האָט געזאָגט קריסטאָף, — און כ׳האָב נאָך נישט באַגעגנט קיין איינעם, וואָס זאָל טראַכֿטן וועגן אַן אַנדער זאַך, אַחוץ פֿאַרוויילונגען, אָדער וואָס זאָל נישט נאָכמאַכן די איבעריקע.

— אוודאי, — האָט סידאָניע געזאָגט. — איר האָט געזען בלויז די רייכֿע. די רייכע זענען אומעטום אַלץ איינס. באמת האָט איר נאָך גאָרנישט געזען.

— יאָ — האָט געזאָגט קריסטאָף. — איך הויב איצט אָן.

צום ערשטן מאָל האָט ער דורכֿגעזען דאָס פּראָווינצישע פֿאָלק, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַן אַלטן אייביקן פֿאָלק, צונויפֿגע־וואַקסן מיט זיין ערד אין איין קערפּער; אַ פֿאָלק, וואָס האָט פּונקט ווי זיין ערד, געזען אַזוי פֿיל חרוב געוואָרענע ראַסן, אַזוי פֿיל איין־טאָג־הערשער — און איז אַליין נישט חרוב געוואָרן.

זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פֿאַרבעסערט, און ער האָט גע־נומען אַראָפּגיין פֿון בעט.

זיין ערשטע זאָרג איז געווען אומצוקערן סידאָניען דאָס געלט, וואָס זי האָט אויסגעגעבן בעת זיין קראַנקהייט. אַזוי ווי ער האָט נאָך נישט געקאָנט גיין זוכן אַרבעט אין שטאָט, האָט ער געמוזט אָנשרייבן צו העכטן. ער האָט אים געבעטן אַ געוויסע סומע אַלס אַוואַנס. העכֿט, וואָס איז געווען אַ מאָדנער געמיש פֿון גלייכגילטי־קייט און איידלקייט, האָט אים געלאָזט וואַרטן אויף אַ תשובה העכֿער צוויי וואָכן — צוויי וואָכן, וואָס זענען געווען פֿאַר קריסטאָפֿן אַן אמתע מאַטערניש: ער האָט נישט געוואָלט אָנרירן דאָס עסן, וואָס

סידאָניע האָט אים געבראַכט, און צוגענומען נאָר מילך און ברויט, וואָס זי האָט אים פּשוט געצוווּנגען צו עסן — און אַפילו אויף דעם האָט ער באַלד חרטה געהאַט, ווייל ער האָט עס נישט פאַרדינט. דערנאָך האָט ער פלוצלינג באַקומען פון העכטן די סומע, וואָס ער האָט געבעטן, אָן איין וואָרט. אין משך פון דער גאַנצער לאַנגער צייט פון זיין קראַנקהייט, האָט זיך העכט קיין איין מאָל נישט נאָכ־געפרעגט אויף זיין געזונט. ער האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פעיקייט נישט צו ווערן באַליבט ביי אַ מענטשן, אַפילו בעת ער האָט אים אַ טובה געטון. דאָס איז געווען מסתמא דערפאַר, וואָס בעת ער האָט אַ מענטשן אַ טובה געטון, האָט ער עס געטון אָן שום ליבשאַפט.

סידאָניע פלעגט קומען יעדן טאָג אויף אַ קורצע ווײַלע, פאַר־מיטאָג און פאַרנאַכט. זי פלעגט צוגרייטן קריסטאָפן עסן, נישט אָנ־מאַכנדיק קיין טומל, פלעגט זי זיך דיסקרעט פאַרנעמען מיט זיינע ענינים; און בעת זי האָט געזען זיינע צעריסענע וועש, האָט זי נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר צוגענומען אַהיים און פאַרריכט. נישט ווילנ־דיק האָט זיך אַריינגעגליטשט אין זייערע באַציונגען אַ וואַרעמע פריינדשאַפט. קריסטאָף האָט איר אָפט דערציילט וועגן זיין אַלטער מאַמען. סידאָניען האָט עס גערירט; זי האָט זיך אַליין געשטעלט אויף לואיזעס אָרט, ווי זי איז איינזאַם און ווייט און געהאַט צו קריסטאָפן אַ מוטערלעך געפיל. ער אַליין, רעדנדיק מיט איר, האָט זיך באַמיט איינצורעדן, אַז ער נוטיקט זיך אין פאַמיליען־ליבע, וואָס דער מענטש דאַרף האָבן דער עיקר דעמאָלט, ווען ער איז קראַנק און שוואַך. אין סידאָניעס געזעלשאַפט האָט ער זיך געפילט נענטער צו לואיזען, ווי אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַנדער פרוי. טיילמאָל פלעגט ער איר אַנטרויען זיינע קינסטלערישע דאגות. זי האָט אים מיטגעפילט זייער האַרציק, אָבער אויך מיט אַביסל איראָניע צו זיינע גייסטיקע יסורים. אויך דאָס האָט אים דערמאָנט זיין מאַ־מען און איז אים אָנגענעם געווען.

ער האָט געפרוווט צו דערוועקן אין איר צוטרוי צו זיך, אָבער זי האָט נישט ליב געהאַט צו דערציילן אַזוי פיל ווי ער. ער האָט זי געפרעגט אין שפאַס, צי האָט זי נישט בדעה חתונה צו האָבן. זי האָט געענטפערט מיט איר געוויינלעכער פאַרביטערונג אין שפּאַס, אַז אַ דינסט טאָר זיך אַזאַ זאַך נישט פאַרגינען: ס׳שלעפּט מיט פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס. און אויסער דעם דאַרף מען

פאַרזיכטיק אויסקלויבן, און דאָס איז נישט אָנגענעם. די מענער זע־
בען ס׳רוב אויסוורפן. זיי טאַנצן אַרום אַרום אַ מיידל, אויב זיי ווייסן,
אַז זי האָט געלט; דערנאָך פאַרשווענדן זיי איר געלט און וואַרפן זי
אַוועק. זי האָט געזען אַ סך אַזעלכע מיידלעך און האָט נישט בדעה
זיי נאָכצוטון. — זי האָט אים נישט דערציילט, אַז זי האָט געהאַלטן
ביים חתונה האָבן, נאָר די זאַך איז בטל געוואָרן, ווייל דער „באַ־
שערטער" האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי גיט אַוועק איר גאַנצן פאַרדינסט
דער פאַמיליע, האָט ער אָפּגעלאָזן דעם שידוך. קריסטאָף האָט געזען,
ווי זי שפּילט זיך מיט די קינדער פון אירע שכנים, פּונקט ווי אַ
מוטער; ווען זי פלעגט טרעפן די קינדער אויף די טרעפּ, פלעגט זי
זיי קושן און האַלזן. קריסטאָף האָט זי אין געדאַנק אַוועקגעשטעלט
אויפן אָרט פון זיינער אַ באַקאַנטער דאַמע: סידאָניע איז נישט גע־
ווען נאַרישער און נישט מיאוסער, ווי יענע. ער האָט אַ טראַכט גע־
טון, אַז ווען זי איז אויף יענערס אָרט וואָלט זי געווען אַ סך
בעסער. וויפיל לעבנס־כוחות גייען אַוועק לאיבוד און קיינער קוקט
זיך נישט אום דערויף! און אין דער זעלבער צייט פילן אָן די ערד
אַזוי פיל לעבעדיקע מתים, וואָס רויבן צו ביי אַנדערע זייער אָרט
אונטער דער זון און זייער גליק אויף דער ערד!..

קריסטאָף האָט זיך נישט געהיט. ער איז געווען צו איר האַר־
ציק, אַפילו צו האַרציק. ער האָט זיך פאַר איר פאַרטרויט, ווי אַ
קינד. עס האָבן געטראָפן טעג, ווען סידאָניע האָט אויסגעזען דער־
שלאָגן, נאָר ער האָט איינגעזען די סיבה אין איר שווערער אַרבעט.
איינמאָל איז זי אינמיטן שמועס פלוצלינג אויפגעשפּרונגען פון אָרט און
פאַרלאָזן קריסטאָפן: בכן, האָט זי געזאָגט, זי האָט אַ וויכטיקע אַר־
בעט. לסוף האָט זי אויף אַ געוויסע צייט אינגאַנצן אויפגעהערט צו
קומען; דאָס איז געווען נאָך דעם טאָג, ווען קריסטאָף האָט זיך באַ־
צויגן צו איר מיט מער צוטרוי, ווי שטענדיק. און ווען זי איז ווי־
דער געקומען, האָט זי ווייניק גערעדט און ווי געצוואונגענערהייט.
ער האָט געפרעגט ביי זיך, מיט וואָס האָט ער זי געקאָנט באַליידיקן,
ער האָט עס ביי איר געפרעגט. זי האָט שטרענג געענטפערט, אַז
ער האָט זי נישט באַליידיקט, — נאָר זי האָט זיך נישט אויפגעהערט
צו דערווייטערן פון אים. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי אים גע־
געבן צו וויסן, אַז זי פאָרט אַוועק: זי פאַרלאָזט די שטעלע און
פאָרט צוהיים. אין קאַלטע, קינסטלעכע ווערטער, האָט זי אים געדאַנקט

פאַר זיין גוטער באַציונג, געוווּנשן אים ער זאָל געזונט ווערן, געבעטן איבערגעבן זיין מוטער אַ גרוס און געזעגנט זיך מיט אים. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געוווּנדערט אויף דער אומגעריכטער צעשיידונג, אַז ער האָט פּשוט נישט געוווּסט, וואָס איר צו זאָגן. ער האָט געפּרוּווט דערגיין די סיבות, וואָס האָבן דאָ געווירקט; זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער. ער האָט זי געפרעגט, ווו וועט זי איצט האָבן אַ שטעלע—האָט זי נישט געענטפערט, און כּדי צו מאַכן אַ סוף צו זיינע פראַגן, איז זי אַרויסגעגאַנגען, אויף דער שוועל פון איר טיר האָט ער איר דערלאַנגט אַ האַנט, וועלכע זי האָט שטאַרק געדריקט, אָבער איר פּנים האָט זיך נישט געענדערט, און ביזן סוף איז עס געבליבן קאַלט און פאַרגליווערט. זי איז אַוועק.

ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס.

דער ווינטער האָט זיך אומענדלעך געצויגן. אַ פייכטער, פאַרנעפּלטער, בלאָטיקער ווינטער. גאַנצע וואָכן האָט זיך נישט באַוויזן די זון. הגם קריסטאָפס געזונטצושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, האָט ער זיך דאָך נישט געפילט גוט. אין די שפּיצן לונגען האָט ער נאָך געפילט אַ שטעכנדיקע ווייטיק, וואָס איז ביסלעכווייז אַריבער אין אַן אָנצינדונג; אָנפאַלן פון נערוועזן הוסט האָבן אים נישט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרווערט אַרויסצוגיין פון שטוב. פונקט אַזוי גוט האָט ער אים געקאָנט אַן עצה געבן צו פאָרן צו דער ריוויער אָדער צו קאַנאַדישע אינזלען! ער האָט דאָך געמוזט אַרויסגיין! דער מיטאָג וואָלט דאָך צו אים אין שטוב אַריין נישט געקומען. מ'האָט אים אויך פאַרשריבן רפואות, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אויסקויפן. דעריבער האָט ער אויפגעהערט גיין צו דאָקטוירים: ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט. אויסער דעם, האָט ער זיך געפילט שלעכט אין זייער געזעלשאַפט. ער האָט זיך נישט געקאָנט מיט זיי פאַרשטענדיקן: זיי זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן; זיי האָבן געפילט אַ גרינגשעצנדיקן איראָנישן רחמנות צום אָרעמען קינסטלער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער וועלט, בעת דער שטראָם האָט אים געוואָרפן, ווי אַ שפּענדל. ער האָט זיך גע־

פילט באַליידיקט, וואָס די דאָזיקע מענטשן באַטראַכטן אים, רירן אים אָן און באַטאַפּן אים. ער האָט זיך געשעמט מיט זיין קראַנקן גוף און געטראַכט:

— ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען ער וואָלט געשטאָרבן.

נישט געקוקט אויף זיין איינזאַמקייט, קראַנקהייט, נויט און דחקות האָט קריסטאָף געליטן געדולדיק. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פיל געדולד. ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט. טיילמאָל האָט אַ קראַנקהייט אַ גוטע פּעולה אויף אַ מענטשן. צעבּרעכנדיק דעם גוף באַפרייט זי דעם גייסט און רייניקט אים אויס. אין די טעג און נעכט פון געצוווּנגענער ליידיקגייעריי דערוועקן זיך געדאַנקען, וואָס האָבן מורא פאַר צו שטאַרקן ליכט און פאַר דער ברענענדיקער זון פון דער אייגענער געזונטקייט. ווער ס'איז קיינמאָל נישט געווען קראַנק, דער האָט זיך אינגאַנצן קיינמאָל נישט דערקענט.

די קראַנקהייט האָט קריסטאָפן אויף אַ באַזונדערן אופן אויסגעאיידלט. זי האָט אים אינגאַנצן אויסגעהיילט פון דער געוויסער גראָבקייט, וואָס איז געלעגן אין זיין נאַטור. ער האָט געפילט מיט די סובטילסטע אָרגאַנען מיסטעריעזע כּוחות, וואָס לעבן אין יעדן פון אונז און וואָס דער רעש פון דער וועלט שטערט אונז זיי אויפצונעמען. נאָך זיין באַזוך אין לוווּר, אין די שעהן פון היץ, וואָס זענען אים געבליבן טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון, האָט ער געלעבט אין אַ וואַרעמער, צערטלעכער און טיפער אַטמאָספער, וואָס איז ענלעך צו רעמבראַנדס אַ בילד. ער האָט אויך געפילט אין האַרצן דאָס מאַגישע ליכט פון דער אומגעזעענער זון. און הגם ער האָט שוין נישט געגלויבט, האָט ער געוווּסט, אַז ער איז נישט אַליין: אַ גאָט האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט און געפירט איבער אַ וועג, דורך וועלכן ער האָט געדאַרפט גיין ווי אַ קליין קינד, האָט ער זיך איבערגעענטפערט צו אים.

צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע יאָרן האָט ער געפילט די באַדערפעניש צו רוען. אפילו די מידקייט בעתן געזונטווערן איז געווען פאַר אים אַן אָפּרו נאָך דער אויסערגעוויינלעכער גייסטיקער מאַטערניש, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר דער קרענק און וואָס האָט גורם געווען זיין שלאַפקייט. ערשט איצט נאָך עטלעכע חדשים פון אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען, האָט ער דערפילט, אַז זיין פאַרגליווערטער בליק איז געוואָרן צאַרטער, בעת זיינע כּוחות ווערן

נישט אָפּגעשוואַכט און ער ווערט מענטשלעכער. דאָס שטאַרקע, אַביסל משונהדיקע לעבן פון דעם גאון האָט זיך געצויגן אויף צוריק; ער איז ווידער געוואָרן אַ געוויינלעכער מענטש, באַפרייט פון יעדן גייסטיקן פאַנאַטיזם, פון אַלץ, וואָס איז האַרט און אַכזריותדיק, בעת עס גייט האַנט ביי האַנט מיט גרויסע מעשים. ער האָט שוין מער קיין זאַך נישט פיינט געהאַט און געטראַכט וועגן די אויפרעגנדיקע זאַכן, הויבנדיק מיט די אַקסלען. ער האָט שוין נישט געטראַכט אַזוי פיל וועגן זיינע אייגענע צרות און מערער געטראַכט וועגן די צרות פון אַנדערע. זינט סידאָניע האָט אים דערמאָנט די שטילע יסורים פון אָרעמע נפשות, וואָס ראַנגלען זיך אָן שום טענות מיט דער וועלט, האָט ער כמעט פאַרגעסן זיין אייגענעם צער. ער, דער לחלוטין נישט עמפּינדלעכער, האָט איצט איבערגעלעבט אַ מיסטישע צערטלעכקייט, וואָס איז געקומען מיט זיין שוואַכקייט און קרענק. אין אָוונט, אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום הויף, האָט ער זיך צוגעהערט צו די מיסטעריעזע קלאַנגען פון דער נאַכט, צו דער שטים פון אַ מענטשן, וואָס האָט געזונגען אין דער שכנותדיקער שטוב, אַ רירנדיקער שטים, אָדער צום שפּיל פון אַ מיידעלע, וואָס האָט מיט קינדערישער תמימות געשפּילט מאָצאַרטן... ער האָט געטראַכט:

— איר אַלע, וואָס איך ליב אייך און קען אייך נישט! איר, וואָס זענט נישט פאַרוועלקט געוואָרן פון לעבן, וואָס טרוימט פון גרויסע זאַכן, אַפילו בעת איר ווייסט, אַז זיי זענען אוממעגלעך; איר, וואָס ראַנגלט זיך קעגן דער פיינטלעכער וועלט, — איך וויל איר זאָלט זיין גליקלעך — ס'איז אַזוי גוט צו זיין גליקלעך... אָ, פריינד מיינע, איך ווייס, אַז איר געפינט זיך נישט ווייט און איך שטרעק אויס צו אייך די הענט... אַ וואַנט איז פאַראַן צווישן אונז. איך וויל זי צעשמעטערן אַ שטיין נאָך אַ שטיין, אָבער אין דער זעלבער צייט וועל איך אויך זיך אַליין חרוב מאַכן. צי וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט דערנענטערן? צי וועל איך דערגיין צו אייך, איידער צווישן אונז וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ נייע וואַנט? — דער טויט?.. — נישט וויכטיק! מיין גאַנץ לעבן וועל איך בלייבן איינזאַם, אַבי צו אַרבעטן פאַר אייך, אַבי אייך גוט צו טון, און איר וועט מיך ליב האָבן אַביסל שפּעטער, נאָך מיין טויט.

אָט אַזוי האָט דער געזונט ווערנדיקער קריסטאָף איינגעזאַפּט אין זיך דאָס מילך פוןביידע קוואַלן: ליבע און נויט.

אין די דאָזיקע שעהן, ווען קריסטאָפס ווילן האָט זיך געבראָכן, האָט ער געפילט די באַדערפעניש זיך צו דערנעענטערן צו אַנדערע. און הגם ער איז נאָך געווען שוואַך און זיך געדאַרפט היטן, האָט ער יעדן אינדערפרי אָפּגעהיט אַרויסצוגיין אין דער צייט, ווען אַ מחנה אַרבעטער האָט, ווי אַ טייך, געשטראָמט פון אַלע רוישנדיקע גאַסן צו זייערע ווייטע אַרבעטס ערטער, אָדער אין אָוונט, בעת זיי זענען געגאַנגען פון אַרבעט. ער האָט זיך געוואָלט אָפּטובלען אין געזונטן לעבן פון מענטשלעכער סימפּאַטיע. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט. נישט בדעה געהאַט צו רעדן. פאַר אים איז געווען צו זען די פאַרבייגייענדיקע מענטשן, כדי צו פאַרשטיין און ליב צו האָבן. ער האָט מיט גרויס רחמנות געקוקט אויף די איילנדיקע אַרבעטער, וואָס די מידקייט פון דעם טאָג איז זיי געלעגן אויף די פּנימער, יונגע מענער, בלייכע יונגע מיידלעך מיט שאַרפע אויסדרוקן אויפן געזיכט און מיט אַ מאָדנעם שמייכל אויף די ליפּן — אויף די דאָזיקע דורכזיכטיקע באַוועגלעכע פּנימער, וואָס אונטער זיי האָבן געשטראָמט שטרעבונגען, דאגות, שטענדיקע איראָניע — דאָס אינטעליגענטע גרויסשטעטישע פאָלק, וואָס איז שוין צו אינטעליגענט און אַביסל קרענקלעך. אַלע איילן זיך. די מענער לייענען צייטונגען, די פרויען עסן נאַשוואַרג. קריסטאָף וואָלט אַוועקגעגעבן אַ חודש פון זיין לעבן, ווען דאָס בלאָנדע מיידל מיט די צעשויבערטע האָר און פון שלאָף אָנגעשוואָלענעם פּנים, וואָס איז פאַרבייגענאַנגען מיט קורצע, שווערע, נערוועישע ציגל-טריט, וואָלט געקאָנט שלאָפן נאָך אַ שעה אָדער צוויי. ער איז געווען זיכער, אַז ווען מען לעגט עס איר פאָר, וואָלט זי נישט אָפּגעזאָגט, ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער אַרויסגעטריבן פון די פאַרמאַכטע הייזער, וואָס גייען אַרום ליידיק און פרייען זיך מיט זייער לאַנגווייליקן גליק; אויף זייער אָרט, אין זייערע בעטן, אין זייער רויק לעבן וואָלט ער אַריינגעפירט די דאָזיקע קליינע ברענענדיקע מידע קערפּער, די נאָך נישט אויס-

געלאָשענע נפשות, וואָס ווילן לעבן. ער האָט זיי איצט אַלץ מוחל געווען און האָט געשמייכלט צו די דאָזיקע אויפגעוועקטע, מידע מענטשן, וואָס זענען געווען אי כיטרע אי נאַיוו, פאַרמאָגט אַ שטאַרקע תמימות־דיקע ליידנשאַפט צו פאַרגעניגנס און דער עיקר—אַ שטאַרקן, ערלעכן און אַרבעטזאַמען גייסט, און ער איז נישט געווען בייז, ווען עטלעכע פאַרבייגייער האָבן אים אַריינגעלאַכט אין פּנים אָדער אַ שטויס גע־טון אין אַקסל, אָנווייזנדיק אויפן גרויסן יינגל מיט די ברענענדיקע אויגן.

ער פלעגט אויך לאַנג שפּאַצירן טרוימענדיק איבער די גאַסן ביים ברעג טייך. ס'איז געווען זיין באַליבסטער שפּאַציר. ביסלעכ־ווייז האָט זיך באַרויקט זיין בענקשאַפט צום גרויסן טייך, ווו ער האָט אָפּגעטובלט זיינע קינדער־יאָרן. אָ, דאָס איז נישט געווען דער „פאָטער רהיין״! נישט זיין מעכטיקע קראַפט, נישט זיינע ברייטע האָריזאָנטן, נישט זיין ליידיקע פלאַך, ווו דער גייסט שוועבט און ווערט פאַרלוירן. אַ גרויאוויגיקער טייך אין אַ בלייך גרינער קלייד מיט פיין־געשניצטע שטריכן, אַ טייך פול חן מיט עלאַסטישע באַוועג־גונגען, וואָס האָט זיך געשלענגלט מיט אַ באַזונדערער עלעגאַנץ, באַ־פוצט אין דער שיינער שטאָט. אירע געביידעס און בריקן, ווי בראַנ־סאָלעטן, די קאָליעס פון אירע מאָנומענטן און איר שיינער שמייכל... דאָס פראַכטפולע ליכט פון פאַריז! ס'איז געווען די ערשטע זאַך, וואָס קריסטאָף האָט אין דער דאָזיקער שטאָט ליב געהאַט. ביסלעכווייז האָט דאָס ליכט אין אים אַריינגעדרונגען; אָן זיין וויסן געביטן זיין האַרץ, געווען פאַר אים די שענסטע מוזיק, די איינציקע פאַריזער מוזיק. ער האָט פאַרבראַכט גאַנצע אָוונטן, שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן ביים ברעג, אָדער אין די גערטנער פון דער אַלטער פראַנק־רייך, געפרייט זיך מיט די האַרמאָניעס פון דעם טאָג־ליכט אויף די גרויסע ביימער, וואָס האָבן זיך געטובלט אין אַ פיאָלעטן נעפּל, אויף די סטאַטועס און גרויע וואַזעס, אויף דעם געשליפענעם שטיין פון די קעניגלעכע מאָנומענטן, וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס ליכט פון דורות; ער האָט זיך געפרייט מיט דער גאַנצער איידעלער אַט־מאָספער, וואָס איז באַשטאַנען פון זון און מילך־נעפל, ווו עס האָט אין דעם זילבער־שטויב אַרומגעשוועבט דער צעשמייכלטער גייסט פון דער ראַסע.

אין איינעם אַן אָוונט איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ

הויז נישט ווייט פון דער טען־מישל-בריק און, קוקנדיק אין וואַסער, פאַרטראַכט געבלעטערט די ביכער פון אַ בוך-הענדלער, וואָס זענען געלעגן אויף אַ טיש. צופעליק האָט ער געעפנט אַ צעפליקט בוך פון מישעלע. ער האָט שוין איינמאָל געלייענט עטלעכע זייטן פון אָט דעם היסטאָריקער, אָבער אים נישט ליב געהאַט צוליב זיין פראַנצויזישער גדלות, אויפגעבלאָזענע פראַזן און פאַרשכורטן סטיל. אָבער יענעם אָוונט איז ער געוואָרן איבעראַשט נאָך די ערשטע עטלעכע שורות: ער האָט פונקט געעפנט דעם סוף פונם פראָצעס איבער זשאַן ד'אַרק. ער האָט געקענט די אָרלעאַנער יונג-פרוי פון שילערס ווערק. נאָר ביז דעמאָלט איז זי געווען פאַר אים נאָר אַ ראָמאַן-העלדין, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט באַשאַפן אין זיין פאַנטאַזיע. אומגעריכט האָט זיך אים אַנטפּלעקט די ווירקלעכקייט און אים צוגעשמידט צום אָרט. ער האָט געלייענט און געלייענט און דאָס האַרץ האָט אים וויי געטון צוליבן טראַגישן גוירל פון דער דערהויבענער געשיכטע; און ווען ער איז צוגעקומען צום מאָמענט, ווען זשאַן דערוווּסט זיך, אַז זי איז פאַרמשפט געוואָרן פאַרנאַכט צום טויט, און האָט געחלשט פון שרעק, האָבן אים גענומען ציטערן די הענט, טרערן זענען אים געפאַלן פון די אויגן און ער האָט געמוזט איבעררייסן דאָס לייענען. די קראַנקהייט האָט אים אָפּגעשוואַכט: ער איז געוואָרן לעכערלעך־עמפּינדלעך. ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף זיך אַליין. — ווען ער האָט געענדיקט דאָס לייענען, איז שוין געווען שפּעט און דער בוכהענדלער האָט צענויפגענומען! זיינע ביכער. ער האָט באַשלאָסן צו קויפן דאָס בוך און גענישטערט אין די קעשענעס. ער האָט געפונען בלויז זעקס סו. ס'פלעגט אָפט טרעפן, אַז דאָס געלט איז אים אויסגעגאַנגען, נאָר ס'האָט אים נישט געאַרט. עסן האָט ער זיך געהאַט אָנגעגרייט אויפן גאַנצן טאָג. און צומאָרגנס האָט ער געדאַרפט קריגן געלט ביי העכטן פאַר באַאַרבעטן מוזיק. אָבער צו וואַרטן ביז מאָרגן איז אים געווען זייער שווער. צו וואָס האָט ער אויסגעגעבן דאָס גאַנצע ביסל געלט אויפן עסן? הלוואי וואָלט ער געקאָנט פאָרלעגן דעם בוכהענדלער זיין ברויט און ווורשט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין טאַש.

דעם צווייטן טאָג גאַנץ פרי איז ער אַריבערגעגאַנגען צו העכטן בעטן געלט. אָבער ווען ער איז אַריבער די בריק, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון קריגס מלאך, — זשאַנעס „גן־עדן-ברודער", —

האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איז געבליבן שטיין. דאָס טייערע בוך איז נאָך געלעגןביים בוכהענדלער אויפן טיש. ער האָט עס איבערגעלייענט ביזן סוף. זיין לייענען האָט געדויערט אַ צוויי שעה און ער האָט דעריבער פאַרשפּעטיקט זיך צו זען מיט העכטן, כדי אים צו טרעפן אין דער היים האָט ער געמוזט פאַרלירן דעם גאַנצן טאָג. לסוף האָט ער אָפּגענומען זיין געלט און געקריגן פרישע אַרבעט. ער איז תיכף געלאָפן קויפן דאָס בוך, כאָטש ער האָט עס שוין געהאַט איבערגעלייענט ביזן סוף. ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָט עס אַן אַנדערער אויסגעכאַפּט. דאָס אומגליק וואָלט נישט געווען אַזוי גרויס, מ׳האָט געקאָנט לייכט קריגן אַנדערע עקזעמפּלאַרן אָבער קריסטאָף האָט נישט געוווּסט, צי איז נישט דאָס בוך אַ יקר המציאות, און אויסער דעם, האָט ער דווקא געוואָלט האָבן דעם עקזעמפּלאַר און נישט קיין אַנדערן. אַ ליבהאָבער פון ביכער איז פּונקט ווי אַ געטשן-דינער. די בלעטלעך, ווו עס שטראָמט אַ קוואַל פון חלומות, זענען פאַר זיי הייליק, אפילו אויב זיי זענען באַפלעקט און שמוציק.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ביי זיך אין צימער, האָט קריסטאָף נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די עוואַנגעליע פון זשאַנס ליידן. קיין שום מענטשלעכער רעספּעקט האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיינע געפילן. צערטלעכקייט, רחמנות, אומענדלעכער ווייטיק האָט ער געפילט צום קליינעם דאָרפס-מיידל און אירע רויטע גראָבע קליידער פון אַ פּויערטע. גרויס, שעמעוודיק, מיט אַ ווייכער שטים, פאַרטרוימט ביים קלאַנג פון די גלאָקן (זי האָט זיי ליב געהאַט, פּונקט ווי ער) ער האָט זי געזען מיט איר שיינעם שמייכל פול מיט ליבשאַפט און גוטסקייט, גרייט שטענדיק צו פאַרגיסן טרערן — טרערן פון ליבע, טרערן פון רחמנות, טרערן פון שוואַכקייט: ווייל זי איז געווען צו דער זעלבער צייט אַזוי מענלעך און אַזוי ווייבלעך, אָט דאָס ריינע העלדישע מיידל, אַז זי האָט געקאָנט אויסהאַלטן פון אַן אַרמיי באַנדיטן און אין דער זעלבער צייט שטיל, מיט איר מוטיקע נאַטור, מיט איר פרויען-סובטילקייט און צאַרטער אויסגעהאַלטנקייט, איינזאַם, פון אַלעמען פאַרלאָזן, לאַנגע חדשים געקעמפט און מבטל געמאַכט די צביעותדיקע געפאַרן פון די כומרים, ריכטער — וועלף און פוקסן, וואָס האָבן זי מיט בלוטפאַרגאָסענע אויגן און קריצנדיקע ציין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

צום שטאַרקסטן האָט קריסטאָפן געריִרט איר גוטסקייט, איר ווייכהאַרציקייט, — דאָס וואָס זי האָט באַוויינט אירע נצחונות, באַוויינט אירע טויטע שונאים און די, וואָס האָבן זי געזידלט, געטרייסט די פאַרוווּנדעטע, געהאָלפן זיי פאַרן טויט, נישט געטראָגן קיין האַס צו די, וואָס האָבן זי פאַרראַטן און אַפילו אויפן שייטער הויפן, בעת די פלאַמען האָבן זי אַרומגענומען, נישט געטראַכט וועגן זיך נאָר וועגן דעם מאָנאַך, וואָס האָט זי געטרייסט און וועלכן זי האָט געהייסן אַוועקגיין. זי איז געווען „אין דער אַכזריותדיקער מלחמה צאַרט, גוט צווישן די שלעכטע, פרידלעך אַפילו בעתן קריג. זי האָט אין דער מלחמה, אין דעם נצחון פון טייוול, געבראַכט דעם גייסט פון גאָט".

און קריסטאָף האָט געמאַכט אַ שטיקל חשבון-הנפש און האָט געטראַכט:

— איך האָב נישט געבראַכט דעם גייסט פון גאָט.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די שיינע ווערטער פונם עוואַנגעליסט:

„זיי גוט, בלייב אַ גוטער, ווען מענטשן טוען דיר עוולות, און דיין גורל איז ביטער... זיי אַן עניו און טו גוטס, אַפילו בעת אַ פאַרביטערטן קריג, טראָג איבער די נסיונות פון לעבן און לאָז זיי נישט אָנרירן דיין אינערלעכן אוצר..."

און ער האָט נאָכאַמאָל געלייענט:

„כ'האָב געזינדיקט. כ'בין געווען שלעכט. כ'האָב שלעכטס געטון. כ'בין געווען צו שטרענג. — זייט מוחל. מיינט נישט, אַז איך בין אייער שונא, איר, מיט וועלכע איך האָב מלחמה. כ'האָב אייך געוואָלט גוטס טון, אייך אויך... אָבער איך מוז אייך אָפּרעדן פון צו טון שלעכטס..."

און אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין הייליקער, איז גענוג געווען אַ טראַכט צו טון וועגן יענעם מענטשן, עס זאָל זיך אין אים ווידער דערוועקן די שנאה. ער האָט זיי נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער זעט זיי, וואָס ער זעט דורך זיי פראַנקרייך. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אָט די בלום פול מיט ריינקייט און העלדישער פּאָעזיע זאָל קאָנען וואַקסן אויף דער דאָזיקער ערד. און דאָך איז עס אַזוי געווען. און ווער וואָלט זיך אונטערגענומען צו זאָגן, אַז עס קאָן נישט טרעפן נאָכאַמאָל? פראַנקרייך פון דער געגנוואַרט האָט נישט געקאָנט זיין ערגער, ווי פראַנקרייך אין די צייטן פון קאַרל דעם VII, ווי דאָס אויסגעלאַסענע פּאָק, פון וואַנעט עס איז אַרויסגעקומען

דאָס מיידל. דער טעמפּל איז איצט געווען וויסט, שמוציק. האַלב חרוב. ס'מאַכט נישט אויס! גאָט רעדט אין אים.

קריסטאָף האָט געזוכט אַ פראַנצויז. וועלכן ער זאָל קענען ליב האָבן מיט דער ליבע צו פראַנקרייך.

ס'איז געווען סוף מערץ, גאַנצע חדשים האָט קריסטאָף נישט גע־רעדט מיט קיין מענטשן און נישט באַקומען קיין בריוו, אויסער, פון צייט צו צייט עטלעכע ווערטער פון זיין אַלטע מאַמע, וואָס האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז קראַנק, ווייל ער האָט עס איר נישט געשריבן. זיינע באַציונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט זענען איצט באַשטאַ־נען נאָר אין דעם, וואָס ער פלעגט גיין אין די מוזיק־געשעפטן קריגן אַרבעט. ער פלעגט דאָרט גיין אין אַ צייט, ווען העכט איז נישט גע־ווען אין שטוב, כדי צו פאַרשפּאָרן מיט אים צו שמועסן. די פאָרזיכ־טיקייט איז געווען איבעריק: דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט דאָרט געטראָפן העכטן, האָט זיך יענער מיט עטלעכע גלייכגילטיקע ווערטער באַגרעפּרעגט אויף זיין געזונט.

אָט אַזוי איז ער געווען פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה פון שווייגן, ביז ער האָט אַ געוויסן פרימאָרגן באַקומען פון דער מאַדאַם רוסען אַן איינלאַדונג אויף אַ מוזיקאַלישן אָוונט; מ'האָט געזאָלט שפּילן א באַ־רימטן קוואַרטעט. דער בריוו איז געווען זייער פריינדלעך, און רוסען אַליין האָט צוגעגעבן עטלעכע שורות. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויס נחת פון דער מחלוקת מיט קריסטאָפן, דער עיקר איצט, ווען ער איז זיך צוגאַנגען מיט זיין געליבטער און זי גענומען האַרב משפטן. ער האָט חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה. ער איז גע־ווען אַ גוטער מענטש און קיינמאָל נישט געטראָגן קיין כעס אויף די מענטשן, וועלכע ער האָט געטון אַן עוולה. ווען זיינע קרבנות האָבן געפילט די באַליידיקונג שטאַרקער ווי ער אַליין, איז עס אים אויסגע־קומען לעכערלעך. און ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט זיי נאָכאַמאָל צו זען, האָט ער זיי געגרן אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

לכתחילה האָט קריסטאָף געהויבן מיט די אַקסלען און געשוואָרן, אַז ער וועט אַהין נישט גיין. אָבער וואָס מער ס'האָט זיך דערנענ־

טערט **דער** טאָג פון קאָנצערט, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין באַשלוס. ער האָט נישט געקאָנט לעבן אָן אַ מענטשלעך וואָרט און דער עיקר — אָן אַ מוזיקאַלישן קלאַנג. די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט, אַז זיין פּוס וועט נישט איבערטרעטן זייער שוועל. נאָר ווען ס'איז געקומען דער אָוונט, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איז געגאַנגען, כאָטש ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער איז אַזוי שוואַך.

און ער איז טאַקע באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר:

ווי נאָר ער איז אַריין אין זאַל און דערזען די אַלע פּאָליטיקער און פּיליסטער, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער עקל. אין די לאַנגע חדשים פון דער איינזאַמקייט האָט ער זיך אָפּגעוואוינט פון דער דאָזיקער מענאַזשעריע. אין אַזאַ געזעלשאַפט האָט ער נישט געקאָנט הערן קיין מוזיק. ס'איז געווען אַ חילול הקודש. ער האָט באַשלאָסן אַוועקצוגיין באַלד נאָכן ערשטן טייל.

זיינע אויגן האָבן אַרומגעשוועבט איבער די אַנטיפּאַטישע פּנימער. פּלוצלינג האָט ער באַגעגנט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן אים אַ ווילדע אָנגעקוקט און באַלד אָפּגעווענדט דעם בליק. ס'איז געווען אין זיי אַ באַהאַלטענע אויפריכטיקייט, וואָס האָט צווישן די אַלע טעמפּע בליקן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. דאָס זענען געווען אַ פּאָר שעמעוודיקע, אָבער אַ פּאָר העלע אויגן מיט אַ שאַרפן בליק, אמת-פראַנצויזישע אויגן, וואָס ווען זיי קוקן דיר אָן, זעען זיי דיך דורך און דורך, אויגן, וואָס באַהאַלטן גאַרנישט וועגן זיך און וואָס קיין זאַך קאָן זיך פאַר זיי נישט באַהאַלטן. ער האָט געקענט די דאָזיקע אויגן, נאָר נישט געדענקט, ווו ער האָט זיי געזען. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן אַן ערך פון צוואַנציק ביז פינף און צוואַנציק יאָר, אַ נידעריקער, אַ ביסל איינגעבויגן, מאָגער, אָן אַ באָרד מיט אַ בלייכן קרענקלעכן פּנים, מיט שאַטינע האָר, און רעגלמעסיקע פיינע שטריכן אין אַ געוויסער אומסימעטרישקייט, וואָס האָט אויסגעדריקט עפּעס אומרויקס, באַחנטס, און איז געשטאַנען אין אַ סתירה צו דער רויקייט פון די אויגן. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען ביי אַ טיר פון זאַל, און קיינער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלעגט. קריסטאָף האָט אים ווידער אָנגעקוקט און ווידער באַגעגנט זיין בליק, וואָס האָט זיך שעמעוודיק אין מיט סימפּאַטישער אומגעשיקטקייט אָפּגעווענדט אָן אַ זייט. קריסטאָפן האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז ער קען זיינע אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט זיי אַמאָל געזען ביי אַ צווייטן מענטשן.

נישט קאָנענדיק לויט זיין שטייגער באַהאַלטן זיינע געפילן, איז קריסטאָף צוגעגאַנגען צום יונגנמאַן. ער האָט זיך געטראַכט בעת מעשה, וואָס ער קאָן אים זאָגן. ער האָט זיך דעריבער אַרומגעדרייט, געקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי ער וואָלט פלומרשט גע־גאַנגען סתם אַזוי. יענער האָט עס באַמערקט און פאַרשטאַנען, אַז קרי־סטאָף גייט צו אים; ער האָט געטראַכט, אַז קריסטאָף וויל מיט אים עפּעס רעדן און איז אַזוי שטאַרק צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט גע־וואָלט אַנטלויפן אין צווייטן צימער. אָבער דווקא די פאַרלעגנהייט האָט אים צוגעשמידט צום אָרט. זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. ס'האָט געדויערט עטלעכע מינוט, ביז זיי האָבן געפּועלט ביי זיך צו נעמען רעדן. וואָס לענגער די לאַגע האָט אַזוי געדויערט, אַלץ מער האָט זיך יעדן איינעם פון זיי געדאַכט, אַז ער זעט אויס לעכערלעך אין דעם צווייטנס אויגן. לסוף האָט קריסטאָף אַ קוק געטון אויפן יונגערמאַן און אָן שום הקדמות זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל און מיט אַ שאַרפן טאָן.

— איר זענט נישט קיין פאַריזער?..

דער יונגערמאַן האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט אויף דער אומגעריכטער פראַגע, אַז ניין. זיין שוואַכע שטים האָט פאַרמאָגט אַ פאַרבאָרגענעם קלאַנג, ווי אַ האַרמאָנישער אינסטרומענט.

— כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען. — האָט קריסטאָף געזאָגט.

און זעענדיק, אַז זיין מאָדנע באַמערקונג האָט אַריינגעבראַכט יענעם אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט ער צוגעגעבן:

— ס'איז נישט קיין פאַרוואורף.

אָבער יענער איז נאָך שטאַרקער צעטומלט געוואָרן.

זיי זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. דער יונגערמאַן האָט גע־פּרוווט רעדן. זיינע ליפּן האָבן געציטערט. ס'איז געווען קענטיק, אַז עס ליגט אים אויפן צונג אַ גאַנצער זאַץ, נאָר ער האָט נישט קיין מוט עס צו זאָגן. קריסטאָף האָט נייגעריק באַטראַכט זיין באַוועגלעך פּנים, וואָס אונטער זיין הויט איז כסדר דורכגעגאַנגען אַ לייכטע צי־טערניש. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיין פּנים וואָלט געקנאָטן געוואָרן פון אַן אַנדער ליים, ווי די איבעריקע מענטשן פון זאַל מיט זייערע דיקע גראָבע פּנימער, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן, צוזאַמען מיטן האַלז פון איין שטיק. זיין פּנים איז געווען אַן אויסדרוק פון גייסט, אין יעדן קעמערל פון זיין קערפּער האָט פולסירט אַ גייסטיק לעבן. ער האָט

בשום אופן נישט געקאָנט רעדן. קריסטאָף האָט גוטמוטיק גערעדט ווייטער:

— וואָס טוט איר דאָ, צווישן די דאָזיקע ברואים?

ער האָט גערעדט אויפן קול מיט יענער מאָדנער פרייהייט, וואָס צוליב איר האָבן אים אַלע פיינט געהאַט. דער צעטומלטער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, צי קיינער האָט עס נישט געהערט, אָט די באַוועגונג איז קריסטאָפן נישט געפעלן געוואָרן. אָנשטאָט צו ענטפערן אויף קריסטאָפס פראַגע, האָט ער מיט אַן אומגעשיקטן איידעלען שמייכל געפרעגט:

— און איר?

קריסטאָף האָט זיך שטאַרק צולאַכט מיט זיין שהדרן געלעכטער.

— טאַקע, און איך?—האָט ער פריילעך געפרעגט.

דער יונגערמאַן האָט זיך אַביסל אויפגעמונטערט.

— כ'האָב זייער ליב אייער מוזיק!—האָט ער געזאָגט מיט אַ געשטיקטער שטים.

ער האָט באַלד איבערגעריסן און אומזיסט זיך באַמיט צו באַהערשן זיין שעמעוודיקייט. ער איז רויט געוואָרן, דערפילט, אַז ער איז געוואָרן רויט, און געוואָרן נאָך רויטער, ביז איבער די אויערן.

קריסטאָף האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און געוואָלט ממש קושן. דער בחור האָט אויפגעהויבן פאַרצווייפלט די אויגן..

— ניין, באמת,—האָט ער געזאָגט,—איך קאָן נישט.. —איך קאָן דאָ נישט רעדן.. נישט דאָ...

קריסטאָף האָט אים גענומען אונטערן האַנט, מיט אַ שטומען שמייכל אויף זיין ברייטן פאַרמאַכטן מויל. ער האָט געפילט, ווי די דאַרע פינגער פון דעם אומבאַקאַנטן מענטשן ציטערן אין זיין האַנט און נעמען זי אַרום מיט אַ געצוווּנגענער צערטלעכקייט; און דער יונגערמאַן האָט געפילט קריסטאָפס שטאַרקע האַנט, וואָס האָט האַרציק געדרוקט זיינע. דער אַרומיקער רעש פון סאַלאָן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. זיי זענען געווען אַליין און האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען פריינד.

אין אַ ווײַלע אַרום איז צוגעקומען מאַדאַם רוסען און לייכט אָנגערירט מיטן פאָכער קריסטאָפס האַנט. זי האָט געזאָגט:

— איך זע, אַז איר קענט זיך שוין און ס'איז איבעריק אייך צו באַקאַנען. אָט דער בחור איז געקומען אויפן אָוונט אייך צו זען.

זיי זענען זיךביידע צעגאַנגען אַביסל פאַרשעמט.
קריסטאָף האָט געפרעגט מאַדאַם רוסען:
— ווער איז ער?
— וואָס?—האָט זי אויסגערופן — איר קענט אים נישט? דאָס איז אַ יונגער פּאָעט, וואָס שרייבט זייער שיין. ער איז איינער פון אייערע אָנהענגער. ער איז אַ גוטער מוזיקער און שפּילט גוט פּיאַנינאָ. אין זיין געגנוואַרט טאָר מען וועגן אייך נישט רעדן. ער איז פאַרליבט אין אייך, איינמאָל האָט ער זיך שיר נישט צעקריגט צוליב אייך מיט לוסיען לעווי-קער.
— אַ טייער יינגל!—האָט אויסגערופן קריסטאָף.
— יאָ, איך ווייס. איר האָט עפּעס טענות צום אָרעמען לוסיען. און דאָך האָט ער אייך אויך ליב.
— זאָגט עס נישט, כ׳וואָלט זיך אַליין נמאס געוואָרן ביי מיר אין די אויגן.
— באמת?
— בשום אופן נישט! איך פאַרוועהר עס אים.
— דאָס זעלבע האָט דאָך געטון דער יונגערמאַן, וואָס איז פאַרליבט אין אייך. איר זענט ביידע אַ פּאָר משוגעים. לוסיען האָט אונז געוואָלט געבן צו פאַרשטיין איינס פון אייערע ווערק, האָט זיך אויפגעהויבן דער דאָזיקער שעמעוודיקער בחור, ציטערנדיק פון כעס, און פאַרווערט צו רעדן וועגן אייך. געזען אַ חוצפּה! צום גליק בין איך געווען דערביי און גענומען לאַכן. לוסיען האָט זיך אויך צעלאַכט, און יענער איז אַ צעטומלטער אַנטשוויגן געוואָרן. לסוף האָט ער איבערגעבעטן.
— אָרעם יינגל!—האָט קריסטאָף געזאָגט.
ער איז געווען גערעכט.
— ווי איז ער אַוועקגעגאַנגען?—האָט ער געפרעגט, נישט הערנדיק וואָס מאַדאַם רוסען רעדט צו אים.
ער איז אים געגאַנגען זוכן, נאָר דער אומבאַקאַנטער פריינד איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.
קריסטאָף איז אָבער צוגעגאַנגען צו מאַדאַם רוסען:
— זאָגט מיר, ווי ער הייסט.
— ווער?—האָט זי געפרעגט.
— דער, מיט וועלכן כ׳האָב גערעדט.

— אייער קליינער פּאָעט? ער הייסט אָליווער זשאַנען.

דער דאָזיקער נאָמען האָט געקלונגען אין קריסטאָפס אויערן, ווי באַקאַנטע מוזיק, אַ סילועט פון אַ יונג מיידל האָט אַ וויילע דורכגעשוועבט פאַר די אויגן פון זיין נשמה. נאָר דאָס נייע בילד פון זיין פריינד האָט אַלץ אָפּגעמעקט.

קריסטאָף האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ער איז געגאַנגען דורך די פּאַריזער גאַסן צווישן אַ המון מענטשן. ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט, זיינע חושים זענען געווען פאַרמאַכט פאַר דער אויסערלעכער וועלט. ער איז געווען ווי אַן אָזערע, אָפּגעטיילט מיט אַ צוים פון בערגלעך פון דער איבריקער וועלט. קיין שום אָטעם, קיין געוויש, קיין טומל. און ער האָט זיך איינגעחזרט:

— איך האָב אַ פריינד.